YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i04

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 4
February 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 4)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/2

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּ-לאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

ol. I. No. 4. Price 3 cents. Friday, February 7, 1919. פרייטאָג, דעם 7טען פעברואַר, 1919

אינהאַלט-פאַרצייכניס
נומער 4 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. אַ גוטער מזל'דיגער אַנהויב. וואָרט וועגען גרויסען סטרייק-פאָנד פ[ון] די קלאָוקמאַכער—רעדאַקציע.

זייט 2. ביי אונז אין לאַנד (די וויכטיגס[טע] פּאַסירונגען פון וואָך — הלל ראָגאָף. דער בויערן באַלל.

זייט 3. מיטינג פון דזשאָינט באָארד פ[ון] דער קלאָוק מאַכער יוניאָן—ל. לאַנגנע[ר] 1909—1919 — פאַניע מ. קאָהן.

זייט 4. עקאָנאָמיע און עפּישענסי אין ד[ער] קלאָוקמאַכער יוניאָן אין נויאָרק—פיל[יפּ] קאַפּלאַוויטש. דזשאָינט באָארד פון ד[ער] קלאָוקמאַכער יוניאָן גיט 50 טויזענד ד[אָ]לאַר פאַר דעם וויסטמאַכער סטרייק.

זייט 5. ביי די שטיק שניידער און סעמפּ[ל] מאַכער — ד. רובין. וואָס הערט זיך ב[יי] די רייניקאָוט מאַכער? — ס. פרידמאַ[ן]. אין דער ריפּערמאַכער יוניאָן לאָקאַל 7 — דזש. העללער.

זייט 6. אַ בריעף פון קליוולאַנד—מ. פּערל-שטיין. דער זיעג פון דער פּאַריער[ס] יוניאָן.

זייט 7. אין טעאַטער—יענטע סעראָצקי[ן].

זייט 8. מאַנירען—מרים קאַרפּילאָוו. אי[ב]ער געבאָרג (ראָמאַן)—קעללערמאַן.

זייט 9. שלום פון „מאַנירען" און ראָמאַן

זייט 10. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ ביכעל.

זייט 11. די מורא פאַר אַ מאַסען-אימיגראַ-ציאָן אין אַמעריקאַ—ליליפּוט.

זייט 12. די לעבענס פּראָבלעמען פון דע[ר] ארבייטער מיידעל—דזשוליעט סטואַרט פּאָינטץ. דער קאַמפף פאַר דער עקזיס-טענץ פון דער וויסטמאַכער יוניאָן — וויליאַם ליבערמאַן.

זייט 13. אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער וועלט—וויליאַם מ. פייגענבוים.

זייט 14. די סטרייק באַוועגונג אין ענגלאַנד און איהרע אורזאַכען—א. זעלדין. אַה, די מענער (פעליעטאָן)—אַרקאַדיע אַווער-טשענקאָ.

זייט 15. פראַנץ מעהרינג—דר. אסתר לו-ריע. אַ באַגריסונג—ה. וויינער.

זייט 16. קורצע שמועסען צווישען רעדאַק-טאָר און לעזער. לעבען און טעטיגקייט אין אונזער יוניאָן—ל. פינקעלשטיין.

זייט 17. געסעטעלטע פירמען אין דרעס און וויסט סטרייק.

זייטען 18—19. אַדווערטייזמענטס.

זייט 20. אַ געדענקווירדיגער מאָנטאָג.—סטעף-רעפּאָרטער.

אַ גוטער, מזל'דיגער אַנהויב:

פאַרגעסט ניט די גרויסע פּיקעט-דעמאָנסטראַציע נעקסטען מאָנטאָג!

מעהר ווי אַ דריטעל פון די סטרייקער פון דער לײדיס וויסט מייקערס יוניאָן, איבער 12 טויזענד אין צאָהל, צוריק צו דער ארבייט. — די האָלסייל דרעס מאַנופעקטשורערס אסס'ן און די דרעס-קאָנטראַקטאָרס מאַנופעקטשורערס אסס'ן שליסען אָן אגרימענט מיט דער יוניאָן, אין וועלכען זיי אונטערשרייבען זיך אונטער אַלע יוניאָן-באַדינגונגען, און לייגען איין יעדער צו 20 טויזענד דאָלאַר קעש סעקיוריטי, אַז דער אגרימענט זאָל אָפּגעהיט ווערען אין אַלע פּרטים. — 12 טויזענד ארבייטער האָבען שוין געוואונען 44 שטונדען אַ וואָך, אַ העכערונג פון צעהן פּראָ-צענט גלייך, מיט דעם תנאי, אַז די איבעריגע 5 פּראָצענט, פאַר די שטיק ארבייטער. און די 15 פּראָצענט פאַר די וואָך ארבייטער זאָלען דעפּאָזיטעט ווערען מיט דער יוניאָן פאַר אַ קורצע צייט, ביז אַן אַרביטרייטאָר, וואָס זאָל זיין אָדער לואיס מאַרשאַל, אָדער פריינק פּ. וואָלש, אָדער דזשאָדזש דזשוליען וו. מעק וועט אַרויסגעבען זיין ענטשיידונג וועגען דעם. קיינע דיזטשאַר-דזשעס אָהן אַ טרייעל אין דעם משך פון 48 שטונדען. פון נעקסטע וואָך אָן הויבען אָן די סטריי-קער צו קריגען סטרייק בענעפיטס. — די וועלכע האָבען זיך שוין צוריקגעקעהרט צו דער אַר-בייט, האָבען זיך פאַרפּליכטעט צו שטיצען די סטרייקערס מיט 10 פּראָצענט פון זייערע ווי-דזשעס, אַזוי לאַנג ווי דער סטרייק וועט אָנהאַלטען. די דזשאָינט באָארד באַשטימט צו שטי-צען די לײדיס וויסט און דרעס מייקערס יוניאָן מיט 50 טויזענד דאָלאַר. אַ טשעק פון די ערש-טע 25 טויזענד דאָלאַר שוין אַריינגעשיקט.

פונקט צוויי וואָכען נאָכדעם, ווי די לײדיס וויסט און דרעס מייקערס יו-ניאָן האָט ערקלערט אַ גענעראַל סטרייק פון אַלע לײדיס וויסט און דרעס מיי-קערס, ווייל די לײדיס וויסט מאַנופעק-טשורערס אסס'ן האָט זיך גע'חלומ'ט אַז ענדליך איז געקומען זייער צייט, דאָס איצט מוז די יוניאָן געבראָכען ווערען, וואָרים אויב ניט איצט, טו ווען? ערשט צוויי וואָכען נאָכדעם, ווי דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען, אין וועלכען די באַסעס האָבען געהאָפּט צו געווינען בלויז מיט איין מעגליכער וואָפע — מיט אויסהונגערען די ארבייטער, איז דער סטרייק פון די ארבייטער שוין כמעט אַ געוואונענער. ניין, איז שוין פאָלשטענ-דיג געוואונען, ווייל עס איז ניטאָ איין שאַנס פון הונדערט, אַז די ארבייטער זאָ-לען פאַרלירען.

לעצטען דינסטאָג, ווען די „האָלסייל דרעסס מאַנופעקטשורערס אסס'ן" פון איין זייט און די דרעס-קאָנטראַקטינג מאַ-נופעקטשורערס פון דער אַנדערער זייט, וועלכע באַשעפטיגען איבער 8 טויזענד ארבייטער, האָבען זיך פאַרפּליכטעט אָנ-צונעמען אַלע יוניאָן באַדינגונגען, און אויך זיך פאַרפּליכטעט ניט צו קויפען און ניט צו מאַכען קיין ארבייט, און אויך ניט פאַרקויפען זייער סחורה צו קיינע שעפּער, מיט וועמען די יוניאָן האָט איר-גענד וועלכען סכסוך, און פאַר וואָס זיי, ביידע אַססאָסיאיישאַנס צוזאַמען, האָבען איינגעלייגט ביי דער יוניאָן 40 טויזענד דאָלאַר קעש, אַלס סעקיוריטי; לעצטען דינסטאָג, פונקט צוויי וואָכען, זינט דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען, ווען די דרעס קאָנטראַקטינג מאַנופעקטשור-ערס און די האָלסייל דרעס מאַנופעק-טשורערס, איבער 350 אין צאָהל, האָבען אונטערגעשריבען דעם יוניאָן אגרימענט, לויט וועלכען אַן ארבייטס-וואָך פון היינט אָן און ווייטער מאָר ניט און וועט ניט זיין מעהר ווי 44 שטונדען, און דאָס דער ארבייטס-לוין איז געהעכערט געוואָרען מיט 10 פּראָ-צענט, און וועגען די איבעריגע 5 פּראָצענט פאַר די שטיק ארבייטער און די 15 פּראָ-צענט פאַר די וואָך-ארבייטער וועט אַר-ביטרירט ווערען, אָבער דערווייל מוז דאָס געלד יעדע וואָך דעפּאָזיטעט ווערען אין דער יוניאָן; לעצטען דינסטאָג, ווען די צוויי אונטערצייכענטע באַסעס אַססאָסיאַ-שאַנס האָבען איינגעשטימט, אַז אַן אַר-בייטער מאָר ניט געסעקט ווערען לויט דעם זיסען ווילען פון באָס, נור דאָס ער איז שולדיג די ארבייטער אַן ערקלע-רונג פאַר זיין האַנדלונג, — אָט דעם דינסטאָג איז אונטערגעשריבען געוואָרען אויך דער טויט-אורטייל פאַר דעם גאַנ-צען שעהן-אויסגעקלינגעלטען פּלאַן פון די מאַנופעקטשורערס, וועלכע האָבען דורך זייער בלינדע עקשנות געצוואונגען ממש די ארבייטער צו ערקלערען זיי אַ סטרייק.

ביי די דאָזיגע מאַנופעקטשורערס זיינען מיט איינמאָל אַרויסגעריסען געוואָ-רען פון זייערע הענד אַלע זייערע וואָפען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך עס צוגעגרייט צום קאַמפּף: זייער געשריי, אַז אָהן דאָס רעכט פון אַרויסצוואַרפען יעדען ארביי-טער, ווען נאָר עס פאַרגלוסט זיך זיי, קע-נען זיי ניט אָנפיהרען זייער ביזנעס, קלינגט איצט קאָמיש אין דעם פנים פון דעם געשעהענעם פאַקט, ווען דריי הונ-דערט און פופציג באַסעס ערקלעהרען, אַז די באַדינגונג פון דער זייט פון די אַר-בייטער איז אַ גאַנץ פאַרנינפטיגע, און אַז זיי זיינען באַרייט הייליג אָפּצוהיטען אָט די באַדינגונג. אויך קענען די באַ-סעס פון דער לײדיעס וויסט מייקערס אסס'ן איצט מעהר ניט טענה'ן, אַז צו באַוויליגען דעם פאַרלאַנג פון די ארביי-טער: אַ 44-שטונדיגע ארבייטס-וואָך און אַ העכערונג אין לוין, מיינט פאַר זיי אמת'ער באַנקראָט. אָט האָבען דאָך אי-בער 350 מאַנופעקטשורערס איינגעווי-ליגט אויף דעם, און ניט נאָר האָבען זיי ניט מורא פאַר קיין באַנקראָט, נאָר זיי רעכענען נאָך צו מאַכען אַ שעהנעם פּראָ-פיט. די הונדערטע מאַנופעקטשורערס זיינען דאָך אין טרייד ניט פון נעכטען. זיי זיינען אויך ניט קיין וואָלאַנטיורניקעס. זיי האָבען געלד, זיי האָבען איינגעלעגט אין דער יוניאָן 40 טויזענד דאָלאַר קעש. זיי ווייסען, אַלזאָ, וואָס זיי טוען. און ווען די קענען עס, דאַרפען עס אויך קענען די באַסעס פון דער אסס'ן.

און די ערגסטע בשורה פאַר די אסס'ן באַסעס האָט געוויס געמוזט זיין דער באַ-שלוס פון דער דזשענעראַל סטרייק-קאָמי-טע שוין נעקסטע וואָך אָנהויבען צו צאָה-לען סטרייק-בענעפיטס צו אַלע סטרייקער, וועלכע וועלען נאָר זיך נויטיגען. דאָס האָט זיכער געמוזט זיין אַן אמת'ער סאָ-לאַר פּלעקסוס קלאַפּ פאַר די באַסעס. באַ-טראַכט נאָר: פון איין זייט וועלען 12 טויזענד ארבייטער אַריינטראָגען יעדע וואָך, אַזוי לאַנג ווי דער קאַמפּף וועט אָנגעהן, אין דער יוניאָן צעהן פּראָצענט פון זייערע וויידזשעס; פון דער אַנדערער זייט איז שוין דער דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אַרויס מיט דעם שעהנעם ברידערליכען בייטראָג פון 50 טויזענד דאָלאַר, און שוין געשיקט די העלפט פון דעם אין קעש. עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אַז פונקט אַזוי גרויס-מוטיג וועט זיך אָפּרופען די גאַנצע אי-דישע און ניט-אידישע ארבייטער-באַוועגונג, טו ווערט דאָך צושמאָלצען ווי אַ זייפען-בלאָז דער גאַנצער באַסישער חלום צו באַזיעגען די סטרייקער דורך דעם הונ-גער-ביטש.

אָט דאָס איז די לאַגע פון דעם סטרייק פון די לײדיעס וויסט מייקערס ערשט צוויי וואָכען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעפאַנגען. זי איז פול מיט ערמוטי-גונג פאַר די ארבייטער, און פונקט אַזוי פול מיט פינסטערען יאוש פאַר די באַ-סעס. די ארבייטער מעגען איצט זיכער זיין, אַז זייער קאַמפּף איז שוין אַ גע-וואונענער; און, אויב די באַסעס קענען נאָר אַביסעל טראַכטען, מוזען זיי איצט וויסען, אַז זיי האָבען זייער ביזנעס שפּיעל פאַרלאָרען, און אַז עס איז ניטאָ פאַר זיי די מינדעסטע האָפנונג אויסצופיהרען דאָס מינדעסטע דורך אַ פיעל לענגערען אָנ-האַלטען פון דעם קאַמפּף. נאָר אַ ביסע-לע נאָכדענקען, און זיי וועלען מוזען קו-מען צום שלום, אַז זייער איינציגע רע-טונג פון זייער גאַנץ אונגליקליכער אַוואַנ-טיורע, אין וועלכער זיי זיינען באַרפיהרט געוואָרען סיי דורך זייער זעלבסטזוכט און סיי דורך זייער קורצזיכטיגקייט, איז זיך אונטערצוגעבען.

יע, די מאַנופעקטשורערס מוז דער לעצטער דינסטאָג געבען פיעל צו טראַכטען. און וואָס גיכער זיי וועלען זיך דערטראַכטען צום געדאַנק אויפצוגעבען דעם ביזנעס שפּיעל, דאָס בעסער און גע-זינטער פאַר זיי, נעוואָר מיינד זייער חכמה'דיגען לאָיער, וועלכער איז דער איינציגער, וואָס האָט אַ ווירקליכען אינ-טערעס, אַז דער אונגליקליכער סטרייק פאַר די באַסעס זאָל זיך ציהען וואָס לענ-גער.

צום גרויסען סטרייק פאָנד פון די קלאָוקמאַכער

דער באַשלוס פון דער דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן צו שאַפען אַ גרויסען פאָנד, צו וועלכען יעדער קלאָוק מאַכער דאַרף בייטראָגען די סומע פון 5 דאָלאַר, דראָף, מוז אַפּעלירען צו יעדען דענקענדען קלאָוק מאַכער, וועלכער פאַר-שטעהט די לאַגע, און וועלכער ווייס, אַז דער פאָנד, און אַ ריזיגער פאָנד, איז אַבסאָלוט נויטיג אום צו קענען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָבשאַפען די אונגליקליכע שטיק-ארבייטס-סיסטעם און איהר פאַרבער-טען אויף די סיסטעם פון וואָך-ארבייט, וואָס דאָס איז דער איינציגער ראַדיקאַלער מיטעל, ווי איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו פאַרזיכערען די קלאָוק מאַכער מיט זייער עקזיסטענץ אַלס ארבייטער און מענשען, ווי אויך שטעלען די גאַנצע קלאָוק אינדוס-טריע אויף אַ פעסטען באָדען.

מיר קאָנען זיך מאָמענטאַן ניט פאַר-ברייטען וועגען דעם, און באַטראַכטען די וויכטיגקייט פון דער אונטערנעהמונג פון אַלע שטאַנדפּונקטען. מיר וועלען צו דעם זיך נאָך צוריקקעהרען. אָבער צו איין פּונקט מוזען מיר ציהען די אויפמערק-זאַמקייט פון די קלאָוקמאַכער.

די געפּלאַנטע רעוואָלוציע אין אונזער טרייד קען בעצם זיין אַ גאַנץ פרידליכע, ווען די באַסעס זאָלען עס נור ריכטיג באַ-גרייפען, אַז די געפּלאַנטע רעוואָלוציע איז בשום אופן ניט געגען זייערע אינטערע-

א ריעזיגע פיקעט דעמאנסטראציע דעם מאנטאג ביי די וויסט און דרעס שעפער

די גאסען וואו עס געפינען זיך די שעפער וואס זיינען אין סטרייק דארפען זיין פול מיט פיקעטס דעם מאנטאג 7 אזייגער אין דער פריה. סטרייקערס און סטרייקערינס, קומט אלע!

מיר האבען שוין דא אונטען געשריבען א ווארט צו די פיקעטס אין דעם וויסט און דרעסמאכער סטרייק. איצט אבער, נעהענדיג צום פרעס, לאזט מען אונז וויסען, דאס אויף דעם מאנטאג, 7 א זייגער אין דער פריה, דעם 3טען פעברואר, וועט זיין נאר א באזונדער פיקעט-דעמאנסטראציע אין דעם וויסט און דרעס דיסטריקט, ארום די שעפער וואס זיינען דארט אין סטרייק.

די צעהנדליגער טויזענדער סטרייקער, אין זייער גאנצער מאכט דארפען זיין ביי דער פיקעט דעמאנסטראציע! די באַסעס רופען די ארבייטער זיי זאלען קומען אלס סקעבס צו דער ארבייט, טו לאמיר זיי, שוועסטער און ברידער, ווייזען, דאס קומען וועלען מיר — מיר וועלען אבער נים קומען ארבייטען, מיר וועלען קומען בלויז א בליק טאן פון דרויסען אויף די פוסטע, וויסטע שעפער, אין וועלכע עס הערשט איצט א טויטע שטילקייט. לאמיר זיי צייגען דאס מיר זיינען דא, מיר זיינען גרייט צו ארבייטען, מיר וועלען אבער דאס נים טאן סיידען די מאנופעקטשורערס וועלען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון אונזער יוניאן.

שוועסטער און ברידער! אויף צו דער גרויסער פיקעט דעמאנסטראציע מאנטאג גאנץ פריה!

עס לעבע דער קאמפף! עס לעבע דער זיעג!

א ווארט וועגען סטרייק אין אלגעמיין

אונזער גרויסער סטרייק שטעהט אויסגעצייכענט! עס איז גענוג א בליק צו טאן אין אונזערע „קעמפס", אין די האלס וואו עס געפינען זיך אונזערע בראווע סטרייקער, צו זעהן די באגייסטערונג, דעם מוט און ענטשלאסענהייט פון די פיעלע טויזענדער סטרייקערינס און סטרייקער, און מען קאן שוין גלייך זעהן ווי עס האלט מיט'ן סטרייק.

וואס אמבאלאנגט אונזער יוניאן ווערט אלעס געטאן צו פארזיכערען דעם זיעג. די פארשיעדענע סטרייק קאמיטעס ארבייטען מיט פיעל ענערגיע און איבערגעבענהייט. עס איז ניטא עטוואס וואס זאל זיין צו שווער פאר זיי.

באזונדערס אונערמידליך ארבייט די „אוט אוו טאון" קאמיטע. דיעזע קאמיטע איז אויף דער וואך, עס זאל נים געמאכט ווערען קיין סקעב ארבייט אין די ארומיגע שטעדט און שטעדטלאך.

עס איז שוין פון לאנג א באוואוסטע זאך, דאס ווען עס מאכט זיך א גרויסער סטרייק אין ניו יארק, זוכען די מאנופעקטשורערס צו מאכען זייער ארבייט אין אנדערע פלעצער, און די „אוט אוו טאון" קאמיטע טוט דאס בעסטע די מאנופעקטשורערס זאל זיך דאס נים איינגעבען.

רעדענדיג וועגען דעם וועלען מיר שוין זאגען א ווארט צו די פיקעטס אין ניו יארק. זייער ארבייט איז אפשר איינע פון די סאמע וויכטיגסטע! זיי דארפען אימער זיין אין צייט און אויפ'ן פלאץ. די פיקעטס דארפען זיין ביי די שעפער וואס זיינען אין סטרייק, צו דער מינוט, וואס די פיקעט קאמיטע ארדערט זיי צו זיין דארט. פון די פיקעטס הענגט אפ זעהר פיעל דער סטרייק זאל זיך נים לאנג פארציהען. טוט זשע, אלזא, שוועסטער און ברידער, אייער פליכט! זייט אויפ'ן פלאץ און קומט אין צייט, צו דער באשטימטער מינוט.

און די פיקעטס זיינען אין דער ארבייט נים אליין. די קלאוקמאכער, די פארייער און אנדערע ארבייטער וואס געפינען זיך אין די זעלבע בילדינגס וואו עס געפינען זיך די וויסט שעפער וואס זיינען אין סטרייק, זיינען אימער גרייט די פיקעטס אויסצוהעלפען. יענע ארבייטער באטראכטען דעם סטרייק אויך אלס זייער סטרייק און זיי זיינען מעהר ווי צופריעדען אויסצוהעלפען די פיקעטס. די פיקעטס דארפען אבער זיין אויפ'ן פלאץ צו באקומען די הילף פון זייערע ברידער און שוועסטער אין די אנדערע טריידס.

* * *

לעצטען מאנטאג האט די סעטעלמענט קאמיטע אנגעפאנגען סעטלען מיט די אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס, וואס זיינען גרייט געווען צו סעטלען מיט מיט דער יוניאן, לויט די נייע באדינגונגען.

און ביי דער סעטעלמענט קאמיטע איז געווען גאנץ ביזי.

נאטירליך, די סעטעלמענטס ווערען געמאכט גאנץ פארזיכטיג, די קאמיטע זוכט אפריהער גוט נאך צו דער מאנופעקטשורער וואס קומט סעטלען, וויל נים אמאל מאכען ארבייט פאר פירמען, וועלכע זיינען אין סטרייק. די סעטעלמענטס ווערען געמאכט בלויז דאן, ווען ביי דער סעטעלמענט קאמיטע איז ניטא קיין חשד וועגען דעם.

אלזא, א סך ארבייטער קערען זיך אום צו דער ארבייט יעדען טאג אין די אינדעפענדענט שעפער, אונטערן נייעם אגרימענט, לויט די נייע באדינגונגען. עס איז איבריג צו זאגען דאס די סטרייקער, וועלכע פאנגען אהן ארבייטען אין די געסעטעלטע שעפער וועלען העלפען מיט אלעם מעגליכעם זייערע שוועסטער און ברידער, וועלכע בלייבען נאך אין סטרייק.

און נישט בלויז דיעזע ארבייטער אליין, אלע 140 טויזענד מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל איבערן גאנצען לאנד, באטראכטען דעם גרויסען וויסט און דרעס מאכער סטרייק אין ניו יארק אלס זייער אייגענעם קאמפף און עס איז קיין פראגע נים, דאס ווען מען וועט נאר פון זיי עפעס פארלאנגען וועלען זיי זיך מאמענטאן ווארים אפרופען, מיט די ברייטעסטע, ברידערליכע און שוועסטערליכע געפיהלען. די מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען שוין דאס באוויזען נים איין מאל פריהער און זיי וועלען דאס זיכער טאן אויך איצט.

די 140 טויזענד מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל באטראכטען זיך אלע ווי קינדער פון איין גרויסער משפחה. אלע אונזערע לאקאל יוניאנס פון איבערן גאנצען לאנד און קאנאדע זיינען צווישען זיך אזוי ענג פארבונדען, דאס ווען נור איין טייל פון דער גרויסער יוניאן ווערט אנגעגריפען פיהלען דאס באלד א ל ע, אלע לאקאלס און מיטגליעדער פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, פונקט, למשל, ווי ווען איין אונזער קערפער ווערט אנגעגריפען איין עבר פיהלט דאס גלייך דער גאנצער קערפער. טו ווער קען דעריבער אפילו נאר צווייפלען, דאס זיי זאלע, אויב נאר נויטיג, וועלען באלד קומען צו הילף אונזערע בראווע סטרייקער?

אבער דאס איז נאך נים אלעס. אויסער אונזערע אייגענע מיטגליעדערשאפט שטעהט מיט די סטרייקער די גאנצע ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא, און אייך אלע רעכטדענקענדע מענשען אפילו פון אנדערע קלאסען אין דער געזעלשאפט. אלזא, מוט און אביסעל אויסדויער, בראווע סטרייקער! אמת און גערעכטיגקייט איז אויף אונזער זייט און מיר מוזען און וועלען זיעגען.

צוליעב וואס איז נויטיג אן ארבייטער פארטיי אין אמעריקא?

(שלוס פון זייט 11)

א מיינונגס פארשידענהייט. איינינע דענקען, אז מען דארף די פארטיי ערמוטיגען און אנדערע דענקען פארקעהרט.

דער שטארקסטער ארגומענט נעגען דער פארטיי, וואס קומט פון דעם סאציאליסטישען צד, איז דער, וואס אט די פארטיי וועט דיענען נים די אינטערעסען פון די ארבייטער, נאר פון זייערע ביוראקראטישע פיהרער, אז זי וועט בלויז העלפען צו פארשטארקען די טרייד יוניאניסטישע ביוראקראטיע וואס געוועלטיגט איבער די אמעריקאנער טרייד יוניאנס.

אויף דעם ארגומענט איז דער בעסטער ענטפער די שטעלונג פון דעם פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר, סעמיועל גאמפערס, וועלכער האט זיך ענטשידען אויסגעשפראכען נעגען אן ארבייטער-פארטיי און האט ערקלעהרט אז די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר וועט אזא פארטיי נים אנערקענען אלס א נאציאנאלע קערפערשאפט.

די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר קען אנערקענט ווערען אלס די פארקערפערונג פון א טרייד-יוניאניסטישער ביוראקראטיע און אויב זי וואלט געפיהלט, אז די פארטיי וואלט געקענט פארשטארקען איהר מאכט וואלט זי זיכער איהר נים באקעמפפט. זי וואלט זי, פארקעהרט, געוויס ערמוטיגט. דער פאקט וואס די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר באקעמפפט די פארטיי, באווייזט אלזא, אז דער אנגעגעבענעם ארגומענט איז נים ריכטיג.

די אידעע פון דער געפלאנטער ארבייטער פארטיי איז אין שארפען נעגענזאץ צו דער גרונד-אידעע פון דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר, ווי זי ווערט פארטראטען פון איהר פרעזידענט און אנדערע פיהרער. גאמפערס'עס אידעע איז, אז דער איינציגער מיטעל פאר'ן ארבייטער צו פארבעסערען זיין לאגע איז דער עקאנאמישער קאמפף. גאמפערס איז געווען נעגען דעם, אז דער קאנגרעס זאל באשטימען די ארבייטס-שטונדען און די ווידזשעס פון די אייזענבאהן ארבייטער. די ארבייטער פארטיי, ווען זי ווערט געגרינדעט, וועט זוכען אויסצונוצען די פאליטישע מאכט פון די ארבייטער, די צאהל שטימען וואס זיי קענען אפגעבען אין די וואהלען, אלס א מיטעל צו געווינען דורך דער געזעצגעבונג פארבעסערונגען פאר די ארבייטער.

דאס מיינט נים, אז די ארבייטער, אנגעהעמענדיג דעם פאליטישען וואפען, דארפען זיך אפזאגען פון זייער עקאנאמישען וואפען. דאס מיינט בלויז, אז מיט דער הילף פון דער פארטיי וועלען זיי קענען קעמפפען מיט א טאפעלטען וואפען — אי פאליטיש און אי עקאנאמיש.

מען קען חקירה'ן אהן אן אויפהער וועגען די מעלות אדער חסרונות פון אן ארבייטער פארטיי, אבער דער אמת איז, אז אט די אלע חקירות זיינען נים ווערט דעם פאפיר אויף וועלכען זיי ווערען געשריבען. „קיין זאך איז נים זיכער אין פאליטיק", זאגט אן אמעריקאנער ווערטעל, און ער איז איבערהויפט ריכטיג אין דער איצטיגער צייט, ווען אלטע פארמען ברעכען זיך מיט יעדען טאג און נייע פארנעהמען זייער פלאץ.

מען וואלט געקענט ריידען וועגען די מעלות און חסרונות פון דער ארבייטער-פארטיי, ווען מען וואלט געקענט זיין זיכער מיט די פאליטישע פארהעלטניסע אין לאנד, ווען מען וואלט געקענט זיין זיכער אין דער דויערהאפטיגקייט פון די אלטע פארטייען. עס זעהט זיך אבער אן, אז דער גרעסטער שטורם וואס טרייסעלט איצט אויף די גאנצע וועלט וועט נים אינגאנצען פארבייגעהן אמעריקא. די קלאסען אין אמעריקאנער לעבען דעפינירען זיך, און די אלטע פארטייען ברעכען זיך. די צייט, זעהט אויס, איז שוין נאר נים ווייט ווען די געזעלשאפטליכע כחות אין אמעריקא וועלען אנדערש דארפען גרופירט ווערען. די אלטע בורזשואזע פארטייען וועלען לאנג זיך נים קענען האלטען אין זייער איצטיגער פארם, וועט יעדע פארטיי האט א פראגרעסיווען און רעאקציאנערען פליגעל. אונטער דעם דרוק פון די נייע אומשטענדען וועלען די רעאקציאנערע, פונקט ווי די פראגרעסיווע עלעמענטען מוזען פאראייניגען זייערע כחות איינע נעגען די אנדערע אין צוויי באזונדערע פארטייען.

אין אזא צייט וואלט פשוט געווען א גרויסע נאכלעסיגקייט פון דער זייט פון די ארבייטער ווען זיי זאלען בלייבען ווייטער שטעהן פון דער זייט און איבערלאזען דעם גאנצען פאליטישען פעלד נאר פאר די בורזשואזע אדער קאפיטאליסטישע פארטייען.

עדיוקיישאנאל ארבייט אין אונזער יוניאן

אזוי ניך ווי אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט באשלאסען צו אראנזשירען לעקטשורס פאר די לאקאלס האבען זיך אונזערע לאקאלס גאנץ ווארים אבגערופען.

לאקאל 20 פון די וואטערפרוף גארמענטס איז געווען דער ערשטער דורך זיין לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטע מיט אונז אויפצונעהמען די פראגע און עס איז שוין אראנזשירט געווארען א סעריע פון 4 לעקטשורס און א קאנצערט וואס זאלען אבגעהאלטען ווערען ביי זייערע רעגולערע ביזנעס מיטינגען. די ערשטע פון דיזע לעקטשורס איז געווען מיטוואך, דעם 20טען יאנואר, מיט גענאסע אלדערמאן וולארעק אלס לעקטשורער.

דער מיטינג איז געווען א גרויסער ערפאלג.

לאקאל 23 און לאקאל 1 האבען זיך אויך אפגערופען און מיר מאכען אראנזשמענטס פאר אינטערעסאנטע, באלעהרענדע לעקטשורס.

לאקאל 66 און לאקאל 48, אונזער איטאליענישע לאקאלס, האבען נאך אונזער פארלאנג ערוועהלט א ספעציעלע עדיוקיישאנאל קאמיטע און זיי פארהאנדלען מיט אונז אויף דעם זעלבען געביט. אבוואהל מיר זיינען שטארק פארנומען מיט דיזער ארבייט, זאגען מיר זיך נישט אפ פון נאך, און מיר האבען נישט גענוג ווערטער אויסצודריקען צו אונזערע לאקאלס אונזער דאנקבארקייט, וואס זיי ארבייטען מיט מיט אונז. זאלען זייערע קאמיטעס מיט אונז זיך דורכריידען אדער דורכשרייבען.

מיר זיינען אימשטאנד צו באזארגען אונזערע לאקאלס מיט לעקטשורערס, אין אידיש, איטאליעניש אדער ענגליש; קאנצערטען, ליטעראַרישע פראגראמען, ענגלישע קלאסען און ז. וו.

זאלען נור די לאקאלס קומען, זאלען זיי זיך לאזען הערען.

* * *

דער וויסטמאכער סטרייק באאיינפלוסט אביסעל אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט אין די סענטערס. אבער דאס וועט האפענטליך לאנג נים אנהאלטען. די קורסען אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול זיינען זעהר ערפאלגרייך. איבערהויפט דער קורס פון עווערעט דין מארטין מאנטאג אבענד, און הענרי ניומאן, איבער ליטעראטור, דאנערשטאג אבענד. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט ווילען מיר ציהען אויף דעם סעמינאר, וועלכער ווערט אבגעהאלטען יעדען פרייטאג אבענד אום צו דיסקוטירען קאאפעראציאן.

דיזען פרייטאג וועט אין רום 635 רעדען דר. אייזאק שווירמאן, דער מענעדזשער פון מאסקווי נאראדני בענק, איבער קאאפערייששאן אין רוסלאנד.

דיזען שבת) אום 4 נאך מיטאג, פאנגט אן דר. הערי ליידלוי אן אינטערעסאנטע סעריע לעקטשורס איבער ארבייט און געזעץ. די טעמא וועגען דיזען טאג וועט זיין „באיקאטס און בלעקליסטס".

דאס איז א זעהר אינטערעסאנטע טעמא אין יעצטיגער צייט. אויך זיינען געבעטען די סטודענטען, וועלכע קומען צום פאבליק קורס יעדען זונטאג אום 3 אוהר, צו קומען פריה.

* * *

די יוניטי סענטערס נעהען אן אזוי רעגעלמעסיג ווי מעגליך. די ענגלישע קלאסען זיינען פיליכט גראדע יעצט נישט זעהר גוט באזוכט אבער זיי ווערען אבגעהאלטען רעגעלמעסיג אין די בראנקס, איסט סייד און בראנזוויל.

* * *

מיר האלטען יעצט אין באטראכטען א פלאן דורך וועלכען, אויב גוט אויסגעפיהרט, וועלען די פרויען פון אונזערע מעמבערס קענען לערנען ענגליש צוויי מאל א וואך מיט רעגולערע טיטשערס און בייטאג, ווען עס איז זיי מעגליך צו קומען.

מיר זוכען יעצט די פאסענדע פלעצער פאר די קלאסען, אבער עס איז זעהר ווינשענסווערטה אז די מעמבערס וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דיזער פראגע זאלען אונז אריינשיקען די נעמען און אדרעסען אזוי גיך ווי מעגליך. דיזע קלאסען זיינען נאר פאר די פרויען פון די מעמבערס פון די אינטערנעשאנאל.

מעהר אויסקינפטע איבער אונזערע נייע טעטיגקייטען — נעקסטע וואך.

קומט, אדער שרייבט צו אונזער דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, רום 1002.

ס. ליבערטי,
עדיוקיישאנאל ארגאנייזער.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין ניו יארק

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

א קאמיטע פון דעם נאר וואס ארגא-ניזירטען רעזיינער לאקאל באדאנקט דעם דזשאינט באארד און דער אינטערנעשא-נאל דערפאר וואס מען האט זיי ארויס-געגעבען א טשארטער, וועלכער באשטע-טיגט, דאס זיי זיינען א טייל פון דער גרויסער ארבייטער באוועגונג. די קא-מיטע אינפארמירט, אז קומענדען שבת וועלען די רעזיינער האבען זייער ערש-טען מיטינג אונטער דעם טשארטער פון דער אינטערנעשאנאל און זיי פארלאנגען, אז א קאמיטע פון דזשאינט באארד זאל אנוועזענד זיין ביי דעם מיטינג. זייער פארלאנג ווערט גוטגעהייסען און א קא-מיטע פון די ברידער פערלמוטער, שווארץ און מאריסאנא ווערען אפאינטעט.

ברודער וו. ד. פעטערסאן, א בעאמ-טער פון דער קארפענטערס יוניאן, ער-שיינט בנוגע דער קיס פון טהאמאס מו-ני. אין א קורצער שילדערונג גיט ער איבער די איינצעלהייטען ווי אזוי די פאר-שווערונג נעגען די פינף ארבייטער-פיה-רער איז געמאכט געווארען, און ער ער-קלעהרט ווייטער, אז די ארבייטער אין אמעריקא און אויף דער גאנצער וועלט וועלען ניט רוהען אזוי לאנג ווי מען וועט טהאמאס מוני'ן און ווארען ק. בילינגס'ן ניט בעבען קיין גערעכטיגקייט. דער ברו-דער פארלאנגט פון דזשאינט באארד פאלגענדעס: 1) פינאנציעלע שטיצע, 2) אז דער דזשאינט באארד מיט זיינע לאקאלס זאלען אויפנעהמען די פראגע פון דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין שי-קאגא, אז א גענעראל-סטרייק זאל ער-קלעהרט ווערען איבער'ן גאנצען לאנד דעם 4טען דזשולי אום צו צווינגען די געזעצמאכער צו געבען די פאראורטייל-טע א נייעם טריעל. „מיר ווילען א נייעם, עהרליכען און אונפארטייאישען טרייעל פאר טהאמאס מוני", ערקלעהרט ער. „דאס איז דער געשריי פון אלע אר-בייטער פון אמעריקא. די עדות אין דעם ערשטען טרייעל זיינען געווען די גרעס-טע אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט. אויף עדות זאגען פון מענשען וואס ווי' דערשפרעכען זיך אויף יעדען שריט און טריט קען מען ניט לאזען אפפינסטערען מענשען אין פריזאן דאס גאנצע לעבען." ברודער פעטערסאן אפעלירט צו דעם דזשאינט באארד פאר פינאנציעלע און מאראלע שטיצע. „מוני און זיינע פריינד וואלטען היינט געווען פרייע מענשען", זאגט ער, „ווען זיי וואלטען געווען פון דעם זעלבען מאטריאל ווי זייערע עדות זיינען. זיי שמאכטען היינט הינטער די אייזערנע טירען פון א פריזאן פון קאלי-פארניא סטייט, ווייל זיי האבען זייער גאנצען לעבען אוועקגעגעבען פאר די אר-בייטער." די פראגע ווערט דיסקוטירט און עס ווערט באשלאסען צו שטיצען די מוני דעפענס נאך מיט 300 דאלאר. די פראגע פון גענעראל-סטרייק ווערט איבער-געגעבען צום באארד או דירעקטארס.

אונזער אינטערנעשאנאל באדאנקט דעם דזשאינט באארד פאר דער מארא-לער שטיצע וואס ער האט ביז יעצט גע-לייסטעט אין דעם לידיעס וויסט מאכער סטרייק, און עס ווערט פארלאנגט, אז ברודער לאנגער, דער סעקרעטער פון דעם דזשאינט באארד זאל פאר א געוויסער צייט אויסהעלפען די „אוט או טאון קא-מיטע" פון דער וויסט און דרעס דזשע-נעראל סטרייק קאמיטע אין דעם איצ-טיגען קאמפף. דער פארלאנג ווערט בא-ווילינט.

די פינאנץ קאמיטע באריכטעט, אז זי האט אויפגענומען דעם פארלאנג פון דעם רוסיש-פוילישען בראנטש און זי רעקא-מענדירט, אז די צייטונג „ארבייטער און בויער" זאל געשטיצט ווערען מיט 25 דא-לאר. די רעקאמענדאציאן פון דער קא-מיטע ווערט גוטגעהייסען.

עס ווערט דאן אויפגענומען די פרא-גע פון פינאנציעלער שטיצע פאר אונזער שוועסטער-ארגאניזאציאן, דער לידיעס וויסט מאכער יוניאן לאקאל 25, וואס איז יעצט פארוויקעלט אין א'קאמפף פאר בעסערע באדינגונגען. יעדער דעלעגאט פיהלט, אז דער אויסגאנג פון דעם סטרייק וועט האבען א גרויסע ווירקונג אויך אויף אונזער אינדוסטריע. עס ווערט אויסגע-דריקט דער געדאנק, דאס מיט דעם זיעג פון די לידיעס וויסט מאכער וועלען די קלאוקמאכער האבען געוואונען 50 פראצ-צענט פון די פאדערונגען, וואס וועלען געשטעלט ווערען צו די קלאוק-פאבריקאנ-טען נאך איידער דער אגרימענט וועט אויסגעהן.

עס ווערט באשלאסען צו שטיצען דעם לידיעס וויסט מאכער סטרייק מיט פופציג טויזענד דאלאר. דער סעקרע-טער ווערט אינסטרואירט גלייך ארויינצו-שיקען א טשעק פון 25,000 דאלאר אלס ערשטע איינצאהלונג.

דער דזשאינט באארד באשליסט אויך צו מאכען אן אויפרוף צו די קלאוקמא-כער, אז זיי זאלען העלפען די וויסט-מאכער פיקעטען די שעפער, ווארים זייער סטרייק איז אויך דער סטרייק פון די קלאוקמאכער און די קלאוקמאכער דארפען זיי העלפען מיט אלע מעגליכקייטען איהם געווינען.

רעפארט פון באארד או דירעקטארס.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון פיליפ ברויז פארלאנגט פאר איין וואך סטרייק-בענעפיט. זייער פארלאנג ווערט באווילינט.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון סאנדרענגורסקי ענטזאגט זיך צו ארביי-טען מיט די פיער סקעבס, וואס זיינען דארט פארבליבען ארבייטען. די קאמי-טע באהויפטעט, אז זיי וועלען ניט אר-בייטען מיט די סקעבס און זיי פארלאנ-גען, אז זיי זאלען פארלאזען דעם פלאץ. דער פארלאנג פון דער קאמיטע ווערט גוטגעהייסען.

א קאמיטע פון די פעלער העגד פון מאקס רובעל ערקלערט, אז ארבייטענדיג פאר די פינישערס פון דער אויבענדער-מאנטער פירמע, מאכען זיי ניט קיין לע-בען. זיי פארלאנגען אז דער באארד או דירעקטארס זאל זיך פאראינטערעסירען אין זייער לאגע.

עס ווערט באשלאסען צו האבען א מי-טינג מיט די פינישערס און פעלער העגד און די ברידער קושנער און שנייד זא-לען אטענדען דעם מיטינג.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון סטוידלינג קלאוק קא. אינפארמירט אז ארבייטענדיג פאר דער פירמע מאכען זיי ניט קיין לעבען. די קאמיטע פארלאנגט אז א שטעלונג זאל נעגען זייער פירמע גענומען ווערען, צווינגענדיג איהר צו גע-בען די ארבייטער גענוג ארבייט.

די קיס ווערט איבערגעשיקט צום אפיס.

עס ווערען אויפגענומען צושריפטען.

עס ווערט אויפגענומען דער צו-שריפט פון לאקאל 1, אין וועלכען עס ווערט פארלאנגט אז דיסטריקט מיטינגען פון שאפ טשערלייטס זאלען גערופען ווע-רען אום זיי צו באקענען מיט די פאר-שידענע פראבלעמען וואס שטעהען יעצט פאר דעם דזשאינט באארד. עס ווערט באשלאסען אז אזעלכע מיטינגען זאלען גערופען ווערען גלייך ווי דער דזשאינט באארד וועט האבען די נויטיגע צייט פאר דעם.

לאקאל 3 אינפארמירט אז זייער עק-זעקוטיוו באארד האט אויפגענומען די פראגע פון מר. וויל'ס שאפ און די אוי-בענדערמאנטע קערפערשאפט פארלאנגט אז א געוויסער מאן זאל פון דעם פלאץ ארונטערגענומען ווערען, אפילו ווען מען זאל דארפען ערקלעהרען א סטרייק אין דעם שאפ.

עס ווערט באשלאסען אז דער דע-פארטמענט אין וועלכען יענער מאן אר-בייט, זאל געסטאפט ווערען.

לאקאל 35 רעקאמענדירט די ברידער ריעמער און גאלד פאר ביזנעס איי-דזשענטס פאר דעם דזשאינט באארד. דער ערשטער איז ניט געקומען צום מיטינג. דער צווייטער איז געקומען און ער ווערט אפאינטעט.

ברודער מ. פערלשטיין באדאנקט דעם דזשאינט באארד פאר דעם צוטרויען וואס מען האט צו איהם ארויסגעוויזען ערוועה-לענדיג איהם אלס מענעדזשער פון דעם ריפער דעפארטמענט און ער אינפארמירט אז ער קען ניט קומען אין ניו יארק פאר די נעקסטע פיער וואכען צייט צוליעב דער לאגע אין קליוולאנד. נאך דעם ווי דער צושריפט ווערט דיסקוטירט ווערט זיין פארלאנג באווילינט און אין דער. זעל-בער צייט ווערט באשלאסען אז ברודער בערקאוויטץ זאל עקטען אלס ציימווייל-יגער מענעדזשער אין דעם ריפער דע-פארטמענט.

רעפארט פון מענעדזשערס.

ברודער פינקעלשטיין בעריכטעט, אז דער סטרייק נעגען י. קאמינסקי'ן איז שוין געסעטעלט געווארען.

א סטרייק איז ערקלערט געווארען גע-גען דער פירמע שער און מייער.

א סטרייק איז ערקלערט געווארען גע-גען דער פירמע ליעבערמאן און דארף.

דער סטרייק נעגען דער פירמע בענ-דזשאמין מארטין ווערט נאך אנגעפיהרט.

ברודער זינגמאן בעריכטעט, אז א סטרייק איז ערקלערט געווארען נעגען דער פירמע ה. זיידענבערג, ווייל די פיר-מע שיקט ארויס די גאנצע ארבייט און די אינסייד ארבייטער הונגערען.

די פראגע פון קליפשטיין'ס שאפ ווערט אויפגענומען. די פירמע האט ניט געוואלט נאכקומען דעם באשלוס פון דער יוניאן און עס ווערט באשלאסען דעם שאפ צו ערקלערען אין סטרייק.

ברודער זינגמאן בעריכטעט ווייטער, אז א מיטינג פון אלע שאפ טשערליים וועט שטאטפינדען דעם 8טען פעברואר אין קופער יוניאן גלייך נאך דער ארבייט און די פראגע פון סטרייק פאנד וועט אויפ-גענומען ווערען. אלע טשערלייטס און פרייז קאמיטעס זיינען צו דעם מיטינג איינגעלאדען געווארען, און עס ווערט ער-ווארטעט אז זיי וועלען אלע קומען.

דער רעפארט פון ברודער זינגמאן ווערט גוטגעהייסען.

די פראגע וועגען עס זאל ארויסגעבען ווארקינג קארדס ווערט אויפגענומען. עס ווערט באשלאסען אז ווען א מעמבער דארף האבען א ווארקינג קארד זאל זיך דער מעמבער מעלדען דורך זיין דיסטריקט מענעדזשער צו זיין לאקאל.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלא-סען.

ל. לאנגער, סעק.

1909—1919

פון פאניא מ. קאהן.

דינסטאג פריה, דזשענואארי דעם 21-טען, 10 אוהר אין דער פריה, בין איך געשטאנען אויפ'ן קארנער 23טע סטריט און פינפטע עוועניו און האב זיך צוגע-קוקט צום מארש פון די טויזענדע וויסט און דרעס מייקערס וועלכע האבען אויף דעם רוף פון זייער יוניאן פארלאזען זיי-ערע שעפער.

איך האב געזעהן ווי יונגע מיידלעך האבען מארשירט זייט ביי זייט מיט מי-טעליעהריגע פרויען; יונגע באיס האבען מארשירט מיט מיטעל-יעהריגע מע-נער; איך האב געזעהן ווי מענער און פרויען פון פארשידענע נאציאנאליטעטען האבען מארשירט זייט ביי זייט; אמע-ריקאנער ארבייטער פרויען און מענער, און איינגעוואנדערטע פרויען און מענער, איד און קריסט, „שווארצע" און ווייסע.

אין דעם היסטארישען מארש פון א טייל פון דער ארבייטער ארמיי זיינען געווען פארטראטען די זיהן און טעכטער פון זעקס נאציאנען — די זעלבע נאציא-נען וועלכע האבען געקעמפפט איינע נע-גען דעם צווייטען פאר די לעצטע פיער יאהר — יעדערער האט גערעדט א שפראך וואס דער צווייטער האט ניט פארשטא-נען.

און דאך זיינען זיי אלע געגאנגען אין איין ריכטונג. און יעדער איינער איז גע-ווען באגייסטערט פון איין אידעע — די אידעע פון איינינקייט און ברידערליכ-קייט.

ערנסט און ענטשלאסענהייט איז גע-ווען אויסגעדריקט אויף זייערע געזיכ-טער.

און איך האב דאן געדענקט אז אויב די וויסט און דרעס מייקערס יוניאן וואלט קיין אנדער זאך ניט אויפגעטאן נאר די-זע — די פאראייניגונג פון די אלע נא-ציאנאליטעטען אין איין ארבייטער יו-ניאן — וואלט דאס אליין געווען איינע פון די גרעסטע אויפטואכצען.

עס שטעלט זיך די פראגע, ווי קומט דאס, וואס די באסעס האבען געוואגט צו איגנארירען די פאדערונגען פון זיי-ערע ארבייטער און ארויסשטעלען פאדע-רונגען אז די ארבייטער זאלען זיך ענט-זאגען פון אלעס וואס זיי האבען זיך ער-ווארבען נאך שווערע קעמפפע?

דער ענטפער איז, אז זיי האבען זיך אפגענארט. זיי האבען, ווי עס ווייזט אויס, שוין פארגעסען אן דעם היסטארי-שען קאמפף וואס די וויסט און דרעס מייקערס האבען אנגעפיהרט נעגען זיי אין 1909. זיי האבען זיך פארגעשטעלט אז די יעצטיגע מיטגלידער פון דער וויסט מייקערס יוניאן זיינען ניט באקאנט מיט די באדינגונגען וואס עס האבען עקזיס-טירט אין די שעפער איידער די יוניאן איז ארגאניזירט געווארען. ווי עס ווייזט אויס דיינקען די באסעס אז די וויסט און דרעס מייקערס פון יאהר 1919 זיינען פון א גאנץ אנדער „מאטעריאל" ווי די וויסט און דרעס מייקערס פון יאהר 1909! אז די וויסט און דרעס מיי-קערס פון יאהר 1909 זיינען געווען אונ-ערשראקענע און בראווע קעמפער, דאס האבען זיי, די באסעס, קיין מאל ניט געלייקענט. דען ווען זייערע ארבייטער האבען אין 1913 ארויסגעשטעלט פאדע-רונגען די באסעס, אז זייער יוניאן זאל אנערקענט ווערען, האבען זיי די באסעס ניט געוואגט זיי לאזען ווידער סטרייקען. און זאגאר אין יאהר 1916 האבען די בא-סעס נאכגעגעבען די פאדערונגען פון זיי-ערע ארבייטער אבי ניט דורכצומאכען א צווייטען סטרייק.

צעהן יאהר נאכאנאנד האבען די בא-סעס נאך אלץ ניט פארגעסען דעם סטרייק פון יאהר 1909.

און יעצט, ווען די ארבייטער פון די-זען לאנד, אזוי גוט ווי אנדערע לענדער, פיהרען אן גרויסע קעמפפע פאר'ן פרינ-ציפ פון אינדוסטריעלע דעמאקראטי, ד. ה. די ארבייטער פארלאנגען בירגער רעכט אין די שעפער און קיין אויטאקראטישער מאן אדער פרוי-צווייפעלט מעהר ניט אין דעם ארבייטער'ס רעכט צו האבען עט-וואס צו זאגען אונטער וואס פאר א קאנ-דיציאנען ער זאל ארבייטען. — אין אזא צייט וואגען די וויסט און דרעס מאנ-ופעקטשורערס צו פארלאנגען פון זיי-ערע ארבייטער, אז זיי זאלען זיך ענטזא-גען פון יעדע רעכט וועלכע זיי האבען ערווארבען, — זיי ווילען אז זייערע אר-בייטער זאלען זיך ענטזאגען פון דאס רעכט צו באשיצען זייערע מיטארבי-טער נעגען באליידיגונג און נעגען אונגע-רעכטע באהאנדלונג! זיי ווילען די אר-בייטער באראויבען פון דאס רעכט צו אר-בייטען אין סלעק סיזאן!

מיט זייער פארלאנג צוריק איינצופיה-רען אן אויטאקראטישע הערשאפט אין זייערע שעפער און צו ברייננען ארבי-טער צו א צושטאנד פון שקלאפעריי, הא-בען די וויסט און דרעס מאנופעקטשור-ערס געוואלט נעבען דעם גרעסטען פאטש אין פנים זייערע ארבייטער.

אבער דעם ענטפער וואס די ארבי-טער האבען געגעבען זייערע באסעס אין דער איינציגער וועלכען שטאלצע ארבי-טער קענען געבען — א סטרייק! און יעצט וועלען זיך די באסעס איבערצייג-נען אז זיי האבען געמאכט א טעות. דען דיזע ארבייטער, מענער און פרויען, זיי-נען ענטשלאסען אנצופיהרען א קאמפף פאר זייער יוניאן, פאר דער יוניאן וועל-כע איז דער שטאלץ פון דער פראגרעסי-ווער ארבייטער באוועגונג; פאר דער יו-ניאן וועלכע האט אפגעשאפט די „סוועט-טינג" סיסטעם און האט ארויסגעשלעפט דעם ארבייטער פון די בייסמענטס און די „בעק בעדרומס" און האט אפגעשאפט די פארפעסטעטע שעפער פול מיט שווינד-זוכט באצילען.

די וויסט און דרעס מייקערס וועלען קעמפפען ווי לייבען נעגען יעדען פאר-זוך ניט נאר צוצושטערען זייער מאכט, נאר נעגען יעדען פארזוך אפצושוואכען די מאכט פון זייער יוניאן. די וויסט און דרעס מייקערס וועלען קעמפפען פאר זייער יוניאן דורך וועלכער זיי קענען אויסקעמפפען די 44-שטונדיגע ארבייטס וואך. דורך זייער ענטשלאסענהייט וועט-לען די וויסט און דרעס מייקערס גע-בען אזא לעהרע זייערע באסעס אז זיי וועלען אמווייניגסטען פאר די קומענדע צעהן יאהר ניט וואגען צו אונטערשעצען די אינטעליגענץ פון זייערע ארבייטער און דערלאזען צו א סטרייק.

שוועסטער און ברידער! געדיינקט, אז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון דיזען לאנד אזוי גוט ווי פון אנדערע לענ-דער, פאלגען נאך אייער גערעכטען קאמפף און ערווארטען אז דער גייסט פון יאהר 1909, וועלכער האט געמאכט די וויסט און דרעס מייקערס דעם שטאלץ פון אונזער אינטערנעשאנאל, אז דיזער גייסט באהערשט און באגייסטערט אויך אין דיזען, זייער ערנסטען און גערעכטען

ביי אונז אין לאנד

די וויכטיגסטע פאליטישע און עקאנאמישע פראגען פון טאג.

פון הלל ראגאף.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 7, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער איצטיגער קאנגרעס אין וואשינגטאן האט נאך א דריי וואכען צו לעבען. אין אנפאנג מארטש וועט ער זיך מוזען שליסען און אין מאכט וועט אריינטרעטען דער נייער קאנגרעס, וועלכען די בירגער האבען ערוועהלט לעצטען נאוועמבער. אבער טראָץ דעם וואס דער עלעקשאן פון די נייע קאנגרעס־מעמבערס איז אפגעהאלטען געוואָרען מיט איבער דריי מאנאטען צוריק, און טראָץ דעם וואס דיעזע מעמבערס דארפען אין קורצען אין אמט אריינטרעטען, קען מען אויף זיכער ניט זאגען איצטער צו דער נייער קאנגרעס וועט שטעהן אונטער דער אבסאלוטער קאנטראָל פון די רעפובליקאנער צו ניט.

וועגען דעם נידריגערען צווייג פון קאנגרעס, די האוז אוו רעפרעזענטייטיווס, איז קיין צווייפעל נישט. דארטען וועלען די רעפובליקאנער האבען א מאיאָריטעט פון עטליכע צעהנדליג מעמבערס. דער צווייפעל איז אבער וועגען דעם אויבערשטען צווייג, דעם סענאט. די לאגע דארטען איז אן אינטערעסאנטע.

נאך די אפיציעלע רעזולטאטען פון די וואהלען האבען די רעפובליקאנער אין דעם נעקסטען סענאט מיט צוויי מעמבערס מעהר ווי די דעמאָקראטען: די רעפובליקאנער האבען 49 און די דעמאָקראטען 47. זוכען אבער די דעמאָקראטען צו באווייזען, אז אין מישיגען סטייט איז אין די וואהלען באגאנגען געוואָרען פעלשונגען און אז דארטען איז ערוועהלט געוואָרען א דעמאָקראט, ניט א רעפובליקאנער, ווי די אפיציעלע ריטורנס האבען אנגעגעבען. אויב עס זאל זיי געלינגען דאס פעסטצושטעלען און איבערבייטען דעם רעזולטאט אין מישיגען סטייט, וועט דער נייער סענאט באשטעהן פון א גלייכע צאהל רעפובליקאנער און דעמאָקראטען. די ענטשיידונגס שטימע וועט דאן דארטען האבען דער טשערמאן און דער טשערמאן פון סענאט איז דער וויס־פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, און דער וויס פרעזידענט איז דאך א דעמאָקראט. פון דעם אויסגאנג פון דיעזען „פייט" צו ענדערען דעם עלעקשאן־רעזולטאט אין מישיגען סטייט הענגט אפ צו דער נעקסטער קאנגרעס וועט זיין אין גאנצען אונטער דער קאנטראָל פון דער רעפובליקאנער פארטיי, צו ער וועט צוטיילט זיין צווישען די רעפובליקאנער און די דעמאָקראטען.

דער סענאטאָר קאמפיין אין מישיגען סטייט האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון לאנד פון דעם ערשטען טאג וואס ער האט זיך אנגעפאנגען. מישיגען איז שטארק דעמאָקראטיש. אונטער געוועהנליכע אומשטענדען וואלטען די דעמאָקראטען קיין שום שאנס ניט געהאט דארטען צו געווינען. האט אבער פרעזידענט ווילסאן אפגעטאן א קלוגע שטיקעל ארבייט. ער האט געשריבען א בריעף צו דעם אויטאמאביל מאגנאט, הענרי פארד, ער זאל לויפען פאר סענאטאר אויס ריין פאטריאטישע מאטיווען. פארד האט די איינלאדונג פון פרעזידענט אנגענומען. די דעמאָקראטישע פארטיי האט דאן פארד'ן נאמינירט. פאר די רעפובליקאנער איז אבער פארד געווען צו ליבעראל, צו פראגרעסיוו. דערצו האבען זיי געוואוסט, אז ער איז א צו גרויסער חסיד פון ווילסאן'ען, האבען זיי איהם דורכגעוואָרפען ביי די פריימעריס און נאמינירט געגען איהם אן אלטען מאשין־פאליטישען, דעם מיליאנער ניובעררי.

ביידע פארטייען האבען אנגעפיהרט א פייערדיגען קאמפיין. פארד איז אין מישיגען סטייט זעהר פאפולער און באליעבט. ניובעררי האט אבער געשאטען מיט געלד. דער אפיציעלער רעזולטאט פון די וואהלען האט געצייגט א קליינע מאיאָריטעט פאר ניובעררי'ן.

האבען די דעמאָקראטען געבראכט קלאגען פאר דעם איצטיגען סענאט, אז ניובעררי'ס עלעקשאן איז געווען אן אונגעזעצליכער, א געפעלשטער; און די סענאט קאמיטע איבער דיעזע אנגעלעגענהייטען האט באשלאסען, אז אן אונטערזוכונג זאל שוין אפגעהאלטען ווערען, און אז דער איצטיגער סענאט, וועלכער האט א מאיאָריטעט דעמאָקראטען, זאל באשליסען ווער עס זאל פארנעהמען דעם זיץ אין נעקסטען סענאט, ניובעררי אדער פארד. און דאס ווערט איצטער געטאן.

די רעפובליקאנער פראטעסטירען. זיי שרייען, אז דער איצטיגער סענאט האט קיין דעה ניט איבער די מיטגליעדער פון דעם נעקסטען סענאט. זיי זאגען, אז ערשט ווען דער נייער סענאט וועט זיך פארזאמלען, וועט פארד קענען אריינטראגען קלאגען געגען ניובעררי'ן. זאגען די דעמאָקראטען: דער נעקסטער סענאט וועט דאך זיין צוטיילט כמעט העלפט אויף העלפט, וועט דאך אויסקומען אז ניובעררי וועט זיין דער ריכטער אויף זיין אייגענער קייס. ענטפערען די רעפובליקאנער: איצטער זייט איהר דעמאָקראטען אין מאיאָריטעט, וועט איהר דאך געוויס ענטשיידען געגען אונזער ניובעררי'ן, ווייל דאס איז די איינציגע האפנונג וואס איהר האט צו ראטעווען פאר זיך כאטש איין צווייג פון קאנגרעס.

אויב די דעמאָקראטען וועלען דורכפיהרען זייער פלאן און ווירקליך באשליסען ניט אריינצולאזען ניובעררי'ן אין סענאט, וועט זיך פאנאנדערפלאקערען א קאמפף אין קאנגרעס און אין די נאציאנאלע קאורטס, וועלכער וועט אנהאלטען יאהרען לאנג. ערפאהרענע פאליטיקער האבען מורא, אז דאס קען האבען זעהר ערנסטע רעזולטאטען, ווייל די רעפובליקאנער וועלען אנווענדען אלע מיטלען צו שטערען די דעמאָקראטישע אדמיניסטריישאן אין אנגעהן מיט די געוועהנליכע רעגירונגס ארבייט; און אין די נעקסטע עטליכע יאהר וועט דאך די ארבייט פון דער אדמיניסטריישאן זיין פון דער סאמע העכסטער וויכטיגקייט אי פאר אונזער לאנד אי פאר דער גאנצער וועלט.

* * *

די צאהל פון ארבייטסלאזע אין אונזער לאנד האלט נאך אלץ אין וואקסען. אין אנפאנג פון דיעזער וואך האט דער דעפארטמענט אוו לייבאר פון וואשינגטאן ערקלעהרט אין זיין אפיציעלען רעפארט, אז די לאגע ווערט ערגער און אז אויסזיכטען אויף בעסער זיינען נימא. אין אנפאנג מאנאט דעצעמבער זיינען אין לאנד געווען בלויז 12 טויזענד ארבייטער אהן דזשאבס. איצטער גרייכט די צאהל ביז 265 טויזענד. אין ניו יארק סטייט איז כמעט נימא קיין איין איינציגע שטאדט אהן א באדייטענדע ארמעע פון ארבייטסלאזע.

די רעגירונגען אין וואשינגטאן און אין די פארשיעדענע סטייטס האבען פארלויפיג קיין פראקטישע שריטע וויאזוי צו לעזען די פראגע ניט גענומען. פלענער ווערען פארגעשלאגען פיעלע. אין קאנגרעס זיינען שוין אריינגעטראגען געוואָרען ביללס זאגאר. אבער ווער ווייס צי מען וועט די ביללס זאגאר פארהאנדלען איידער דער קאנגרעס וועט זיך שליסען.

* * *

צווישען די שווערסטע פראבלעמען וואס דער נעקסטער קאנגרעס וועט דארפען לעזען איז די „ברויט פראגע", אדער אויב איהר ווילט רופט עס די ווייץ אדער גאר די פארמער־פראגע. זי איז ווירקליך אזא פארפלאנטערטע, אז מען קען קיין אויסוועג ניט זעהן.

אין די מלחמה־יאהרען זיינען די פארמערס געווען די גרעסטע יחסנים. אמעריקא האט אין די לעצטע פאר יאהר פאקטיש געשפייזט די עליים לענדער. און אום די פארמערס אדער די ווייץ־הענדלער זאלען ניט אויסנוצען די געלעגענהייט און ארויפרייסען די פרייזען צו הויך, האט די אמעריקאנער רעגירונג באשטימט דעם פרייז פון ווייץ. דער באשטימטער פרייז איז געווען ניט קיין קליינער חס ושלום, אן ערך פון צוויי מאל אזוי פיעל ווי אין פריעדליכע צייטען, אבער פיעל א קלענערער ווי די פרייע קאנקורענץ וואלט עס מעגליך געמאכט פאר די פארמערס צו נעהמען.

מיט א צייט צוריק, איידער די מלחמה האט זיך געענדיגט, האט די רעגירונג באשטימט דעם פרייז פאר ווייץ פאר דעם נעקסטען יאהר, אום די פארמערס זאלען זיכער זיין און ניט מורא האבען צו אינוועסטען געלד און ארבייט וואס מעהר ווייץ צו זייען און שניידען. דער פרייז דארף זיין צוויי דאלאר מיט צוואנציג סענט א בושעל. האט זיך אבער די מלחמה געענדיגט. די לענדער אין אייראפא האבען איצטער די מעגליכקייט צו קויפען ווייץ אין אזוינע לענדער, צו וועלכע זיי האבען אין מלחמה־צייט ניט געקענט צושטעהן, אום מאנגעל אין שיפען און אום מורא פאר סובמארינס. דערצו זיינען איצטער פאראן מעהר מענשען צו בעארבייטען די פעלדער אין די אייגענע לענדער. די נאכפראגע אויף אמעריקאנער ווייץ איז פיעל געפאלען און די ווייטע לענדער, ווי ארגענטינא, אינדיען, סיביר זיינען באריים צו פארקויפען ווייץ פאר א סך ביליגער ווי די באשטימטע פרייז אין אמעריקא.

וואס אלזא זאלען די היגע פארמערס טאן? די רעגירונג האט זיי גאראנטירט $2.20 א בושעל, האבען זיי א רעכט צו האלטען די רעגירונג פאראנטווארטליך און פאדערען אז די רעגירונג זאל ביי זיי אפקויפען די גאנצע ווייץ פאר דיעזען פרייז.

זאל דאס די רעגירונג טאן? איז די פראגע, ערשטענס, וואו וועט די רעגירונג אהין טאן די ווייץ. אמעריקא קען ניט פארברויכען די גאנצע ווייץ, וואס זי פראָדוצירט. פארקויפען די ווייץ אין אייראפא וועט די רעגירונג מוזען פאר א ביליגערען פרייז ווי זי וועט באצאהלען די פארמערס. וועט אויסקומען, אז דאס פאלק וועט צאהלען די פארמערס א טאקס, א באנוס; אויסער דעם וואס ער וועט זיי צאהלען א טייערערען פרייז פאר ווייץ ווי מען דארף צאהלען אין נארמאלע צייטען, ווי מען צאהלט אין אנדערע לענדער.

ענטזאגען די פארמערס ווידער קען מען אויך ניט. זיי וועלען דאך האבען א גערעכטע טענה. זיי וועלען זאגען: מיר האבען אינוועסטעט ארבייט און געלד. מיר האבען געצאהלט ארבייטער הויכע מלחמה־וויידזשעס. מיר האבען געקויפט די נויטיגע מאטעריאלען און מאשינען פאר די הויכע מלחמה־פרייזען, ווייל מיר האבען געטרויט דער רעגירונג, אז זי וועט האלטען ווארט און אונז צאהלען דעם געהעכערטען פרייז אויף אונזערע פראָדוקטען. איצטער וועט די רעגירונג חרטה האבען און לאזען אז דער פארלוסט זאל פאלען אין גאנצען אויף אונז?

דער נעקסטער קאנגרעס וועט מוזען לעזען דיעזע שווערע פראגע. טייערע ווייץ הייסט טייערע ברויט, און די לאסט פון טייערע ברויט פאלט אם שווערסטען אויף די ארימע ארבייטער מאסען. האלטען דעם פארשפרעכען צו די פארמערס הייסט צווינגען די ארבייטער צו צאהלען הויכע פרייזען פאר ברויט, ווען עס איז מעגליך צו קריגען ברויט פאר ביליגערע פרייזען. זיין גערעכט צו די פארמערס וועט הייסען זיין אונגערעכט צו די ארבייטער־מאסען אין די שטעדט.

* * *

אין דער פאליטישער וועלט פון ניו יארק האט די טעג געפלאצט א באמבע, וועלכע האט אלעמען צוטומעלט. וואס די רעזולטאטען פון דיעזער עקספלאזיאן וועלען זיין ווייס נאך קיינער ניט. מען ערווארטעט אבער זעהר ערנסטעס זאל דערפון ארויסקומען.

די באמבע האט אריינגעוואָרפען הוירסט. ער האט פלוצלונג אטאקירט דעם ברוקלינער טעמעני באס מעקואי, און באוויזען אז דיעזער פאליטישען האלט א שטאדט־דזשאבעל, וועלכער צאהלט איהם 9 טויזענד דאלאר א יאהר, כאטש ער איז ניט פאר'ן דזשאב און דער דזשאב איז ניט פאר איהם.

מעקואי איז אימער געווען א הוירסט מענש. די לעצטע צייט זייט הוירסט איז געוואָרען איין האנד מיט טעמעני איז מעקואי אודאי און אודאי געוואָרען א נאהענטער מחותן מיט הוירסט'ן. פארוואס אלזא האט ער איהם פלוצלונג אטאקירט?

די דירעקטע אורזאכע איז אלעמען באקאנט. עס איז ארויסגעקומען דערפון וואס אין ברוקלין זיינען אפאינטעט געוואָרען אויף דער רעסעפשאן קאמיטע פאר די צוריקגעקומענע סאלדאטען מענשען וואס אטאקירען הוירסט'ן אלס פאררעטער צום לאנד. הוירסט האלט מעקואי'ן פאראנטווארטליך פאר דיזע אפאינטמענטס. אמת טאקע, די אפאינטמענטס זיינען געמאכט געוואָרען ניט פון מעקואי'ן נאר פון דעם בארא פרעזידענט פון ברוקלין. אבער דער בארא פרעזידענט האט זיך דאך אין אזא וויכטיגען ענין געוויס מישב געווען מיט באס מעקואי און דער באס וואלט דאך געקענט ווירקען ער זאל יענע לייט ניט אפאינטען אדער זיי שפעטער אראפווארפען.

דאס איז די דירעקטע אורזאכע פון הוירסט'ס כעס געגען מעקואי'ן. די פראגע איז אבער פארוואס איז מעקואי ווירקליך ניט געווען פארזיכטיג? און פארוואס ערלויבט ער אז זיין פריינד הוירסט זאל אטאקירט ווערען פון די קאמיטע־לייט? און עס פרעגט זיך נאך ווייטער, שטעהט אין דעם מעקואי אליין אדער די גאנצע טעמעני מאשין? הייסט עס אז טעמעני איז מיעד געוואָרען פון איהר פריינדשאפט מיט הוירסט'ן און וויל זיך פון איהם אפטרייסלען?

דער בויערן־באלל פון דער „פרייער ארבייטער שטימע" דיעזען שבת!

דיעזען שבת אוונד, דעם 8טען פעברואר, איז דער גרויסער יעהרליכער היסטארישער „בויערן באלל פון דער „פרייער ארבייטער שטימע".

דער יעהרליכער באל פון דער „פרייער ארבייטער שטימע" נויטיגט זיך ניט אין שבחים. עס איז דער פאפולערסטער באל אין אמעריקא און ווער עס באזוכט דעם באל איין מאל, קומט שוין אלע מאל. עס איז א גייסטיגער פארגעניגען צו פארברענגען דעם אוונד ביים באלל אין אן אטמאספערע פון אמת'ער גוטמוטיגקייט און לוסטיגקייט.

דערביי דארף מען אויך ניט פארגעסען, דאס דער ערפאלג פון דעם „בויערן באלל" איז נויטיג פאר דעם לעבען פון דער „פרייער ארבייטער שטימע", און עס איז פשוט א פליכט פון יעדען איינעם, וואס איז נאר אויף דאס מינדעסטע פארבונדען מיט דער ארבייטער־באוועגונג, צו קומען צום בויערן־באל.

אלזא, טרעפען מיר זיך דעם שבת אוונד אין הארלעם ריווער קאסינא, 127טע סטריט און 2טע עוועניו!

סען. אבער וועלען די באסעס עס באגרייפען? עס קען דאך פאסירען, אז די באסעס זאל קומען אן אונגליקליכער געדאנק אין קאפ אריין, אז עס לוינט זיך צו ריזיקירען א קאמף. איבערהויפט, ווען זיי וועלען דענקען, אז די יוניאן־קאסע איז ניט רייך גענוג, אום אויסצוהאלטען אזא קאמף. גאנץ אנדערש אבער וועלען די באסעס דענקען, ווען זיי וועלען וויסען, אז די יוניאן האט פאר דעם קאמף א ספעציעלען קאמפף־פאנד פון א האלבען מיליאן דאלאר, למשל. מען מעג זיין זיכער, אז דאן וועלען זיי זיך אן איבעריגען מאל מישב זיין, צי זיי זאלען גאר דערלאזען צו א קאמף. און אויף אזא אופן קען אט דעם קאמפפס פאנד גאר ווערען אן אמת'ער פרידענס־פאנד. ער קען אם בעסטען ווירקען, אז די גאנצע רעוואלוציע אין דער קלאוק אינדוסטריע, וואס מוז קומען, זאל זיין אזוי ווייט מעגליך פרידליכע.

און וואס גיכער און פלייסיגער און ענערגישער דער פאנד וועט צוזאמענגעבראכט ווערען, דאס אלץ גרעסער זיינען די שאנסען פאר א פרידליכע לייזונג פון די אלע צייטיג־געוואָרענע ענדערונגען אין דער קלאוק אינדוסטריע.

דאס דארפען די קלאוקמאכער האבען אין זינען, ווען זיי געהען שאפען דעם גרויסען פאנד. עס איז אמת, אז פאר מאנכע איז 5 דאלאר ניט אזוי לייכט ביירצוטראגען, אבער, וואס העלפט עס? — לייכט, ניט לייכט, דער פאנד מוז געשאפען ווערען. די סאמע עקזיסטענץ פון דעם קלאוק מאכער שטעהט אין קאן: מו זאל עס מאכי געטאן ווערען מיט דער גאנצער ענערגיע און מיט'ן גאנצען הארצען.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Sec'y-Treas.; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, February 7, 1919. No. 4.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

ביי די שטיק־שניידער און סעמפעל מאכער

מיט איינינע וואכען צוריק האב איך פאראויסגעזאגט, דאס דער איצטיגער סיזאן וועט זיין א גוטער פאר די שטיק־שניידער. און אזוי איז דאס טאקע. דער איצטיגער סיזאן פאר שניידער־ארבייט איז זעהר א גוטער — עס איז דא פיעל שניידער ארבייט. אין פיעלע שעפער פעהלען פשוט אוים שטיק־שניידער. שוין לאנג ווי מיר געדענקען ניט אזא סיזאן פאר שטיק־שניידעריי. אין יעדען שטיק־שניידער שאפ איז דא דעם סיזאן מעהר ארבייט ווי אין די פאריגע סיזאנס. חוץ דעם זיינען נאך צוגעקומען עטליכע נייע שניידער־שעפער. אין איינינע שעפער ארבייטען זאגאר אונזערע מיטגליעדער אויף א וואכען־אגרימענט.

דער אנפאנג פון דעם סיזאן, ווי עס זעהט אוים, איז ניט שלעכט, און ער זאגט צו, דאס אונזערע מיטגליעדער וועלען דעם יאהר פארדינען אויף א לעבען.

איצט שטעלט זיך די פראגע: וועלען אונזערע שטיק־שניידער וויסען ווי אזוי אויסצונוצען די איצטיגע געלעגענהייט? וועלען זיי וויסען ווי אזוי צו פיהרען זיך אין די שעפער, אז זיי זאלען קענען פארדינען? שטיק שניידער! איצט האט איהר א געלעגענהייט, ווייל עס איז איצט דא ארבייט, זיך ניט צו לאזען אבנארען און ניט לאזען זיך פארדרעהען דעם קאפ פון אירגענד וועמען אין אייער שאפ! זייט פארזיכטיג ווי אזוי איהר סעטעלט די פרייזען. איילט זיך ניט ביים סעטלען. באטראכט יעדער שטיק ארבייט גענוי איידער איהר זאגט ארוים א פרייז. ארבייט קען זיין א סך, אבער ווען די פרייזען זיינען געקוילעטע, וועט איהר האבען דאס זעלבע ווי ווען איהר וואלט געהאט וועניג ארבייט.

געדענקט נאך א זאך: ווען איהר סעטעלט איינמאל אפ א שטיק ארבייט, קענט איהר עס מעהר ניט איבערסעטלען. דאס איז נאך אן ארגומענט פאר וואס איהר דארפט זיין אזוי שטרענג אפגעהיט מיט דעם סעטלען די פרייזען.

לאמיר האפען, דאס איהר, שטיק־שניידער, וועט טאן דאס בעסטע אין דער הינזיכט.

* * *

מיר האבען אלע מאל צוגעשריבען צו דעם פאקט, וואס אונזערע מיטינגען זיינען ניט קיין באזוכטע, צו דעם, וואס אונזערע מיטגליעדער פארדינען ניט און עס ליגט זיי ניט אין קאפ צו געהן צו א מיטינג פון זייער אייגענעם לאקאל. דער איצטיגער סיזאן וועט באווייזען דעם אמת פון דער השערה.

מיטגליעדער פון לאקאל 3! דעם סיזאן, מעהר ווי אלע אנדערע, דארפט איהר זיך פאראינטערעסירען מיט אייער לאקאל.

מיר ווילען וויסען וואו איהר ארבייט און מיר ווילען הערען אייערע שאפ־רעפארטס. ווידער זיינען דא צו פארהאנדלען זעהר וויכטיגע פראגען, וואס זיינען שטארק נוגע אונזער לאקאל אלס לאקאל. מיר שטעהען פאר דער באנייאונג פון אגרימענט מיט די קלאוק־מאנופעקטשורערס. דער נייער אגרימענט דארף מאכען א רעוואלוציע אין אונזער גאנצען טרייד. דער אגרימענט וועט ארויסרופען פארשידענע פראגען וואס יעדער לאקאל פון דעם דזשאינט באארד וועט דארפען באזונדער זיך פארטראכטען איבער זיי און אננעהמען באשליסע.

אונזער לאקאל איז זיכער פון דעם ניט פריי און וועט אויך דארפען זיך פארטראכטען וועגען אונזערע קריוודעס און איבלען, און וועט דארפען אננעהמען באשליסע, אום דאס אלעס אויסצובעסערען. דערפאר איז זעהר שטארק נויטיג, דאס די מיטינגען זאלען זיין באזוכט פון א גרויסער צאהל מיטגליעדער. דיזען שבת, דעם 8טען פעברואר, 1919, פונקט 2 אזייגער נאכמיטאג, וועלען מיר האבען א מיטינג אין בעטהאווען האלל, 210 איסט 5טע סטרים.

שטיק־שניידער, פארגעסט ניט צו קומען!

צוליעב דעם זעלבען צוועק האט אונזער ארגאניזיישאן קאמיטע באשלאסען צו רופען א ריהע מאס־מיטינגען צו יעדער צייט, ווען זי וועט געפינען פאר נויטיג. זי האט אויך באשלאסען צו רופען איינינע מיטינגען אין די בראנקס, וואו א גרויסע צאהל פון אונזערע מיטגליעדער וואוינען. די מיטינגען וועלען זיין זעהר אינטערעסאנט. אלזא, האט דאס אין זינען, מיטגליעדער. פארגעסט דאס ניט, און ווען מען וועט אייך רופען לעגט אפ אלעס אנדערעס אין א זייט און קומט צום מיטינג פון אייער אייגענעם לאקאל, ווען זיי וועלען אנאנסירט ווערען.

* * *

מיט די ארבייטער פון דער פירמע א. דזש. וועל מעגען מיר זיך דאס מאל גראטולירען. מיר מוזען זאגען דעם אמת, דאס מיר האבען אלע מאל געצווייפעלט אין דער שטעלונג, וואס די ארבייטער פון דעם שאפ וועלען נעהמען, ווען נאר אונז איז אויסגעקומען עפעס דורכצופיהרען אין דעם שאפ און ווען מיר האבען באדארפט די שטיצונג פון די ארבייטער. דאס מאל אבער איז עס געווען אנדערש. די ארבייטער זיינען געווען פעסט אין זייער באשלוס און זיינען געווען פארטיג פאר אלעס. דאס האט מען געקענט זעהן פון זייערע מיטינגען. און דאס מאל האבען זיי ווירקליך אויסגעפיהרט זייער פארלאנג, א דאנק זייער איינינקייט און ברידערליכקייט.

דער פארלאנג זייערער איז געווען, דאס דער אינסייד־קאנטראקטאר, וועלכען די פירמע האט געהאלטען אין שאפ אלס א בייטש געגען זיי, זאל ארונטערגעשיקט ווערען. דער סוף איז געווען, דאס די פירמע איז געצוואונגען געווען דעם אינסייד קאנטראקטאר ארונטערצושיקען.

לאמיר האפען, דאס די ארבייטער פון א. דזש. וויל וועלען אימער בלייבען אזוי איינינ און ברידערליך אין אלע זייערע פאדערונגען פאר זייער אייגענער טובה און פאר דער טובה פון דער יוניאן.

ד. רובין, סעק. ל. 8.

וואס הערט זיך ביי די ריינקאוט מאכער?

א לעבהאפטע ארגאניזאציאנס־ארבייט ווערט יעצט אנגעפיהרט צו קריגען אונטער יוניאן־קאנטראל די אלע שעפער וואס זיינען ביז יעצט פון דער יוניאן ניט קאנטראלירט געווארען, און אזעלכע שעפער זיינען דא א היבש ביסעל.

פאר די לעצטע פאר יאהר איז מען געווען ביי אונז פארנומען מיט מאכען סליקערס און גאז־מאסקס, און עס איז ניט געלעגען אין זינען צו יוניאנאיזירען די אלע שעפער וואס האבען געארבייט פאר ציוויליען געברויך. עס האט זיך אויסגעדרוקט, אז מען וועט שוין גאר קיין מאל ניט סטאפען צו מאכען סליקערס אדער גאז־מאסקס, אבער מיט דער ענדע פון דיזער ארבייט האט מען זיך ארומגעזעהן, אז א גאנץ וויכטיגער טייל פון אונזער אינדוסטריע איז גאר נישקשה'דיג פארנאכלעסיגט געווארען. און עס פאדערט זיך יעצט אונערמיעדליכע ארבייט דיזע אלע שעפער צו קריגען מעהר אדער וועניגער אונטער קאנטראל.

ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט די אונגינסטיגע צייט אין אונזער אינדוסטריע נאכדעם ווי איינינע צעהנדליג שעפער האבען זיך פארמאכט און הונדערטער ארבייטער זיינען געבליבען ארבייטסלאז, א צייט ווען די אינדוסטריע האט ערשט אנגעפאנגען קומען צו א נארמאלען לעבען, איז עס ווירקליך צו באוואונדערען די ענטשלאסענהייט צו האבען דעם טרייד 100 פראצענט ארגאניזירט.

די ארבייט האט זיך אנגעפאנגען און איינינע שעפער זיינען שוין ארגאניזירט געווארען, צווישען זיי אויך דער שאפ פון ראוז און מאנעלווסקי פון בראנזוויל, אויף וועלכען אונזער יוניאן האט שוין אוועקגעגעבען א היבש ביסעל מיה און ענערגיע צו האבען דעם שאפ אונטער קאנטראל.

ווען מיר רעדען שוין וועגען ארגאניזאציאנס־ארבייט איז וויכטיג צו דערמאנען, אז עס איז יעצט געקומען די העכסטע צייט, אז דער באשלוס פון דער באסטאנער קאנווענשאן אנצושטעלען אן ארגאנייזער פאר דער ריינקאוט אינדוסטריע זאל געבראכט ווערען אין לעבען. קיין אנדער צייט איז ניט געווען אזוי וויכטיג ווי די יעצטיגע צו האבען א דזשענעראל ארגאנייזער פאר די פארשידענע קאנטרי־שטעדט, וואו עס געפינען זיך א באדייטענדע צאהל גרויסע שעפער, און קיין צייט איז ניט געווען אזוי ערנסט ווי די יעצטיגע, אז די ארבייט זאל געטאן ווערען. עס איז אמת, אז דער אינטערנעשאנאל אפיס איז איצט צו פיעל פארנומען מיט'ן גרויסען ליידיס ווייסט מייקערס סטרייק און מיט אנדערע ערווארטעטע סטרייקס אין די פראווינץ לאקאלס. אבער דיזע פאדערונג איז אייגענטליך ניט קיין נייע און מיר זיינען בארעכטיגט באהאנדעלט צו ווערען ניט ווי שטיף־קינדער, טראץ דעם וואס אונזער לאקאל צעהלט ניט קיין צעהנדליגע טויזענדע מיטגליעדער.

* * *

עס איז לעצטענס איינגעפיהרט געווארען א רעדזשיסטריישאן ליסט ביי אונז אין אפיס, אז די יעניגע, וואס זיינען ארבייטסלאז, דארפען זיך רעדזשיסטרירען, און אויב עס איז פאראן אירגענד וועלכער דזשאב צו פלייסען אן ארבייטער צו דער ארבייט, ווערט דאס גענומען פון דער רעדזשיסטריישאן ליסט און נאכ'ן נעקסט נאך געשיקט צו דער ארבייט. זיינען אבער אונזערע בעל מלאכות ניט צוגעוואוינט צו אזעלכע נייע רעפארמען און מאכען זעהר פיעל שוועריגקייטען דעם אפיס אנצוגעהן מיט דער ארבייט אין א ריכטיגען וועג. דיזע נייע רעפארמע האט איינינע זעהר גוטע זייטען. ערשטענס, וועט דאס אפסטאפען דאס קלאפען אין די טהירען פון די שעפער פון אזוי פיעל לעדיג־געהער, וואס דאס מוז בלויז האבען א שעדליכע ווירקונג אויף דעם טרייד און די קאנדישאנס אינערהאלב די שעפער. צווייטענס, וועט דאס געבען א געלעגענהייט דעם אפיס צו האבען א פאלשטענדיגע קאנטראל איבער די מעמבערס. איז אבער די צרה וואס די מעמבערס ווילען ניט פארשטעהן דעם גרויסען נוצען, וואס דאס וועט ברענגען דעם טרייד און קומען מיט טענות, אז מען זאל זיי געבען ארבייט. עס זעהט אויס ווערדליג ווי די אפיסערס האבען אנגעגרייט דזשאבס און מען וויל זיי ניט געבען צו די לעדיג־געהער.

מיר ווילען ערקלעהרען אונזערע מעמבערס, אז מיט דעם וואס איהר וועט ארומלויפען איבער די שעפער זיך פרעגען פאר דזשאבס וועט קיין ארבייט אין טרייד ניט ווערען. אין געגענטייל, איהר וועט געבען א געלעגענהייט די בעלי־בתים זיך צו באנוצען דערמיט געגען אייך אליין, און די איינציגע זאך וואס איהר וועט יא אויפטאן איז דאס וואס איהר וועט זיך בלויז ערנידריגען אין די אויגען פון די מאנופעקטשורערס.

מיר אפעלירען צו יעדען מעמבער פון אונזער יוניאן צו זיין רוהיג. ווען עס וועט קומען אייער נעקסט, וועלען מיר אייך לאזען וויסען דורך א ספעשעל דעליווערי לעטער און איהר וועט נאכ'ן נעקסט געהן צו דער ארבייט.

* * *

פאר די לעצטע אנדערהאלבען יאהר האבען אין אונזער טרייד געארבייט הונדערטער און הונדערטער מעמבערס פון די פארשיעדענע לאקאלס פון דעם דזשאינט באארד, און מיר האבען קיינעם פון זיי ניט געצוואונגען צו טראנספערירען צו אונז אין לאקאל טראץ דעם וואס מיר האבען געהאט א קאנסטיטוציאנעלעס און געזעצליכעס רעכט דאס צו טאן. נאך מעהר, מיר האבען געזעהן, אז זיי זאלען ווערען גוטשטעהענד אין זייערע באטרעפענדע לאקאלס, און מיר האבען זיי באהאנדעלט ווי אמת'ע ברידער אין די שעפער, און היינט צו טאג ארבייטען נאך אין אונזערע שעפער צעהנדליגער מעמבערס פון די דזשאינט באארד לאקאלס אהן וועלכע שטערונגען און זיי קריגען די פולע פראטעקשאן פון אונזער יוניאן גראדע ווי אונזערע אייגענע מעמבערס. מיר האבען געוואוסט ווי אפצושאצען די מאראלע ווירקונג, וואס אזא האנדלונג זייטענס אונזער יוניאן וועט האבען אויף די לעדיג־געהענדע קלאוקמייקערס. מיר פארלאנגען ניט קיין דאנק און אויך ניט קיין אנערקענונג פאר אונזער אמת־ברידערליכער האנדלונג, וואס וואלט ווירקליך געמעגט דיענען אלס א מוסטער פאר די אייגענע לאקאלס אינערהאלב דעם דזשאינט באארד. אבער וואס מיר מעגען פארלאנגען און ערווארטען פון די דזשאינט באארד לאקאלס און בעאמטע איז, אז ווען איינינע פון אונזערע מעמבערס זיינען צוליעב די יעצטיגע אומשטענדען געצוואונגען צו זוכען ארבייט ביי קלאוקס, זאל מען זיי ניט באדערען מיט קיין טראנספערס און ניט מאכען קיין שטערונגען צו געהן ארבייטען אין א יוניאן־שאפ. מיר האבען די לעצטע צייט געקריגען איינינע קאמפליינס, וואו מען צווינגט אונזערע מעמבערס צו טראנספערירען זיך. מיר האבען דאס זיכער ניט פארדיענט פון די דזשאינט באארד לאקאלס.

* * *

ביי דעם לעצטען מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד האבען מיר געהאט א שעהן ביסעל שפאס פון דעם שפאגעל־נייעם קארפארעישאן־שאפ פון דער יוניווערסאל ריינקאוט קא., אין 49 15טע סט. די בעלי בתים פון דיזען שאפ, מר. הערמאן און מר. בערמאן, האבען געמאכט יד אחת מיט די ארבייטער כדי [...] נארען דער יוניאן. מען האט [...] סעטעלט מיט'ן אפיס פון וואך ארבייט [...] סקייל פון 35 דאלאר פאר אן אפרייטער און סעמפעלמער, אבער יעדער איינער [...] די ארבייטער האט אינוועסטעט צו [...] דאלאר און מען האט זיך אינקארפארירט אונטער'ן נאמען איסטערן ריינקאוט קא.

אזוי שנעל ווי דער אפיס האט דאס אויסגעפונען, האט מען גלייך געסטאפט דעם שאפ פון דער ארבייט און אלע לייטע זיינען געארדערט געווארען צו קומען פאר דעם עקזעקוטיוו באארד. ביי דעם עקזעקוטיוו באארד זיינען זיי ערשיענען איינציגווייז און אורטיילענדיג פון זייערע ענטפערס, איז געווען קענטיג, אז זיי זיינען גוט ארגאניזירט צו מאכען א פארשווערונג געגען דער יוניאן.

דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען, אז די אלע לייטע זאלען צושטעלען געשווארענע אפידייוויטס, אז זיי באלאנגען ניט צו דער קארפארעישאן און אויב זיי וועלען דאס ניט טאן, וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן. מיר ווערען אינפארמירט, אז זיי קלייבען זיך צו עפענען א שאפ אום און טאן. מיר קענען זיי פארזיכערען, אז זיי וועלען זיך פון יוניאן־קאנטראל ניט אויסדרעהען.

* * *

לעצטען מיטוואך, דעם 29טען יאנואר, האבען מיר געהאט א מעמבער־מיטינג צוזאמען מיט א לעקטשור. אמת, דער מיטינג איז ניט געווען שטארק באזוכט. אבער מיר דענקען, אז מיטוואך איז ניט קיין פאסענדער טאג פאר מיטינגען. אורטיילענדיג אבער פון דער שטילקייט, רוהיגקייט און ערנסטער באנעהמונג פון די מעמבערס ביי דיזען מיטינג, מוזען מיר זאגען, אז די ריינקאוט מייקערס זיינען ווירקליך פאראינטערעסירט אויך ווייטער צו האבען אזעלכע מיטינגען, ביי וועלכע עס זאל אויסער די געוועהנליכע רוטינע ביזנעס פון דער יוניאן אויך דיסקוטירט ווערען אן אינטערעסאנטע פראגע, וואס זאל אביסעל שארפען די מוחות פון אונזערע מעמבערס.

דער נעקסטער מיטינג וועט אויך זיין אין פארבינדונג מיט אן אינטערעסאנטען פארטראג. זאלען אונזערע מעמבערס וואטשען די ווייטערע אנאנסמענטס.

סעם פרידמאן, סעק. ל. 20.

ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

צו זיין א גוטען יוניאן מאן אין דער צייט פון „ביזי" איז קיין גדולה ניט ביי אן ארבייטער. ווען דער באנדעל איז גרויס, דער פיי־ענוועלאפ א דיקליכער, דאן זיינען א ל ע גוטע יוניאן לייט. זאל אונז טאקע צו קיין גנאי ניט זיין אבער דאס איז א פאקט: ווען די צייט איז גוט דאן פאלען מיר אריין אין אזא התלהבות וועגען דער יוניאן אז פיעלע מאל שרייבען מיר צו אלע גוטע זאכען וואס זיינען נאר דא אויף דער וועלט צו דער מאכט פון דער יוניאן.

די הויפט פראבלעמע אבער איז: צו זיין א יוניאן מאן א ל ע מאל, זאגאר אין סלעק צייט, און ווען די צייט אין אלגעמיין איז ניט אמבעסטען. דאס, ליידער, האבען מיר זיך נאך ניט געלערענט אפצושאצען.

נעמט, צום ביישפיעל די יעצטיגע צייט: עס איז יעצט די געוועהנליכע סלעק, צוזאמען מיט דער אונגעוועהנליכער לאגע, וואס עס הערשט יעצט אין לאנד אין אלגעמיין. פיעלע פון אונזערע מעמבערס זיינען ארבייטסלאז און עס וואלט זיך געדאכט, אז גראדע יעצט האט זיך געדארפט אנפאנגען אקטיוויטעט אין דער יוניאן: יעדער איינער האט געדארפט קומען צו די מיטינגען און צייגען זיין אינטערעס אין דער יוניאן; זעהן זיך צוגרייטען צו דער צייט ווען עס וועט ווערען ארבייט, אז די יוניאן זאל זיין שטארק גענוג צו קריגען גוטע קאנדישאנס אין די שעפער א. א. וו. לאזט זיך נאר אוים פונקט קאפויר. אזוי שנעל ווי עס ווערט סלעק, דארף מען זוכען א מעמבער ווי מיט ליכט, ביי די מיטינגען. דאס צייגט ווי וועניג מיר באגרייפען אונזערע פליכטען אלס יוניאן לייט.

נעהמט נאך א ביישפיעל פון אונזער[...] אייגענער אונדאנקבארקייט און אונ[...] אנטווארטליכקייט אין סלעק־צייט. [...]

„עקאנאמי און עפישענסי" אין דער קלאוק-מאכער יוניאן פון ניו יארק

פון פיליפ קאפלאוויטש.

אין די לעצטע נומערען פון דער „נייער פאסט" האט ברודער זיגמאן אנגעוויזען אויף א פלאן, ווי אזוי די ניו יארקער קלאוקמייקערס קענען שפארען ארום 60 טויזענד דאלאר יעהרליך און דערביי נאך אנפיהרען די ביזנעס פון דער יוניאן פיעל בעסער ווי יעצט.

איידער איך גיה איבער צו דער פראגע זעלבסט, וועל איך זיך אפשטעלען אויף א פאר פונקטען, וועלכע איך וועל שפעטער פארענטפערען.

איינגע אקטיווע מענשען פון אונזער יוניאן האבען זיך אויסגעשפראכען, דאס איידער זיגמאן האט פארעפענטליכט דעם פלאן אין דער „נייער פאסט", האט ער פריהער באדארפט דאס פארברענגען פאר דעם דזשאינט באארד און קריגען זיין צושטימונג, און נאכהער די גוטהייסונג פון די מעמבערס דורך די לאקאל עקזעקוטיוו באארדס, און ערשט דאן וואלט ער געמענט אנפאנגען אן עפענטליכע אגיטאציע צווישען די מעמבערס.

איך וויל דערוייל נאר זאגען, דאס דיזע פראגע דארף זעהר קלאר דיסקוטירט ווערען און יעדער מעמבער דארף זיך מיט דעם גוט באקענען. דאן וועט עס שוין מוזען גוטגעהייסען ווערען.

דיזע פראגע איז ניט ארויסגעשוואומען פלוצלונג, נאר איז געקומען פון יאהרען און יאהרען ערפאהרונג.

אין 1909, ווען פלענער פאר א גרויסער יוניאן זיינען אויסגעלעגט געווארען, זיינען די בויער געווען יענע מענשען, וועלכע האבען געהאט נאר א קנאפען באגריף ווי א גרויסע יוניאן דארף געבויט זיין, און די גרויסע יוניאן איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אויף דעם שטייגער פון די אמאליגע קליינע יוניאנס. קיינער האט דאן ניט געקענט וויסען וואס עס וועט זיך דערפון אויסארבייטען. מען איז ווירקליך געווען מעהר אינטערעסירט אין ארגאניזירען די קלאוקמאכער ווי צו טראכטען פון דער פארמע פון דער יוניאן.

די גרויסע יוניאן איז אלזא אויפגעוואקסען אויפ'ן זעלבען שניט ווי יענע קליינע יוניאנס.

אין 110, נאך דעם סעטעלמענט פון סטרייק, זיינען די מעמבערס אריינגענומען געווארען אין די פארשיעדענע לאקאלס לויט זייער פאך, און די ביזנעס פון דער יוניאן האט אנגעפאנגען צו טאן דער דזשאינט באארד.

דער דזשאינט באארד האט נאכ'ן סטרייק געהאט איין אפיס. ווען די ארבייט האט זיך פארגרעסערט, זיינען געעפענט געווארען נאך אפיסעס אין פארשיעדענע טיילען פון שטאדט. יעצט ווערען אטענדעט די ביזנעס פון די מעמבערס אין 7 אפיסעס פון דזשאינט באארד, 3 אין ניו יארק, איינער אין ברוקלין, בראנזוויל, דזשוירזי סיטי און נוארק.

אין די אלע אפיסעס ווערען געשלאסען אגרימענטס מיט באסעס; עס ווערען אויפגענומען אלערליי קלאגען פון די מעמבערס. עס ווערען געגעבען אלערליי אינפארמיישאנס; עס ווערען גערופען שאפ-מיטינגען און עס ווערען צופרידענגעשטעלט אלע איבעריגע באדירפנישע פון דער יוניאן. די זעלבע בעאמטע קאנטראלירען אויך די שעפער און קאלעקטען דיוס און אלע אנדערע צאהלונגען.

ביז 1913 פלעגען דיזע אפיסעס קאלעקטען 70 פראצענט פון די דיוס פון דער גאנצער יוניאן. יעצט איז דאס פיעל ווייניגער. די אורזאכע וועל איך שפעטער ערקלעהרען.

דער ניו יארקער דזשאינט באארד איז צוזאמענגעשטעלט פון אלע לאקאלס, וואס מאכען קאוטס, סוטס, סקוירטס, דרעסעס און ריפערס. אצינד זיינען דא אין דעם דזשאינט באארד 12 לאקאלס פון אפרייטארס, פינישערס, פרעסערס, קאטערס, סקוירט מייקערס, ריפער מייקערס א. ז. וו. לוים דער קאנסטיטושאן פון אונזער אינטערנעשאנאל, מוז א דזשאינט באארד עקזיסטירען, אום צו טאן די ביזנעס פון דער יוניאן געמיינשאפטליך; און זי איז די איינציגע קערפערשאפט וואס קען שליסען אגרימענטס מיט באסעס. דאס שטערט אבער ניט יעדען לאקאל באזונדער פון צו האבען אפיסעס מיט אלע קלאפערנעציינג, פון א סייף ביז א סטענאגראפער.

די ארבייט פון די לאקאלס באשטעהט איצט אין אריינגעהמען נייע מעמבערס אין דער יוניאן, קאלעקטען דיוס, אסעסמענטס און פארשיעדענע אנדערע צאהלונגען, אזוי ווי אין די דזשאינט באארד אפיסעס, מיט דעם אונטערשיעד, וואס אין די דזשאינט באארד אפיסעס ווערען גענומען צאהלונגען פון אלע מעמבערס פון דער יוניאן אהן אונטערשיעד פון וועלכען לאקאל זיי זיינען מעמבערס, און אין די לאקאלע אפיסעס ווערען גענומען צאהלונגען נאר פון זייערע מעמבערס.

אין די דזשאינט באארד אפיסעס ברענגט דער שאפ-טשערמאן אלע קאלעקטירטע ביכלעך מיט די געלדער בין אלע ארביטער פון שאפ, ווייל עס איז פאר אהם מעהר באקוועם ווי צו לויפען צאהלען אין יעדען לאקאל-אפיס באזונדער.

און ווען מיר גיבען א טראכט, דאס די לאקאלע אפיסעס טוען פראקטיש די זעלבע ארבייט, וואס די דזשאינט באארד אפיסעס, מוז זיין דער שלוס, דאס איינס איז איבעריג. אויף דער 14טער סטריט, קארנער סעקאנד עווניו, געפינען זיך 4 אפיסעס פון 4 באזונדערע לאקאלס, וואס טוען די זעלבינע ארבייט. די געשעפטען פון די 4 אפיסעס וואלטען זעהר באקוועם געקענט געטאן ווערען אין איין אפיס אדער פיעל אינגאנצען אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד.

אין יעדען פון די 12 לאקאל-אפיסעס געפינט זיך א סעקרעטער. אין די גרעסערע לאקאלס — אויך א בוקקיפער מיט קלוירקס צו אטענדען צו ביזנעס. דער סעקרעטער, בוקקיפער און די קלוירקס אטענדען צו די פינאנציעלע ביזנעס: צו קאלעקטען צאהלונגען, און אזוי ווי דאס געלד וואס ווערט קאלעקטירט אין די דזשאינט באארד אפיסעס ווערט דאך אויך איבערגעגעבען צו די לאקאלס, די צו וועמען דאס געלד געהערט, ווערט עס א געוואוינהייט ביי די לאקאל-אפיסערס צו מאכען אזוי פיעל שוועריגקייטען ווי נאר מעגליך פאר די דזשאינט באארד-קלוירקס, אזוי אז די מעמבערס מיט זייערע צאהלונגען זאלען קומען נאר אין די לאקאלס, אום צו קענען ווייזען, דאס די לאקאלס קאלעקטען דאס מייסטע געלד, און אז ווען די צאהלונגען אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד וואלטען אין גאנצען אויפגעהערט, וואלט דער לאקאל פיעל פראפיטירט דערביי. עס איז נאטירליך, אז דיזער געפיהל זאל עקזיסטירען; ווען ניט, וואלט דער סיסטעם שוין לאנג צוריק געענדערט געווארען.

אין די גרויסע לאקאלס איז אויך דא א מענעדזשער. דער אמט איז באשאפען געווארען, ווען די סעקרעטערע, וואס זיינען געווען מעמבערס אין אונזער יוניאן, זיינען אוועק פון אמט און עס איז איבערגעבליבען בלויז דער בוקקיפער, און אזוי ווי דער בוקקיפער איז ניט קיין פאך-מאן און מען מוז א מאל א מעמבער עטוואס ענטפערען וועגען יוניאן-פראגען, האט מען געדארפט אריינשטעלען א יוניאן-מאן. אזוי איז באשאפען געווארען דער לאקאל מענעדזשער. אין וואס זיין ארבייט דארף באשטעהן איז שווער צו זאגען, און דערפאר טוען זיי וואס עס לאזט זיך: זיי נעהמען אויך אויף קאמפליינטס, אזוי דאס א מעמבער אין טראבעל, דענקענדיג דאס אויב ער וועט קאמפלייגען אין צוויי פלעצער וועט זיין שטארקער, געהט אויך אין לאקאל. און אויב עס איז ניטא ווער עס זאל קומען, מוז מען פשוט רופען מעמבערס און טאן איינינעס, אום צו געפינען ארבייט.

איך מיין דא ניט צו באשולדיגען די לאקאל-מענעדזשערס. זיי קענען זיך ניט העלפען, ווייל זיי טוען די ארבייט, וואס דארף געטאן ווערען פון דזשאינט באארד. איינס פון די צוויי איז איבעריג, ווארים אויב די דזשאינט באארד אפיסעס זאלען ניט אויפנעהמען קיין קאמפליינטס, דאן מוז מען זיי איינגאנצען אפשאפען.

די אלע לאקאל-מענעדזשערס וואלטען געווען וועלטער-גוטע מענשען אין דזשאינט באארד.

ביז איצט האב איך געוואלט אויסמיידען צו דערמאנען די פינאנציעלע זייט, ווייל, ערשטענס, האט דאס זיגמאן שוין געטאן, און צווייטענס, האב איך געוואלט באווייזען, דאס די אלטע סיסטעם ברענגט געוויס אנדערע צרות אויסער דעם וואס זי קאסט עקסטרא געלד.

ד אלע לאקאל-אפיסעס, מיט רענט, סייפס, דעסקס, מענעדזשערס, קלוירקס און אלעס וואס מען דארף אויף אויפהאלטען אן אפיס, וואלטען מיר געקענט איינשפארען. און דאס אלץ קאסט א ריעזען-סומע.

אויף די פראגען פון אונזערע מעמבערס ווארום מיר האבען דאס ניט איינגעזעהן פריהער און דאס ניט אפגעשאפט אין די ערשטע יאהרען, קען מען נאר ענטפערען דאס פאלגענדע: די ערשטע צייט האט מען ניט געוואוסט ווי די זאך וועט זיך אויסארבייטען. מען האט ניט ערווארט, דאס די לאקאל-אפיסעס וועלען טאן די זעלבע ארבייט, וואס דער דזשאינט באארד. אין די שפעטערע יאהרען איז יעדער לאקאל געווארען א וועלטעל פאר זיך, און אלע אנגעשטעלטע זייערע זיינען מיט דער מיינונג, דאס דער דזשאינט-באארד איז איבעריג און דאס נאר די לאקאל-אפיסעס זיינען נויטיג פאר דער יוניאן.

עס איז ווערט צו באמערקען, ווי ווייט דער סעפאראטיזם קען פיהרען.

די לאקאל-פסיכאלאגיע האט זיך אזוי אויסגעבילדעט, דאס עס ווערט אפט באטראכט, דאס די לאקאלס און דער דזשאינט באארד זיינען באזונדערע קערפערשאפטען.

וואלט איהר זיך געקענט פארשטעלען אזא זאך?

ווען איך בין אריין אין מיין יעצטיגען אמט אלס טרעזשורער פון דזשאינט באארד, האב איך געפונען פון לאנג: דער דזשאינט באארד איז דאן פינאנסירט געווארען דערפון וואס יעדער לאקאל פלעגט צאהלען 7 סענט פון יעדען סטעמפ, וואס מען פלעגט פארקויפען, און פון א האלב פון די איינטריטס-געלד פון נייע מעמבערס. די 7 סענטיגע האבען ניט געקלעקט אויף די דזשאינט באארד-עקספענסעס, פלעגט דער דזשאינט באארד בארגען געלד אין א באנק און צאהלען 6 פראצענט אינטערעסט כדי צו קענען אנפיהרען זיינע געשעפטען. און אין די לאקאל-טרעזשורים איז דאן געווען איבער א פערטעל מיליאן דאלאר, און זיי האבען מעהר ניט געקראגען ווי 4 פראצענט אויף זייער געלד. עס פארשטעהט זיך, דאס אינדירעקט האבען די לאקאלס געדארפט באצאהלען דעם קרן מיט די אינטערעסט, וואס דער דזשאינט באארד האט אנטליהען אין באנק, ווייל די אייננאהמע פון דזשאינט באארד קומט נאר פון די לאקאלס, וועלכע צאהלען צום דזשאינט באארד פראפארציאנעל. און די אלע צאהלונגען פון די מעמבערס, וואו זיי זאלען ניט געמאכט ווערען, געהען אין יעדען לאקאל באזונדער.

די רעקאמענדאציע פון ברודער זיגמאן איז ניט צו מאכען איין לאקאל פון אלע לאקאלס. דאס איז געגען דער קאנסטיטושאן פון דער אינטערנעשאנאל. זיין פלאן איז אויך נישט צו פאראייניגען די טרעזשורים פון די לאקאלס, אבוואהל דאס וואלט אויך ניט געשאדט. ער רעקאמענדירט נאר, עס זאל אפגעשאפט ווערען די דאפעלטע ארבייט, וואס וועט אונז שפארען אן אונגעהייערע סומע און וואס וועט אויך אפשאפען די סיסטעם, וואס פיהרט צו העצעס, רייסערייען און מיסטרוי פון איין טייל פון דער יוניאן צו דעם צווייטען.

אין נעקסטען ארטיקעל וועל איך אנווייזען, ווי אזוי דאס וועט ארבייטען.

דער דזש. ב. פון דער קלאוקמאכער יוניאן גיט $50.000 פאר דעם ווייסטמאכער סטרייק

עס ווערט אויך באשלאסען אויפצופאדערען די קלאוקמאכער צו העלפען פיקעטען די ווייסט-שעפער. — „זייער סטרייק איז אונזער סטרייק" איז די שטימונג פון אלע דעלעגאטען. — א באגייסטערטער מיטינג.

עס איז אימער א פארגעניגען, זאגאר א פריווילעגיע, ביי צו וואוינען א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון דער גרויסער, וואונדערבארער ארגאניזאציאן, די קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן פון גרייטער ניו יארק. זעלטען ווען פאסירט עס, ווען איהר זיצט ביי א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד און איהר זאלט ניט האבען פון וואס זיך צו באגייסטערען; זעלטען ווען טרעפט עס, ווען איהר זיצט ביי דעם מיטינג, זאל אייך ניט דורכלויפען אן אנגענעהמער ציטער דורכ'ן לייב, וואס קומט, געוועהנליך, ווען מען לעבט איבער א גרויסען מאמענט, א מאמענט פון אמת'ער, הארציגער ברידערליכקייט, א מאמענט, ווען איהר דערפיהלט די ווירקליכע קראפט וואס ליעגט אין די איינינקייט פון די מאסען, אין דער ארבייטער-ארגאניזאציאן, ווען דאס ווערט נאר געפיהרט מיט טאקט און אויף דעם ריכטיגען וועג!

נעהמט א שטיינער דעם דזשאינט באארד מיטינג פון לעצטען שבת אווענד.

עס איז בלויז צוויי וואכען צייט ווי די שוועסטער און ברידער פון דער ווייסט מאכער יוניאן זיינען אין סטרייק, און אויפ'ן טאגעס-ארדנונג שטעהט שוין דער פונקט: הילף פאר די בראווע סטרייקער.

דער דזשאינט באארד ווארט ניט אויף פארמאליטעטען; ער ווארט ניט אויף א צושריפט, אדער א קאמיטע זאל קומען בעטען הילף. א, ניין! ער ווייס, אז מען דארף זיי העלפען, און ווארום ניט, טאקע באלד, שוין, נאך איידער אפילו די שוועסטער-יוניאן נויטיגט זיך אין הילף?

און אט רעדט מען שוין וועגען דעם פונקט. עס קלאפט ביי מיר שנעל דאס הארץ. עס כאפט זיך ארויין א געדאנק: ווער ווייס ווי די דעלעגאטען צום דזשאינט באארד וועלען האנדלען? וועלען זיי זיך אויפהויבען צו דער זעלביגער הויך, ווי זיי האבען עס באוויזען א סך מאל פריהער, ביי אן עהנליכער געלעגענהייט?

אבער מען גיט אייך קיין צייט ניט לאנג צו שפעקולירען. אט איז שוין דא א פארשלאג צו געבען פופציג טויזענד דאלאר — 25 טויזענד גלייך אויפ'ן שטעל און 25 טויזענד אביסעלע שפעטער.

די דעלעגאטען פאנגען אן רעדען צום פארשלאג, און ס'ווערט באלד לייכטער דאס הארץ. ניט איינער איז דא, וואס זאל רעדען א ווארט געגען דעם פארשלאג. דער דזשאינט באארד האט ווידער אויסגעהאלטען די פראבע — אלע דעלעגאטען זיינען איינשטימיג, דאס עס איז גאר קיין פראגע ניט, אז מען דארף די ווייסט-מאכער סטרייקער גלייך געבען דאס געלד.

„זייער סטרייק איז אונזער סטרייק", זאגט איבער איין דעלעגאט נאכ'ן צווייטען. פונקט ווי א גוטער, צערטליכער פאטער איז באזארגט וועגען דעם שיקזאל פון זיין פאמיליע, אזוי איז דער דזשאינט באארד באזארגט וועגען דעם שיקזאל פון לאקאל 25. מאנכער דעלעגאט פרעגט, אביסעל צוריקגעהאלטען, האבענדיג מורא ער זאל חלילה ניט שלעכט פארשטאנען ווערען, צי די נייעס דערפון קען ניט אמאל שעדיגען דעם סטרייק; אויב די ווייסט-מאנופעקטשורערס קענען דאס אמאל ניט אויסטייטשען, אז די ווייסט מאכער יוניאן איז שוין אין נויט, אז זי דארף שוין הילף. ווייטער אבער איז ער מיט לייב און לעבען, אז דאס געלד זאל באלד געגעבען ווערען.

און דאס געלד איז געגעבען געווארען. צוליעב געוויסע, פארשטענדליכע אורזאכען איז די נייעס פאר א פאר טעג צוריקגעהאלטען געווארען פון דער עפענטליכקייט. איצט אבער מעג שוין דאס די וועלט וויסען און באוואונדערען דעם ברידערליכען גייסט פון דיזער וואונדערבארער ארבייטער-ארגאניזאציאן.

ל. פינקעלשטיין.

וויכטיג פאר מעמבערס פון לאקאל 25.

צוליעב קראנקהייט וועט אונמעגליך זיין פאר דר. ס. אלגין צו האלטען זיין לעקטשור אין ליטעראטור דיזען פרייטאג אווענד, אין פאבליק סקוהל 40.

אלע אנדערע קלאסען ווערען פארטגעזעצט ווי ביז אהער.

קאמפף. און מיר אלע ערווארטען אז די ווייסט און דרעס מייקערס מיט זייערע יעצטיגען קאמפף וועלען איבערצייגען די ארבייטער פון דיזען לאנד, אזוי גוט ווי פון אנדערע לענדער, אז זיי זיינען ווירדיגע נאכפאלגער פון זייערע שוועסטער און ברידער וועלכע האבען דורך זייער העלדישען קאמפף פון 1909 אויפגעבויט די גרויסע ווייסט מייקערס יוניאן.

אין טעאטער

פון יענטע סערדאצקי.

(„שמעטערלינג שלאכט" פון הערמאן זודערמאן, אויפגעפיהרט אין מאריס שווארץ'ס אירווינג פליים טעאטער, צו סיליא אדלער'ס עהרען-אווענד.)

ביי אונז אידען, אז עס איז נאר א גוי'שער נאמען, הייסט עס שוין ליטעראטור, און אזוי האט סיליא אדלער אויסגעקליבען פאר איהר עהרען אבענד הערמאן זודערמאן'ס א פיעסע, וועלכע אפעלירט אבער ניט צו אונז אידען אין אמעריקא.

עס איז א פיעסע געשריבען מיט יאהרען און יאהרען צוריק פון א פרעמדען, פאר אונז, לעבען, וואו עס ווערט געשילדערט א ניט סימפאטישע פעריאדע, ווען אייגענע מאמעס האבען געהארעוועט טעכטער אלס „פלייש" פאר די מאנסביילען, און די טעכטער זיינען ניט געווען דאנקבאר. עס אפעלירט אויך ניט צו אונזער אויער דאס פוילישע אידיש וואס מוז אלע ווײלע אריינפאלען אין דייטש. נור ווער קען אורטיילען די וועגען פון קינסטלער און די קונסט פיעסען וואס זיי קלייבען אויס נאך זייער געשמאק?

אט איז דער אינהאלט פון דער פיעסע:

א פרוי איז געבליבען אן אלמנה מיט דריי טעכטער, מיידלאך. זיי האבען באלאנגט צום „הויכען" שטאנד, קיין געלד אבער איז ניט געבליבען נאכ'ן מאנ'ס טויט. שפיעלען אבער די ראלע פון דעם הויכען שטאנד קאסט א סך, און עס האט זיך אנגעהויבען פאר דער אלמנה א שווערער קאמפף.

וואלט זי געלעבט דא אין אמעריקא אין אונזער צייט, וואלט זי אפשר געפונען אן עהרליכען וועג ווי אזוי גליקליך צו מאכען זיך און די קינדער. מיט איהר ענערגי האט זי געקענט ווערען אן ערפאלגרייכע ביזנעס פרוי. אבער אין יענעם לאנד, צו יענער צייט, איז ביזנעס געווען א חרפה און ארבייט נאך א גרעסערע חרפה. דאס גליק פון פרויען איז באשטאנען אין רייכע חתנים. צו קריגען רייכע חתנים האבען זיי געמוזט זיין שעהן, און אום צו זיין שעהן, האט מען ניט געטארט ארבייטען, מען האט געמוזט זעהען צו האבען ווייסע הענד, א ווייסען האלז און א צארטע הויט.

די מוטער האט זיך אנגענומען צו קעמפפען פאר'ן גליק פון איהרע טעכטער. זי האט געקראגען געלד און אויפגעהאלטען דאס הויז, דורך וועלכערליי, עהרליכע און ניט עהרליכע מיטלען. עס איז אבער דאך געווען ניט גענוג, און מען האט געמוזט פארדינגען צימערען צו באָרדערס און ארויסנעהמען ארבייט אין הויז, מיט וועלכע מען האט זיך געשטיקט שטילערהייד.

אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערט די מוטער גרוי פאר דער צייט, און דאס ניט נאך דער הויז א מעהר בכבוד'יגען אריסטאקראטישען אויסזעהן. די טעכטער וואקסען אויס דריי שעהנהייטען. די עלטערע איז שוין געווען פארהייראט, דער מאן איהרער איז באגאנגען זעלבסטמארד צוליעב שלעכטע געשעפטען, איז זי געבליבען ארעם, זיצט זי ווידער ביי דער מאמע'ן און זוכט ווידער א רייכען חתן. איצט איז זי א יונגינקע, לעבעדיגע אלמנה'לע. זי זוכט צושטרייאונג, געהט אין די קאנדיטאריען, ראמאנסירט מיט א שעהנעם יונגענמאן, נאר איהר ציעל — צו קריגען א רייכען מאן — פארגעסט זי נים.

די אינגערע טאכטער איז אויך א שעהנהייט; נאר זי איז א קאלטע, אן אויסגערעכענטע, א נאבגעגעבענע און א פוילע. זי זוכט א גראף און נאר א רייכען גראף, עס ארט איהר נים ווי אלט און ווי מיאוס ער זאל ניט זיין. און אזוי, ווארטענדיג אויפ'ן גראף, זיצט זי דערוויל ניט ליידיג, זי געהט צו בעלער, פארדרעהט א קאפ די יונגע לייט און ביי דער עלטערער שוועסטער נעמט זי אוועק די פארעהרער צו צוויי מיט אמאל, נעמט זיי אוועק, און רייצט זיך דערנאך מיט איהר. (א יא, אן אידעאלע טעטיגקייט?)

די דריטע טאכטער וואקסט אויך א שעהנהייט. זי איז נאך אבער קוים זעכצעהן יאהר אלט, זי טראגט קורצע קליידער און מען לאזט זי נאך ניט צו צום „סטענדער", ביז די עלטערע צוויי וועלען זיין פארזארגט מיט מענער.

די עלטערע טאכטער, די אלמנה, האט פארווארפען איהרע נעצען אויף אן אלטען רייכען מאן, וועלכער האט א זוהן א לעמעשקע. דער רייכער מאן איז דאס טאקע זייער ארבייטס-געבער, ער פאבריצירט אזעלכע קונסט-פעכער אויף וועלכע עס דארפען זיין געמאלען שמעטערלינגען, די דריי טעכטער טוען די ארבייט און ער צאלט זיי א קלאגעדיגען לוין.

די אינגסטע איז די הויפט קינסטלערין אין צייכנען די שמעטערלינגען. זי האט שטרעבונגען צו שטודירען די קונסט און די ארבייט ווערט ביי איהר דער ציעל פון איהר לעבען.

דער אלטער גביר פארלאבט די עלטערער שוועסטער מיט זיין זוהן, די אינגסטע נעמט ער צו זיך אין הויז אריין, כדי זי זאל קענען, ניט געשטערט, זיך אפגעבען מיט איהר ארבייט, דער מוטער האט ער אליין ניט פיינט, כאטש ער איז אן אלטער פאראליזירטער מאן, און מיט דער מיטעלסטער טאכטער איז אויך ניט קיין דאגה דער גראף איז דא און זי איז שוין נאהענט, גאר נאהענט צום ציעל:

דאס זיינען די פיער פרויען פון דער פיעסע. עס זיינען פארהאן פיער מענער אויך, א חוץ א אינגעל א קרוב צו די פרויען און זייערער א באדינער.

דער הויפט-העלד פון די מענער איז דער טאטע. ער איז רייך און שלעכט און דעספאטיש און וויל אלע זאלען פאלגען זיין פארלאנג.

אלס צווייטער העלד קומט זיין זוהן. ער איז א נידערגעשלאגענער, א פארמוטשעטער פון זיין פאטער'ס דעספאטיזם. זיין הארץ איז אויך צופרעסען פון בייגקעניש נאך זיין מוטער, וועלכע האט איהם פארלאזט צוליעב דעם מערדערישען קארגען פאטער. ער דרעהט זיך ארום אן אומעטיגער און ווייס ניט נאך וואס ער לעבט.

דער דריטער העלד איז א קלורק ביי דעם אלטען גביר. ער איז א הויכער, שעהנער, פרעכטיגער יונג, אן אמת'ער „זכר", א מענש, וואס שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אפ אבי צו זעטיגען זיינע ליידענשאפטען.

דער פערטער העלד איז א דאקטאר, אן אפגעקראכענער קאוואליער, וועלכער קומט נעהמען די מיטעלסטע טאכטער צו א באל. דאס מיידעל געהט אוועק זיך איבערקליידען, און דערוויל מאכט ער קאמפלימענטען און פארליעבט זיך אין דער עלטערער. עס האלט שוין גאר נאהענט, נאר דא קומט אריין דאס מיידעל אנגעטאן צום באל אין א טיעף אויסגעשניטען קלייד, פון וועלכעס עס שיינט א ווייס לייב ארויס. דער קאוואליער פארגעסט גיך אן דער עלטערער און בויגט זיך ביז צו דער ערד פאר דאס פלייש.

דער סוף פון דער געשיכטע איז ניט וויכטיג. דער רייכער מאן לאזט אפ דעם שידוך פון זיין זוהן מיט דער יונגער אלמנה צוליעב די אינטריגעס און פאלשקייטען. די מאמע מיט די טעכטער פארלירען א ווײלע די האפנונג פאר א רייכערען, בעסערען לעבען; אבער באלד קומט א נייע האפנונג: דער גראף איז דא און ער גיט געלד. „קומט אהיים", רופט די מיטעלסטע טאכטער צו איהרע אייגענע, „קומט, עס איז דא א גראף". און זי טוט א וויעג איהר ווייסען, שעהנעם קערפער, ווי זי וואלט זאגען: „עס איז פאראן פלייש, וועט זיין געלד..." פרויען-פלייש און געלד, דאס איז דער גאנצער גייסט פון הערמאן זודערמאן'ס פיעסע.

די פיעסע, ווי געזאגט, שטעלט פאר אכט כאראקטערע. גוטע צו שלעכטע, סימפאטישע אדער ניט סימפאטישע; אבער אלע ליידען. די מוטער ליידט: עס איז דען גרינג אלעמאל צו זאגען ליגען און צו זיין אימער אן אומגערעכטע? די עלטסטע טאכטער ליידט אויך. זי מוז האבען א רייכען מאן כדי זיך צו פארזארגען און צו פארזארגען איהרע שטובינגע. אויף דער מאמען האט זי רחמנות, דער קליינער שוועסטערל פארנעמערט זי, זי טרוימט פון שיקען איהר אין א קונסט-שולע, פון אנטאן איהר אין געלד און זיידענס און פון פיהרען זי שפאצירען אין א קאראם געשפאנט מיט פיער ווייסע פערד. זי אליין אבער האט אויך א לעבען. איהר הארץ און איהר יונגער קערפער ציהט צו דעם שעהנעם ארימען שארלאטאן; נאר אזוי ווי חתונה האבען מיט איהם קען זי ניט, באשליסט זי צו פיהרען צוויי לעבענס, א ליגקען און א רעכטען, און דאס איז אזוי שווער, אזוי שווער.

די אינגערע איז גלאט א קאלטע ווי א פיש, און דערפאר ליידט זי וועניג.

די הויפט דראמע קומט פאר מיט דער קליינער: אויף איהר קוקט זיך קיינער ניט אום; די מוטער איז פארנומען מיט די עלטערע, זי לערענט זיי, דעם „קונץ", ווי אזוי אריינצוקריגען מענער. די שוועסטער זיינען פארנומען מיט זיך. זי אבער, די קליינע, איז א פאעטישע, א פיהלענדע. שווייגענדיג זעהט זי אלעס, מעהר מיט'ן אינסטינקט ווי מיט'ן אויג. זי פיהלט די פאלשקייט און די אומגערעכטיגקייט ארום זיך און עס הויבט אן פרעסען איהר נשמה דער פעסימיזם. זי וויל זיך אריינטאן אין איהרע צייכנונגען און פארגעסען אלעס; אבער ניט ווילענדיג שלעפט זי אריין דער שטראם: זי איז פול מיט צארטע געפיהלען, מעהר פון אלץ איז זי געריהרט פון דער ליעבע, און אז די מוטער פארביעט דעם ליעבהאבער פון דער שוועסטער זייער הויז, ווערט זי זייער שליח, זי זינדיגט אקעגען דער מוטער און פיהרט צוזאמען די יונגע לייט פאר ראנדעוואו'ס.

שפעטער ווערט זי אנגעשטעקט פון דער שוועסטער'ס געפיהל. זי פארליעבט זיך מיט איהר גאנצער קינדערשער ליידענשאפט אין דעם זעלבען יונגענמאן. אז די שוועסטער ווערט פארלאבט און איהר געליעבטער סטראשעט כלומרשט צו באגעהן זעלבסטמארד, זינדיגט זי ווידער אקעגען דער שוועסטער'ס צוקינפטיגען מאן און פיהרט ווידער צוזאמען א ראנדעוואו.

נאכדעם ווי זי וואוינט מיט איהר צוקינפטיגען שוואגער אונטער איין דאך, זעהט זי זיין ריינקייט, זיין עהרליכקייט, זיינע ליידען. זי קריגט אויף איהם רחמנות, עס פלאגט איהר דאס געוויסען, זי פאראכטעט דעם שארלאטאן און פארליעבט זיך אין שוואגער מיט א ריינער, סימפאטישער, קינדערשער ליעבע.

אזוי ליידען די פרויען. די מענער ליידען ניט און עס איז ניטא וואס צו שרייבען פון זיי. דעם גביר'ס זוהן דארף יא פארשטעלען א ליידענדען טיפ; אבער ער איז אזוי צוקוועטשט און צוקראכען, אז עס קומט גארניט ארויס.

ווי איהר זעהט איז די פיעסע פרעמד פאר אונזער גייסט; אבער דאס איז שוין הערמאן זודערמאן'ס דאגה.

צו האבען די שוישפיעלער גוט געשפיעלט? ביי אנדערע אומשטענדען וואלט מען זיי געשטעלט א ציפער הונדערט און אוים מיט דער קריטיק. דא איז אבער אנדערש. זיי רעפרעזענטירען די קונסט. א קינסטלער מוז קענען נעהמען אויף זיך, ווי יעזוס, דעם דערנער-קראנץ, אויב עס קען דורכדעם ארויסקומען עפעס גוטס פאר דער קונסט. און דערפאר פלאגט מיר ניט דער געוויסען אויב איך וועל אנווייזען אויף די פעהלערען:

די מוטער (מרס. אפעל) איז ביים ערשטען אקט געווען צופיעל „עקסייטעד" צוליעב דעם אנקומען פון דעם רייכען חתן און אין די איבעריגע אקטען האט זי זיך נאר געפרעהט מיט דעם געלד. הערמאן זודערמאן האט ניט געמיינט פארצושטעלען א חיה, נאר א מאמע. און א מאמע'ס הארץ דארף וועה' טאן פאר דער טאכטער, וועלכע וועט דארפען פיהרען א לעבען מיט א לעמעשקע, מיט א ניט אינטערעסאנטען מאן, צוליעב דאס געלט.

בערטא גערסטען, אלס די עלטערע טאכטער, האט געשפיעלט צו שטייף און צו קאלט (אחוץ אין יענע מאמענטען ווען זי קושט זיך מיט'ן געליעבטען). דאס קליין שוועסטערל האט איהר אלע מאל דערמאנט און געוויינט איבער איהר „מיין אומגליקליכע עלסא", און זי אין איהר שפיעלען האט קיין סמן ניט געוויזען נים פון איהר אומגליקליכקייט און נים פון א צוואועהטאנטען געוויסען, ווייל זי דארף אנהויבען נארען איהר מאן נאך איידער זי הויבט אן געהן מיט איהם דעם לאנגען און שווערען וועג צוזאמען.

מיס עני מעלצער האט שוין געשפיעלט צו קאלט און צו פויל. אלץ פון איהר האט אראפגענעצט און עס איז געווען לאנגווייליג. א קאלטע שעהנהייט דארף זיין שעהן און רייצענד דורך איהר קאלטקייט. זי האט נאר געוויזען ווייס ראזעווען מענשען-פלייש, אבער ניט קיין מענשליכען חן. אפשר בין איך, אלס פרוי, ניט קיין מבין אויף אזעלכע זאכען; זאל זי מיר מוחל זיין.

די הויפט-העלדין, סיליא אדלער, אלס די אינגסטע טאכטער, האט געהאט צו פיעל ווילדקייט און צופיעל באוועגונג. אז זי טרעט אויף אלס יונגע האלב-ווילדע מיידעל וואס האדעוועט זיך אויף א בית-עולם אין „א פארווארפען ווינקעל" פאסט איהר אי דער ווילדער אויסדרוק פון די אויגען אי דער אויפגערעגטער קול אי די נערוועזע באוועגונגען. אבער אלס זעכצעהן-יאהריגע דייטשע מיידעלע וואס האדעוועט זיך אין אן אנשטענדיגער הויז, דארף זיין די האנדלונג א שטילערע, א טיעפערע און א נאאיווערע.

דער פאטער (י. גאלדשמידט) האט געשפיעלט גוט, און דער שארלאטאן (ראזענטהאל) שפיעלט אלע מאל גוט און האט ערפאלג (אך און וועה צו אונז). מר. טענענהאלץ האט שפעטער געשפיעלט אלס אויסגעצייכענטער טשערמאן. און צו בן עמי'ן ווילט זיך אזוי זאגען: גוטער ברודער, דיין טאלאנט, אלס אמת'ער קינסטלער, איז גרויס, אבער דיין איידעלקייט איז ניט אריבערצוטראגען. קריג אביסעלע מעהר טעמפעראמענט, עס פלייש, טרינק וויין, טו וואס רעכט און אומרעכט אבי א ביסעלע מעהר פייער, אביסעלע מעהר ווארימקייט, אביסעלע מעהר לעבען.

די אמת'ע דראמע, וואס האט ארויסגערופען טרעהרען און פרייד, האפנונג און אלערליי געדאנקען וועגען מענשען און זאכען, איז פארגעקומען נאכ'ן דריטען אקט ביים פייערען דער בענעפיציאנטין'ס, סיליא אדלער'ס, יום טוב. אבער דאס איז ליידער א פערזענליכע דראמע, וועלכע ווארט אויף דעם קינסטלער, וואס זאל מאכען פון דעם א ווערק...

איך קען מיר אבער ניט באפרייען פון דעם איינדרוק.

אין א באקס לינקס נאהענט פון סטיידזש זיצען די מחותנים. צווישען זיי לויכט ארויס א מאיעסטעטישע געשטאלט און א הערליכער ווייסער קאפ. זיין אויסדרוקספולער פנים שיינט ווי די זון און די גרויסע קינסטלער-אויגען קוקען צום סטיידזש.

„מיין בלוט, מיין פלייש, מיין גייסט, די פארטזעצונג פון מיין שאפען, פון מיין עקזיסטענץ", שעפטשען זיינע ליפען, און זיין ווארימער בליק גלעט און לאשטשעט זיין קינד.

און זיין קינד, די יונגע געטין, די הערשערין פון אווענד, זי שיקט יונגע ווארימע דאנקבארע בליקען צום פאטער. איהר יעדער קוק איז ווי א זונענשטראהל און איהרע ליפען מורמלען שטילערהייד: „א דאנק דיר, פאטער, א דאנק דיר, דו הייליגער קוואל פון מיין לעבען, פון מיין גייסט".

אין ווייטסטען ווינקעל פון באקס זיצט א מיטעל-יעהריגע פרוי אין שווארצען געקליידט. דאס איז די גרויסע מאמע פון דער גרויסער טאכטער. זי קוקט וועניג צום סטיידזש און די טאכטער קוקט וועניג צו איהר זייט. זיי דארפען ביידע זיך ניט ערקלעהרען, זיי זיינען זיכער אין זייער ליעבע. דאס בלוט וואס איז איבערגעגאנגען דורך דעם מילך פון מאמע צו טאכטער מאכט זיי אויף אייביג איינס.

די פרוי בליקט צו דעם פאטער און איהרע אויגען זיינען פול נצחון. זי האט מיט איהם אלטע חשבונות, און וואס גרעסער דער טאלאנט פון דער טאכטער, אלץ גרעסער איהר פרייד. די איז שוישפיעלערין און די איז שוישפיעלערין, די איז פרוי און די איז פרוי, די וועט פארזעצען איהר לעבען, איהר עקזיסטענץ. דער מאמע'ס הארץ איז פול מיט גליקזעליגקייט.

צו אלע וויסט און דרעסמאכער סטרייקערס.

אויב אירגענד וועלכער סטרייקער זאל זיך נויטיגען אין מעדיצינישער הילף, זאל ער זיך גלייך ווענדען צום יוניאן מעדיקאל קליניק, אונטער דער אויפזיכט פון דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, 23 איסט 16טע סטריט, רום 911.

דארט געפינט זיך צו יעדער צייט א דאקטאר און צוויי נוירסעס, וועלכע זיינען גרייט אייך באהילפיג צו זיין.

דר. דזש. מ. פריים, דירעקטאר.

דער בײשפּיעל באַציהט זיך בלויז אויף איינצעלנע, אבער עס איז דאך פּאַראַדאָקסיג. די ארבייטער ארבייטען אָפּ א לאַנגען סעזאָן; מען מאַכט 50 און 60 דאָלאַר א וואָך. די יוניאָן רייסט איין א וועלט פאַר זיי, און וויפיעל מען טוט איז נאך אלץ ווייניג. דערפאַר, ווי עס קומט נאר א שלעכט סלעק, לויפט מען גלייך מיט די פּאָר דאָלאַר, וואס זיי האבען אָפּגעשפּאַרט דורך דער הילף פון דער יוניאָן, און מען עפענט קאָאָפּעריישאָן שעפּער, אונטערגראבען דעם פונדאַמענט פון דער יוניאָן! מיר ווייסען פון א פאַל וואו ארבייטער האבען אָפּגעארבייט אין א גוטען יוניאָן שאָפּ פאַר יאָהרען, האבען געמאַכט אן אנשטענדיגען לעבען, און אזוי שנעל ווי עס איז געוואָרען סלעק, און עס האט זיך זיי אויסגעדראַכט אז זיי וועלען דאַרפען סטאָפּען א פּאָר וואָכען, זיינען זיי גלייך אויסגעלאָפען אין א קאָאָפּעריישאָן שאָפּ. מיר זיינען זיכער אז זיי וועלען באַלד קומען צוריק. זיי האבען געהאט צו גוטע קאָנדישאָנס אין שאָפּ וואו זיי האבען געארבייט אז זיי זאָלען זיך קענען צוגעוואוינען צום שקלאַפּישען לעבען פון א „קאָאָפּעריישאָן באָס". זיי וועלען קומען צוריק מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּ. אבער דערווייל האבען זיי דאָס געטאָן, און עס צייגט ווידער, ווי ווייניג מיר באַגרייפען דעם אידעאַל וואס דער טרייד־יוניאָניזם שטעלט מיט זיך פאָר. צו אזעלכע, זאָ צו זאָגען, „יוניאָן לייט" איז די יוניאָן אלע מאָל קענטיג געווען בלויז א מיטעל פאַר א פּאָר סענט און ניט עהר. זיי האבען קיינמאָל ניט געזעהן און ניט באַטראַכט, אז די יוניאָן האט געקאָסט בלוט, מענשליכע בלוט, ביז וואַנען זי איז אויפגעבויט געוואָרען, און אז דער צוועק פון דיעזע אלע אָפּפער איז ניט געווען צו מאַכען אייניגע פאַר קאָאָפּעריישאָן באָסעס, נאר צו באַשאַפען א שעהנערע און ליכטיגערע צוקונפט פאַר דעם ארבייטער קלאַס.

אן ארבייטער, וואס איז היינט א יוניאָן מאַן און מאָרגען א קאָאָפּעריישאָן באָס, איז אדער א דומקאָפּ אדער אן א ז ע ת, איינס פון די ביידע. אונז דאַכט זיך אבער, אז מעהרסטענטיילס זיינען זיי אונוויסענד אדער פאַרדאָרבען. זיי ווייסען איינפאַך ניט די פליכטען, וועלכע זיי האבען אויף זיך גענומען, ווען זיי זיינען געוואָרען און געווען יוניאָן לייט.

ווען מיר זאָלען נעהמען ריידען וועגען סלעק־טיים עולות, וואס מיר אליין, אלס ארבייטער באַגעהען, וואָלטען מיר געדאַרפט פאַרנעמען ד יגאַנצע צײַטונג. מיר וועלען די איבעריגע זאַכען דעריבער איבערלאָזען צו די מיטינגען, צו וועלכע מיר האָפען, אז איהר וועט קומען. מיר וועלען זיך יעצט באַנוגענען מיט בלויז די פאָלגענדע פסוקים:

1) צו זיין א יוניאָן מאַן ווען עס איז „ביזי", איז נאך ניט קיין באַווייז אז איהר זייט א גוטער יוניאָן מאַן, ווייל ווען איהר זייט פאַרלייגט מיט באַנדעלס, האָט איהר ניט קיין אורזאַכען און האט איינפאַך קיין צייט צו זינדיגען געגען דער יוניאָן.

2) צו זיין א גוטער יוניאָן מאַן, זאָגאַר אין סלעק צייט, צייגט אז איהר פאַרשטעהט אייערע פליכטען, וואס איהר האט אויף זיך גענומען ווען איהר זייט אריינגעטראָטען אין דער יוניאָן.

3) האַלט ניט די יוניאָן פאַר א צייטווייליגען מיטעל צו קענען זיך דערשלאָגען צו א קאָאָפּעריישאָן שאָפּ. דאָס איז מיאוס, עקעלהאַפט, נידעריג און געמיין. האַלט די יוניאָן פאַר אייער לעבענס אידעאַל.

4) זעהט צו קריגען אזוי פיעל צייטווייליגע פאַרבעסערונגען דורך דער יוניאָן פאַר אייך, וויפיעל איהר קענט נאר, מיט דער הילף פון דער יוניאָן. זייט אבער באַרייט צו געבען וויפיעל איהר פאַרמאָגט נאר פאַר דעם אידעאַל פון דער יוניאָן.

5) עס איז ניט פאַרבאָטען צו געהן אין ביזנעס ווען עס ווערט אייך מיאוס די מאַשין און איהר האט מיטלען צו ווערען א געשעפטסמאַן. זייט אבער אזוי פיעל מאָראַליש פאַרפליכטעט צו אייערע ברידער און שוועסטער ניט צו געהן אין אַזאַ ביזנעס, וואס איהר עקזיסטענץ, ווי אונשולדיג זי זאָל ניט זיין, שטעלט אין געפאַהר דעם עקזיסטענץ פון דער יוניאָן.

6) איבערהויפּט פאַרגעסט ניט די הויפּט זאַך: זייט מענשען. עס קען ניט זיין אַזאַ זאַך ביי אן אנשטענדיגען מענשען, ווי היינט יוניאָן מאַן — מאָרגען געגען יוניאָן. האַלט זיך ביי דעם כלל: איין מאָל א יוניאָן מאַן — אלע מאָל א יוניאָן מאַן.

* * *

מיר האבען באַשלאָסען צו רופען א רייהע שאָפּ מיטינגען פון אלע אונזערע שעפּער, מיט'ן צוועק צו באַקאַנען אונזערע מעמבערס מיט אייניגע וויכטיגע פראַגען, וועלכע זיינען פון גרויס אינטערעס פאַר זיי צו וויסען. מיר בעטען אלעמען צו קומען אזוי ישנעל ווי זיי וועלען גערופען ווערען.

* * *

מיר ווילען באַקאַנט מאַכען אונזערע מעמבערס, אז די דזשאָינט באָאַרד האט אַפּאָינטעט ברודער א. בערקאָוויץ אלס עקטינג מענעדזשער פאַר אונזער לאָקאַל. אונזערע מעמבערס קענען ברודער בערקאָוויטץ'ן גאַנץ גוט און ברודער בערקאָוויץ קען גוט אונזערע מעמבערס. וויסענדיג זיין אינטעליגענץ און ערפאַהרונג, זיינען מיר זיכער, אז ער וועט דעם אָפיס גוט אַטענדען.

* * *

דער שאָפּ פון קליפשטיין איז ענדליך ערקלערט געוואָרען אין סטרייק. דיעזע פירמע האט געוואָלט איינפיהרען די אַמאָליגע אַלטע מעטאָדען פון סעט ארבייט. מיט די 150 טויזענד דאָלאַר, וואס מר. קליפשטיין האט געקראָגען אלס זיין טייל פון דער פירמע ווייכשטיין און קליפשטיין, האט ער זיך פאַרמאָסטען אויף דער יוניאָן און ער האט געדענקט אז ער איז שוין פאַרטיג. ער האט אבער א טעות געהאַט. דער שאָפּ איז יעצט אין סטרייק און די ארבייטער, וועמען ער האט געדענקט אז ער וועט קענען אָפּנאַרען צו ארבייטען אזוי מיר ניט, דיר ניט, זיינען אלע ארונטער אין סטרייק. מיר זיינען זיכער, אז קליפשטיין וועט זעהר שנעל קומען צום פאַרשטאַנד און וועט סעטלען מיט דער יוניאָן. סיידען ער האט קיין רחמנות ניט אויף זיינע 150 טויזענד דאָלאַר.

דזש. העללער, סעק.

א בריעף פון קליוולאַנד

די וויכטיגע פראַגען אין קלאָוקס־טרייד.

פון מ. פערלשטיין.

אונזער גאַנצע ענערגיע דאַרף אפילו אין דיעזען מאָמענט זיין קאָנצענטרירט צו געווינען דעם ווייסט מאַכער סטרייק. מיר מעגען אבער אין דער זעלבער צייט אָנפאַנגען ריידען, זיך פאַרבאַרייטען, ווערען קלאָר וועגען די אישיוס, וועלכע וועלען אין גיכען דאַרפען אויסגעפאָכטען ווערען אין קלאָוק־טרייד.

אונזערע קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק האבען נאך לעצטען יאָהר אָנגענומען א באַשלוס איינצופיהרען וואָך־ארבייט, און פאַנגען אן זיך פאַרצוברייטען איהם דורכצופיהרען נעקסטען סיזאָן אין דעם קלאָוק־טרייד פון ניו יאָרק.

עס איז טאַקע אמת, אז אין דעם רעפערענדום וועגען וואָך־ארבייט וואס איז לעצטען יאָהר גענומען געוואָרען אין ניו יאָרק, זיינען א היבשע צאָהל שטימען אָנגעגעבען געוואָרען געגען וואָך־ארבייט. יעדער איינער אבער, וועלכער האט זיך גענוג אריינגעטראַכט אין דער לאַגע פון דעם קלאָוק־טרייד און אין דער לאַגע פון דער נידעל־אינדוסטריע אין אַלגעמיין, מוז קומען צום איינציגען לאָגישען שלוס, אז די איינפיהרונג פון וואָך־ארבייט וועט זיין די איינציגע רעטונג פון דער אינדוסטריע.

אויסער ניו יאָרק און שיקאַגאָ האָבען נאך די קלאָוק־מאַכער אפילו ערנסט די פראַגע ניט אויפגענומען. און אויב מען זאָל אַננעהמען, אז די מיינונג פון די פיהרער איז די מיינונג פון דער מיטגלידערשאַפט, זיינען די קלאָוקמאַכער פון שיקאַגאָ געגען וואָך־ארבייט.

אין די אנדערע שטעדט, — ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, — צייגט זיך ארויס, אז דער עולם איז פאַר וואָך־ארבייט. און זייענדיג מעהר אדער ווייניגער באַקאַנט מיט דער לאַגע אין שיקאַגאָ, מיט זייערע טאָג־טעגליכע ארביטריישאָן־ביזנעס, וואו מען דאַרף אלע טאָג און פיעלייכט א פּאָר מאָל אין טאָג, לויפען צו דיינים, צו ארביטרייטאָרס, און וואו עס איז נאר דאָ א דזשאַדזש, אדער אירגענד אן אנדער פראָמינענטער מענש, און וואו מען האַלט אין איין משפּט'ען קלאָוקמאַכער, קען, דאַכט זיך, ניט גוט ווערען פון דער גאַנצער משוגענער לאַגע. אין קיין טרייד הערט מען ניט אזוי פיעל פון ארביטריישאַנס און פון אזוי פיעל סטרייקס און אזוי פיעל קלאַגענישען ווי אין אונזערע טריידס. און די אונטערשטע שורה איז, דאָס מיר זיינען אויף צרות. קומט א סיזאָן, הויבען מיר אן סטרייקען און ארביטרירען, און ביז מען זעהט זיך ארום, איז אויס סיזאָן. און ווען מיר ציהען אונטער דעם חשבון נאך די אלע סטרייקס און ארביטריישאַנס, דאַנקען מיר גאָט, אז מיר בלייבען כאָטש שטעהן אויפ'ן זעלבען אָרט ווי פריהער; פון בעסער איז שוין אָפּגערעדט.

אין יעדער שטאָדט פון לאַנד האבען מיר א גאַנץ גוטע צאָהל ארבייטער, וועלכע ארבייטען פון וואָך, און איך בין זיכער, אז ווען מען זאָל אונטערזוכען די רעקאָרדס פון די אלע טראָבעלס, סטרייקס און ארביטריישאָן־ביזנעס, וואס מיר האָבען דורכגעמאַכט און מאַכען דורך, קומען 99 און 9 צעהנטעל פון די אלע טראָבעלס פון די שטיק־ארבייטער. און די אונטערשטע שורה איז, אז דער שטיק־ארבייטער האט דערפון ווייניגער ווי אלע אנדערע. די דיסטשאַרדזש־פראַגע איז נאר ניט אזוי ברענענד וויכטיג צווישען די וואָך־ארבייטער, ווי דאָס איז דער פאַל צווישען די שטיק־ארבייטער. און איך בין זיכער, אז מיט דער איינפיהרונג פון וואָך־ארבייט וועט ביז א געוויסען גראַד דיעזע פראַגע אָפּשטאַרבען — א פראַגע, פאַר וועלכער מיר האבען געבראַכט און ברענגען טאָג־טעגליך אזוי פיעל אָפּפער.

מיט וואָך־ארבייט ווערען אָפּגעשאַפט די גוטע צוזאַמען מיט די שלעכטע פרייז־קאָמיטע לייט. עס ווערט אויך אָפּגעשאַפט דער געוואַלדיגער אונטערשיעד צווישען איין ארבייטער און דעם צווייטען, ווייל עס איז א קלאָרער פאַקט, אז אין טריידס, און אפילו אין אונזערע שעפּער, וואו וואָך־ארבייט עקזיסטירט, איז דער אונטערשיעד צווישען איין ארבייטער און דעם צווייטען ניט אזוי גרויס ווי עס איז אונטער דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט. און אויב עס איז ניטאָ קיין צו גרויסער אונטערשיעד צווישען איין ארבייטער און דעם צווייטען, זיינען במילא די דיסקרימינײשאַנס קלענער. און ווייניגער דיסקרימינײשאַנס מיינט ווייניגער סטרייקס און ווייניגער ארביטריישאַנדלעך. ביי וואָך־ארבייט קען אויך, דענק איך, אויסגעארבייט ווערען א סיסטעם, אז אויב דער באָס זאָל האבען א רעכט צו דיסטשאַרדזשען, זאָלען מיר אבער האָבען דאָס רעכט איהם צו געבען ארבייטער, ניט ער זאָל האבען א פרייע האַנד און נעהמען וועמען ער וויל.

קריגענדיג דיעזע רעכט, דענק איך, דאַרפען מיר קיין מורא ניט האבען פאַר דער דיסטשאַרדזש־פראַגע.

אַלזאָ, זייענדיג מיט דעם טרייד פאַר א געוויסער צייט, צוקוקענדיג וואס אין דעם טרייד קומט פאָר, מוז מען קומען צו דעם איינציגען לאָגישען שלוס, אז שטיק־ארבייט מוז אָפּגעשאַפט ווערען. און מיט דער אָפּשאַפונג פון שטיק־ארבייט שאַפען מיר מיט איין קלאַפּ אָפּ 75 פּראָצענט פון די צרות, פון וועלכע מיר ליידען יעצט. און איך דענק, אז דאָס האבען די גרעסטע צאָהל קלאָוק־מאַכער פון ניו יאָרק פאַרשטאַנען, און די גרעסטע צאָהל קלאָוקמאַכער איבער'ן לאַנד הויבען דאָס אויך יעצט אָן צו באַגרייפען, און עס איז קיין פראַגע ניט, דאָס די צייט איז געקומען דאָס דורכצופיהרען אין טרייד.

און ווען איך רייד פון דעם טרייד, האָב איך ניט אין זינען דעם טרייד אין ניו יאָרק אליין, נאר אויך דעם טרייד איבער'ן גאַנצען לאַנד.

מיר מוזען דאָס דורכפיהרען שנעל, ווייל וואס לענגער מיר פאַרציהען דאָס, אלץ שווערער וועט דאָס זיין דורכצופיהרען, וואָרים דער טרייד ווערט צוריבען און צוריסען אין שאַפּקעס און אין שאָפּקעלעך, און וואס מעהר עס ווערט צוריסען, אלץ שווערער וועט דאָס נאַטירליך זיין צו קאָנטראָלירען. און מיר מוזען דאָס דורכפיהרען איבער'ן גאַנצען לאַנד צוליעב דער פשוט'ער אורזאַכע, ווייל ווען מיר זאָלען דאָס איינפיהרען אין איינצעלנע שטעדט באַזונדער, וועלען מיר זיין ביזי דערמיט די נעקסטע 10 יאָהר. און מיר ווייסען אלע פון ערפאַהרונג, דאָס ווען מיר זיינען ביזי מיט דורכפיהרען עטוואס אין איין שטאָדט אדער אין איין טרייד, פאַרנאַכלעסיגען מיר דערווייל די אנדערע שטעדט אדער די אנדערע טריידס.

צווייטענס, איז דער קלאָוק־טרייד פון לאַנד אזוי פאַרבונדען, א מאַנופעקטשורער פון איין שטאָדט איז אזוי פאַרקניפּט אין ביזנעס מיט א מאַנופעקטשורער פון אן אנדער שטאָדט, אז דער גאַרמענט, וואס ווערט פאַרקויפט אין קליוולאַנד, ווערט געמאַכט אין ניו יאָרק, און דעם גאַרמענט, וואס ווערט געשניטען אין שיקאַגאָ, קענט איהר געפינען אין סט. לואיז אויף אויפצומאַכען. עס איז איין טרייד אָהן שום גרענעצען.

דערפאַר דאַרף דיעזע געוואַלדיגע רעפאָרמע דורכגעפיהרט ווערען אומעטום אין איין און דער זעלבער צייט. מיר מוזען אויך פון דער גאַנצער זאַך מאַכען עטוואס גרויסעס, און ניט צופיצלען עס. אין קלאָרע ווערטער — מיר מוזען דורכפיהרען וואָך־ארבייט, און דורכפיהרען דאָס איבער'ן גאַנצען לאַנד אין איין און דער זעלבער צייט. און אויב מיר וועלען דאָס ניט קריגען מיט גוטען, לאָמיר האָבען **איין גרויסען אינדוסטריעלען סטרייק איבער'ן גאַנצען לאַנד.**

נאַטירליך, מיט וואָך־ארבייט מוז קומען א פאַרקירצטער ארבייטס־טאָג. א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך איז גאַנץ גענוג. דורכפיהרענדיג וואָך־ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך און א גענוגענדען מינימום סקייל און ווידזשעס, וועלען מיר האבען עפּעס דורכגעפיהרט; דערפאַר לוינט זיך צו סטרייקען. דאָס און ניט קיין אנדערעס מוז זיין אונזער רעקאָנסטראַקשאָן פּראָגראַם, וואס דאַרף גלייך אָנגעפאַנגען דורכגעפיהרט צו ווערען אין לעבען.

זייענדיג אין דיעזען מאָמענט אפילו ביזי און מוזענדיג טאָן אלעס מעגליכעס צו געווינען דעם סטרייק פון די ווייסטמייקערינס, — טאָרען מיר אבער אויף איין מאָמענט ניט פאַרגעסען וואס מיר מוזען אם שנעלסטען דורכפיהרען אין קלאָוק־טרייד. און עס איז צייט, אז אונזערע קלאָוק־מאַכער איבער'ן לאַנד זאָלען די פראַגע אויפנעהמען און, ווען נויטיג, זאָל א ספּעשעל קאָנווענשאָן וועגען דעם גערופען ווערען, וואו די לעצטע פאַרבאַרייטונגען פאַר דעם זאָלען געמאַכט ווערען.

דער גרויסער זיעג פון דער פאַריערס יוניאָן

די פאַריערס יוניאָן אין ניו יאָרק, וואס האט זיך געגרייט דעם דיענסטאג אין דער פריה ארויסצורופען א דזשענעראַל־סטרייק פון אלע שעפּער אין פאַר־טרייד אין ניו יאָרק, האט געוואונען גאָר א גרויסען זיעג אָהן א סטרייק. עס איז פאַר א לענגערער צייט אָנגעגאַנגען קאָנפערענצען צווישען פאַרטרעטער פון דער יוניאָן און פון דער פאַר באָסעס אסס'ן און מען האט זיך ניט געקענט איינינגען. אין דער לעצטער מינוט אבער האבען ביידע צדדים זיך געאייניגט, א דאַנק דער אונערמיעדליכער אָנשטרענגונג פון דר. י. ל. מאַגנעס. די פאַר באָסעס אסס'ן האט נאָכגעגעבען דער יוניאָן'ס פאָדערונגען און דער דזשענעראַל סטרייק אין פאַר טרייד איז פאַרמיעדען געוואָרען.

אָט זיינען די הויפּט פאָדערונגען, וואס די פאַריערס יוניאָן האט געוואונען:

1) א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך.

2) א רייז פון 40 פּראָצענט אויף דעם דורכשניטליכען מינימום; עצ־טען יאָהר.

3) אָפּשאַפען דעם סלעק פּרייז און עטאַבלירען איין פּרייז פאַר א גאַנץ יאָהר.

4) גלייכע צוטיילונג פון ארבייט אין די סלעק מאָנאַטען דזשון, נאָוועמבער און דעצעמבער.

5) קיין מאַנופעקטשורער טאָר ניט ארויסגעבען ארבייט צו א פינישינג קאָנטראַקטאָר סיידען ער האט א סערטיפיקייט פון דער קאָנפערענץ קאָמיטע, אז ביי איהם איז א פאַלשטענדיגער יוניאָן־שאָפּ און אז ער הים אָפּ אלע סאַניטאַרע באַדינגונגען.

6) די פאַריערס וועלען אויך אויף ווייטער האבען די 10 ליגאַל האָלידעיס, פאַר וועלכע זיי וועלען קריגען באַצאָהלט.

כאָטש די אסס'ן האט געסעטעלט און 75 פּראָצענט פון די ארבייטער פון טרייד וועלען גלייך געניסען די בענעפיטס פון דעם גרויסען זיעג, פאַרבלייבען נאך א צאָהל אינדעפּענדענט שעפּער וואו די נייע באַדינגונגען מוזען אויסגעקעמפט ווערען. אין דיעזע אינדעפּענדענט שעפּער האט די יוניאָן ערקלעהרט א סטרייק.

עס איז זיכער, אז דער סטרייק אין די אינדעפּענדענט שעפּער וועט אָנהאַלטען בלויז עטליכע טעג, ווייל נאך דעם ווי די אסס'ן האט געסעטעלט וועלען די איינצעלנע שעפּער אויך מוזען נאָכגעבען.

מיר גראַטולירען די פאַריערס מיט זייער גלענצענדען זיעג.

נער, אונטערטעניגער שמייכעל האט אויפגעלויכטען אין איהרע אויגען.

— איך דאנק פאר'ן באזוך, — האב איך געענטפערט, האלטענדיג אין האנט דעם הוט, — ווער ווייס, אפשר וועט אייער וועג אייך נאך אמאל פיהרען פארביי מיין הויז, פריילין היזעלהער?

אינגעבארג האט זיך צולאכט.

— יא, — יא, עס קאן טרעפען, אז מיר זאל נאך אמאל אויסקומען פארביינגעהן אייער הויז, — האט זי אויסגערופען און א קוק געטאן אויף דער לבנה, וואס איז געשוואומען אונטער באלויכטענע וואלקען. א בלוילעכער גלאנץ האט זיך דורכגעגליטשט איבער איהר פנים; איהרע אויגען און צייהן האבען אנגעהויבען צו גלאנצען, ווי עמאל.

אינגעבארג האט א ווייל'ע געקוקט אויף דער לבנה און דערנאך האט זי געווענדט איהר בליק אויף מיר און ארויסגערעדט:

— לומפיג האט איהר געהאנדעלט אין בעצוג צו קלארא'ן, פירסט! יא, לומפיג! — זי האט גערעדט זעהר שנעל. זי האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און ווייטער פארטגעזעצט:

— מיר איז אוממעגליך אייך צו פארשטעהן. אט גיב איך אייך איבער א גרוס פון קלארא'ן, מיר רעדען וועגען איהר טויט, און אייער פנים זאל זיך אפילו אויף א האר בייטען! דערביי זאגט איהר, אז אייך איז זעהר א שאד קלארא'ן. וואס זאל דאס באדייטען! א, יא, אייך איך זעהר א שאד איהר! דאס האט איהר דאך זי גע'הרג'עט, יא, איהר זייט שולדיג אין דעם!

זי האט מיר געקוקט גלייך אין די אויגען; איהר בליק איז געווען פאראומערט און זאנפט. איהרע האר האבען זיך פאנאנדערגעלאזען.

— ווייסט איהר, אז קלארא האט מיר וועגען אייך אלץ דערצעהלט? ניין, אפט האט זי וועגען אייך ניט גערעדט, דאס איז אמת; זי האט געזאגט, אז איהר זייט ערגעל אין ג[illegible]. זי האט געזאגט, אז ניט מעהר ווי הונדערט ווערטער האט זי באוויזען צו רעדען מיט אייך. איהר האט דאס אלץ גוט געוואוסט, איהר האט אלץ גוט געוואוסט, אבער איהר האט נידעריג געהאנדעלט נעגען איהר! וואס וואלט קלארא ניט אפגעגעבען פאר אייער אן איין־איינציג ווארט? מיר זיינען צוויי מאל דורכגעפאהרען פארביי אייער הויז; קלארא איז געווען ווייס ווי קרייד. ניין, איך ווייס ניט, וואס עס איז פארגעקומען צווישען אייך און קלארא'ן, נאר איהר האט ניט עדעל געהאנדעלט אין באצוג צו איהר. איהר האט געקענט אפשטאטען א וויזיט דעם פאפא און דערמיט פארשאפען פרייד קלארא'ן, אבער איהר האט גארנישט געטאן, אבסאלוט גארנישט.

איך האב געקוקט אויף איהר און נישט געקענט איהר קיין זאך ענטפערען. איך האב געטראכט וועגען די דאזיגע מאדנע מענשען, איך האב געטראכט וועגען אלעם און אין דער זעלבער צייט וועגען גארנישט.

בלייך איז געווען אינגעבארג'ס פנים, איהרע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט לבנה גלאנץ און זיינען מאט געווארען. און מאט האט געקלונגען איהר שטימע.

— פירסט, — האט זי א מורמעל געטאן — ווער זשע זייט איהר פארט? איהר ווייסט ניט, ווער איהר זייט, ניין...

— זי האט זיך אפגעשטעלט, א שמייכעל געטאן און גאנץ אומבאמערקט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. — ניין, איהר ווייסט ניט, ווער איהר זייט! — האט זי נאך שטילער ווידערהאלט. דערנאך האט זי זיך צולאכט מיט אן אפגעריסען געלעכטער. זי האט א קוק געטאן אויף מיר מיט טרוימענדע אויגען און האט אזוי פארטגעזעצט:

— איך האב אייך ניט ליעב, ניין, אבער ניט ווילענדיג טראכט איך שטענדיג וועגען אייך. פארוואס זיינט איהר ניט געקומען זונטאג? איך האב צו דער איינלאדונג צוגעשריבען א שורה, — איך האב געמיינט, אז איהר וועט געוויס קומען. איך האב זיך געפיהלט שלעכט, אבער איהר זיינט אלץ ניט געקומען. איך האב געווארט און געווארט, געזעסען אויפ'ן גאניק פון הויז, דער ווינט האט געבלאזען, דער אלטער הער איזעדראם איז געווען, הארי איזעדראם איז געווען, — אלע זיינען געווען ביי אונז. איך האב קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. וואס וועלען זיי טראכטען וועגען מיר? מיר איז דאס אלץ איינס. הארי איזעדראם האט זיך געווענדט צו מיר: וואס איז מיט אייך? — גארנישט, — האב איך געענטפערט. איך האב געענטפערט זעהר ניט איידעל. איך האב געווארט אויף אייך, בלויז אויף אייך אליין. מיך ארט זעהר ווייניג, וואס איך בין געווען ניט העפליך מיט הארי'ן. — כא־כא־כא — אלץ האט זיך גענומען דרעהען פאר מיינע אויגען, דערנאך בין איך אוועקגעלאפען צום בערגעל, אט דא, און אלץ געווארט. איהר אבער זיינט ניט געקומען!

איך האב געוואלט עפעס זאגען, אבער אינגעבארג האט ניט געלאזען.

— עס העלפט גארנישט וואס איך זינג שטענדיג — האט זי פארטגעזעצט, און א מאדנער, אונטערטעניגער שמייכעל איז א פאר מאל דורכגעלאפען דורך איהר פנים. — קיין זאך העלפט ניט. א גאנצען ווינטער האב איך וועגען עפעס געטראכט, אבער איך האב ניט געוואוסט וועגען וואס. אבער ווען דער פריהלינג איז אנגעקומען, האב איך אלץ פארשטאנען. איך בין אוועק צו אייך — א, וויפיעל האט דאס מיך געקאסט! וואס אנבאלאנגט דאס אלץ וועגען קלארא'ן איז עס, פארשטעהט זיך, ניט אמת, אינגאנצען ניט אמת. זי האט מיר גארנישט איבערגעגעבען קיין גרוסען צו אייך. איך האב אויף זיך גענומען א גרויסע שולד. „דו וואלסט געקענט איהם איבערגעבען א גרוס", האט געשריבען קלארא, נאר מיר איז גלייך איינגעפאלען, אז דאס איז ניט מעהר ווי א וויץ. ניין, ניין, גיב איהם קיינע גרוסען ניט איבער. קלארא האט ניט געוואלט, זי האט אויסדריקליך געשריבען, אז זי וואלט דאס ניט געוואלט, איך זאג אייך דעם גאנצען אמת, אבער איך האב עס פארט געטאן. איך האב דאך געדארפט האבען עפעס אן אויסרייד.

איך האב געוואלט איהר איבערשלאגען.

— ניין, ניין, — האט זי פארטגעזעצט, — איהר האט מיך פריינדליך אויפגענומען. איהר זייט ניט געווען פארוואונדערט. איהר האט אויך ניט געלאכט. איהר האט זיך ענטשולדיגט פאר מיר פאר אייער אלטען רעקעל און הויכע שטיוועל. — דאס איז געווען אזוי ליעב פון אייער זייט. איהר זיינט א גוטער, איך ווייס עס און קלארא האט דאס מיר געזאגט, אפילו זי, אייערע צוויי שלעסער און זעקס דערפער האט איהר אוועקגעשאנקען ארעמע, איך ווייס אלץ וועגען אייך.

איך האב זיך צושמייכעלט. — מיך אמוזירט עס, — האב איך געענטפערט.

— כא־כא־כא! — האט זיך אינגעבארג צולאכט, — — יא, יא, יא, — זי האט פארשעמט א קוק געטאן אויף מיר, לאכענדיג דערביי, דערנאך האט זי אראפגעלאזען דעם קאפ.

— פירסט, פירסט, — האט זי א מורמעל געטאן און אנטשווינגען געווארען. איהרע האר האבען זיך צולאזען. וואס האב איך געזאלט טאן? איך האב ניט געפונען קיין איין פאסענדען אויסדרוק. מיר האט זיך, פארשטעהט זיך, געוואלט איהר זאגען עפעס א צארטעס ווארט. נאר עס איז מיר אויפ'ן זינען ניט געקומען.

וואס האט זי פארט געוואלט פון מיר? — אין אנפאנג האט זי מיר געמאכט פארוואורפען פאר קלארא'ן, און דערנאך...

פלוצים האט זי זיך אויף מיין פנים באוויזען א שמייכעל. עס האט זיך מיר דאס אלץ אויסגעוויזען זעהר נאריש. די ווערטער, די אלע אפגעריסענע ווערטער!

— איך בין ניט ווערט די אלע ווערטער, — האב איך געזאגט. — איך שמייכעל דאך. יא, אלע ווערטער קענען מיך מאכען אזוי בלאזען פון זיך.

אינגעבארג האט א ציטער געטאן און דערשראקען געקוקט אויף מיר. איהרע ליפען האבען זיך צוקרימט און זי האט קלאנגלאז ארויסגערעדט: מען האט מיר פיעל דערצעהלט וועגען אייך, פירסט, אויסער דעם האב איך אליין געטראכט, איך האב אפט געטראכט וועגען אייך. איך וואלט געבעטען ביי אייך אביסעלע ליעבע און, אויב דאס וואלט געהאט עפעס א ווערט, וואלט איך אייך מיט דעם זעלבען אפגעענטפערט. איך שטעה פאר אייך אין גאנצען אהן שטאלץ, אבער איהר האט קיין הארץ ניט.

איך האב איהר געענטפערט: איך לעב פאר זיך אליין, איך בין פארמאטערט און איך קען אייך אפילו ניט זאגען, ווי אזוי דאס איז פארגעקומען.

דאס בלייכע פנים פון דעם מיידעל איז טרויעריג אראפגעזונקען.

— הייסט דאס, אז איהר קענט שוין מעהר ניט ליעבען? — האט זי געזאגט.

ווי קאמיש האט דאס געקלונגען.

— ניין, — האב איך געענטפערט. — איך ווייס ניט, ווי אזוי דאס קומט פאר.

אינגעבארג האט זיך אומגעדרעהט און מיט געמאסטענע טריט זיך גענומען דערווייטערען. דאס גאנצע קלייד אויף איהר האט געציטערט.

— פריילין היזעלהער, — האב איך געזאגט. — איך האב ניט געוואלט מיט קיין איין ווארט אייך באליידיגען. איך האב זיך געמיהט צו זיין מיט אייך אפענהערציג. איך בין געווען זעהר צופרידען, וואס איהר האט מיך היינט באזוכט.

אינגעבארג איז אלץ געגאנגען. איהר ווייסע פיגור האט זיך שטיל געגליטשט אין דער דונקעלהייט און געווארען אלץ דונקעלער, גרויער, — דערנאך האב איך זי אין גאנצען פארלארען פון אויג.

איך האב א רוף געטאן דעם הונד, און געלאזט זיך ארונטערגעהן מיט'ן וועג.

.6

איך האב זיך אראפגעלאזען פון בארג. ווי נאר דער ווינד איז שטיל געווארען, האב איך אנגעצונדען מיין לולקע. איך האב געשאקעלט מיט'ן קאפ און געלאכט. זיי מיר מוחל, גאט, וואס איך האב געלאכט, אבער דאס, וואס עס איז פארגעקומען אויבען אויפ'ן בארג, האט מיך אמוזירט.

א, ווי געשמייכעלט האט איהר פנים און ווי הייס עס זיינען געווען איהרע ווערטער! און אלץ צוליעב מיר. — איז דאס מעגליך? שטאלץ און פרייד האבען אנגעפילט מיין הארץ.

קעמפענדיג מיט'ן ווינד האב איך זיך אראפגעלאזען פון בארג. פאצא האט מיט זיין שארפער ברוסט דורכגעשניטען די לופט. איבער'ן שווארצען הימעל איז געשוואומען א סמארע פוכיגע וואלקענדלעך. זיי זיינען אלע געשוואומען צו דער לבנה אום אנצוטרינקען זיך מיט ליכט. זיי האבען פריידיג געלויכטען; עס האט זיך געדאכט, אז זיי האבען איינס דאס צווייטע איבעריאגט און געריבען זיך איינער אן צווייטען. דער וואלד האט זיך געווינט, דער ווינד האט זיך אויסגעקליבען בוימער און אזוי געווינט זיי, אז זייערע שפיצען האבען אנגעריהרט די ערד.

(פארטזעצונג פאלגט)

מאנירען

(שלוס פון זייט 8)

די צווייטע פוס האט ער אויף מאדנע אונטער זיך אויפ'ן טייערן שטול געהאלטען פארבויגען. די אש פון זיין ציגארעטל האט ער נאכלעסיג געלאזט אויפ'ן טייערן טעפיך פאלען, און מיינענדיג אפנים, אז ער איז אין זיין קאפע צווישען ברידער ליטעראטען, האט ער אהן צערעמאניעס גלאט אזוי אויפ'ן „פאדלאגע" אויסגעשפיגען. — — —

זי', זעהענדיג זיך אין זיין באלערע, אין זיין פאבעל א. ד. גל. איז געווען פארבלענדעט און — — מעהר קיין זאך ניט געזעהן. טאטע־מאמע האבען אבער געקוקט אויף דעם מיט אפענע אויגען און זיי זיינען, צוקאכטע פון אזעלכע מאניערען, געקומען צום באשלוס אז מ'מוז זעהן עפעס טאן פון איהם גיכער פטור צו ווערען.

איינער, וועמען זיי האבען געהאלטען פאר זעהר א קלוגען, האט זיי אויף דער פראגע „וואס צו טאן", אן עצה געגעבען. דאס זיי זאלען איהם פארשלאגען א היבשע סומע געלט מיט דעם תנאי, אז ער זאל אויף א יאהר צוויי פון דער שטאדט אוועקפאהרען. ער זאל זיך דארט לערנען, און זיי וועלען דא דערווייל זעהן אויב די ליעבע פון זייער טאכטער וועט אין דער צייט פון צושיידונג ניט אפגעקיהלט ווערען... אויב ס'וועט אפגעקילט ווערען איז אסימן אז ס'איז נאר קיין ליעבע ניט געווען, נאר א קינדערשע איינרעדעניש, א קריינק. אויב די ליעבע וועט אנהאלטען, איז א צייכען אז דאס איז א באשערטע זאך און זיי וועלען ניט שטערן.

ווען „איהר" טאטע האט איהם אן א זייט אפגערופען און דעם פלאן וועגען אפפאהרען פארגעשלאגען, האט ער זיך דערפון הויך אויסגעלאכט:

וואס? אפפאהרען? — ג י ש ט ביי מאטיען! — איהם, האט ער געזאגט, שיקט מען ניט. ער מוז זיין דא, וואו זיין גייסטיגער צענטר געפינט זיך — די ליטעראַרישע קאלאניע. און קיין מאניערען וויל ער ניט האבען. צו וואס דארף ער? געווען גרעסערע העלדען אין געשיכטעס פון ליעבעס ווי ער איז, און האבען אויך קיין מאניערען ניט געהאט. זאל מען נעהמען, למשל, אזא איינעם ווי מארטין אידן (פון דזשעק לאנדאן) אדער ווי דזשין קריסטאוו (פון ראמיין ראללאנד), האבען ז י י געהאט מאניערען? נאסערי, זיי האבען עס נ י ט געהאט! מאניערען האבען נאר אזעלכע, וואס לערנען זיך פון אנדערע און וועלכע האבען מאניערען... ער וויל זיין ווי ער איז. איינגנארטיג, אריגינעל, א. ז. וו.

„אבער די וועלט" — האט „איהר" טאטע געוואלט זאגען — נאר ער האט ניט געלאזען:

— וואס איז די וועלט? ווער איז די וועלט? — האט ער געפרעגט און אליין געענטפערט: גארנישט מיט גארנישט! נעהמען זיין וואס די וועלט וויל, — — דארפ'ן זיין ווער ווייסט וואס, משוגע!

אלזא, אזוי לאנג האט מען צו איהם גע'טענה'ט, ביז — ס'האט ניט געהאלפען; ער האט אויסגעפיהרט: איז פון זיין גייסטיגען צענטר ניט אוועקגעפאהרען און האט א סך אנהענגער מיט נאכפאלגער פאר זיין אידעע (פון ניט האבען קיין מאניערען) געקראגען. זייער מאטא איז געווארען באשלאסען צו זיין און פארבלייבען אז: ק י י נ ע מ א נ י ע ר ע ן, נ ע ו ו ע ר!

דער יוניטי כאר

פון דער וועסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25.

מיר ווענדען זיך צו אלע מעמבערס פון אונזער יוניאן, וואס באזיצען שטימען צום זינגען און האבען א פארלאנג זייערע שטימען אויסצובילדען און ענטוויקלען, און זיך אויסלערנען זינגען ווי עס געהער צו זיין, — צו זיי ווענדעט זיך דער יוניטי כאר מיט א פארשלאג זיך אנצושליסען אן דעם יוניטי כאר. געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט און פערזענליכער אונטעררכיכט פון מיס ל. עליאט. פון דעם כאר קאנט איהר פיעל לערנען, פיעל געווינען און גארניט פארלירען.

יוניטי כאר ריהורסעלס יערען שבת, 1.30 נאכמיטאג, אין אונזער יוניטי צענטער, פ. ס. 40, 314 א. 20טע סטריט.

מאנירען

(א פאנטאזיע)

פון מרים קארפילאוו.

שלמה נח פעפערל, נאך גאר א יונגער דיכטער, איז פון אויפרעגונג, פארצוויי-פלונג און פראטעסט, מיט ענטריסטונג אי-בער זיין „רומקע" ארומגעלאפען, ווי ער וואלט וועלען דערמיט באווייזען, אז פאר-דרוס איז א זאך וואס האט א סך פיס. ער האט אויך שטארק געשווינגען וואס דאס האט באווייזען אז טיעפער טרויער רעדט נישט...

— ניטא וואס צו ריידען — האט ער געטראכט, אין א שעהנער לאנגע האט איהם „איהר" טאטע געבראכט! א פיינע פאדערונג האט ער איהם ארויסגעשטעלט, אין מיט'ן דרינען: מ א נ י ע ר ע ן!

מ א נ י ע ר ע ן!... און וואו זאל ער דאס איהם נעהמען, אז ער האט'ס ניט? אז ער האט'ס קיינמאל ניט גע-האט און, און דארף עס גאר ניט הא-בען!

אזא פאדערונג צו איהם איז דאך גאר איינענטליך א באליידיגונג; וואס הייסט עס עפעס וואס? — ע ר, א מענש וועל-כער ש ר י י ב ט, זאל זיך נאך מוזען האלטען אן די אנגענומענע, פון אנדערע, רעגעלען! זיין אריגינאליטעט, זיין אינ-דיווידואליטעט וואלט דאך דערפון געלי-טען!

מ א נ י ע ר ע ן! ס'איז גרינגג צו זאגען! בעסער וואלט ער איהם הייסען זיך שטעלען אויפ'ן קאפ, שלאפען מיט אפענע אויגען אדער ציהען סטיינגעס פון גאז!

מ א נ י ע ר ע ן — און אזא זאך זאל פון איהם, מעגליך, קענען זיין גליק, זיין ליעבע, זיין מלאך, זיין מוזע אוועק-נעמען!

„וואס טיעפער דער טרויער, אלץ ווייניגער צונג האט עס," זאגט זיך ערגעץ אין תלמוד: שלמה נח פעפערל האט עס געפיהלט, און, אנשטאט צו ריידען האט ער ביי זיך באשלאסען צו „איהר" שריי-בען, אז זי זאל זאגען איהר טאטען דאס ס'ו נ י ט א קיין מאניערען. ניטא און נאה! און אז צו זייער ליעבע דארפען זיי קיין מאניערען (אנדערע ווי די וואס ער האט) נ י ט האבען. מאניערען קען א לאקיי אויך האבען. ע ר האט טא-לאנט. דאס איז וואס ע ר האט. און, זי ווייס עס. ווען ניט — וואלט ז י איהם ניט געליעבט... אמת, זי וואלט איהם ניט געליעבט, ווען זי ווייס אז ער האט קיין טאלאנט ניט?

זי האט איהם מיט דער נעקסטער פאסט געענטפערט אז י ע ס. ער האט טא-לאנט און זאל ער צו איהר, ניט קוקענדיג אויף קיינע מאניערען — קומען. זי האט זיך פארביינקט נאך די ווערק זיינע, וועל-כע ער האט א י ה ר געווידמעט. זי האט זעהר ג ע נ ל י כ ע ן באשריבען, באזונגען און פארגעטערט צו ווערען.

איהר טאטע-מאמע האבען דערוויילע געזוכט מיטלען די פאעטישע קריינק פון זייער טאכטער'ס קאפ ארויסצושלאגען. מיט דעם גרויסען נדן, וואס זיי האבען איהר געהאט צו געבען, האבען זיי פאר איהר א חתן מיט לייטען גלייך, מיט מא-ניערען, געקענט קריגען. איז ליעב ווי זיי האבען איהר געהאט, האבען זיי בא-שלאסען אז ניין: זיי וועלען איהר צו ליבען אזא גארנישט נ י ט לאזען. א ל ץ יע — און דאס ניט. אט דאס וועט זי שוין ביי זיי טאקע נ י ט ארויספיהרען! און ווי זיי האבען אזוי געטראכט איז ע ר געקומען.

ווי א גרויסער הונט אויף א קליין הינטעלע, האט „איהר" טאטע אויף איהם א קוק געטאן.

ער איז פון דעם קוק ווי אן אונטערגע-שאסענער, אהן א „האללא" אפילו, צו א י ה ר גלייך געלאפען. האט מיט די פינגער די צושויבערטע האר אויף זיין קאפ א קאם געטאן; האט מיט גרויס אומפעט פון קעשענע א פעקעל ז א כ ע ן ארויסגעכאפט, און מיט גרויס היץ, ווי קיין אנדער אויסער איהר וואלט אין הויז ניט געווען, הויך גענומען פארלעזען.

לעזענדיג, האט ער דערוויילע, צום טאקט מיט די קלאנגען, אין זייער טייערן טיש מיט איינעם פון זיינע פיס געקלאפט.

(שלוס אויף זייט 9)

אינגעבארג

א ראמאן פון
ב. קעללערמאן

(פארזעצונג)

5.

איינמאל אין א רעגנענדיגען נאכמיטאג אין מאי, ווען איך האב זיך אומגעקעהרט אהיים, איז ליזעלאט געווען אין מיין צימער. איך בין דאס ערשט מיט פאצא'ן געקומען פון וואלד.

דאס איז אבער ניט געווען ליזעלאט, דאס איז געווען אינגעבארג הוזעלהער, די שעהנע טאכטער פון דעם האלץ-העקער פון דעם טיפען, געדיכטען וואלד. עס איז געווען דונקעל אין מיין צימער און אין דעם ערשטען מאמענט האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה פאר זיך די רויט-האריגע ליזעלאט. און דערנאך, ווען איך בין שוין לאנג געווען איבערצייגט אין דעם, אז דאס איז געווען אינגעבארג הוזעלהער, האט מיין גאלד-לאקיגער גאסט ווידער אנגענומען ליזעלאט'ס געשטאלט און אלץ האט זיך געוויגט פאר מיינע אויגען.

ליזעלאט איז געקומען דורכצוריידען זיך מיט מיר. יא, דאס איז זי געזעסען פאר מיר. מיר האבען זיך געזעהן אין חלומות, מיר האבען פיעל געוואוסט איינער פון צווייטען, מיר ביידע.

דאס איז געווען אינגעבארג; עס האבען ניט געהאט קיין שום עהנליכקייט צווישען זיך ליזעלאט און דעם האלץ-העקער'ס טאכטער, און דאך איז מיר שווער געווען ניט צו זעהן ליזעלאט'ען אין אינגעבארג, ניט צו הערען ליזעלאט'ען אין אינגעבארג'ס שטימע.

די זיסע פריהלינגס-לופט האט פאר'שיכור'ט מיינע גע-דאנקען. א גאנצען טאג האב איך געטראכט פון ליזעלאט און איך האב געזוכט אלץ צו ערקלערען זיך, ווי אזוי האט דאס געקענט פאסירען, אז איך זאל זיך אין איהר פארליבען, ווען זי איז שוין פון לאנג טויט. איך בין די לעצטע נאכט אזוי לאנג געזעסען פאר איהר פארטרעט, ביז די אויגען האבען זיך מיר פארמאכט.

אינגעבארג איז געקומען אביסעל שמועסען מיט מיר. זי האט אנגעריהרט א זעהר דעליקאטע סטרונע. אהן צווייפעל, עס איז ניט געווען אנגענעהם צו הערען אזוינע זאכען.

צום ערשטען האט זי געזאגט א פאר ווערטער וועגען יאגד, און אז זי האט געבראכט א גרוס, א טיפען, הארציגען גרוס פון גראף פלוגען.

— ענטשולדיגט מיר, פרייליין הוזעלהער — האב איך געזאגט, — —וואס איך נעהם אייך אויף אין די הויכע שטיוועל און אין אן אלט רעקעל. איך קום נאר וואס פון יאגד.

—א הארציגען גרוס אייך פון פאפא. ער וואלט געווען זעהר גערן אייך ווידער אמאל צו זעהן ביי זיך! ער קלייבט זיך איך איינצולאדען צום נעקסטען יאגד.

— איך דאנק זעהר און איך גרים איהם אויך.

מיר האבען געקוקט איינע אויפ'ן צווייטען און איך בין צוגעגאנגען צום פענסטער ארפצולאזען די גארדינען. אינגע-בארג איז געווען אויסגעפוצט, ווי א פרינצעסין, זי האט דערמאנט אן א געשטאלט פון באטישעלי'ס א בילד.

זי האט געטראגען א ווייסען שטרויענעם הוט מיט גרויסע ראנדען. איהרע גאלדענע, זארנפעלטיג געקרייזעלטע האר, זיינען געפאלען אויף איהרע באקען. זי האט זיך ארומגעקוקט אויף מיין צימער, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט א גרויסען זאל, אנגעשטעלט מיט שיפאנירקעס, וואזען און ביכער. אומארדנונג האט געהערשט אין יעדען ווינקעל פון מיין צימער.

— איהר לעבט זיך ווי א פאעט, — האט זי ארויסגערעדט שמייכלענדיג. — איך בין נאך קיינמאל ביי קיין פאעט ניט געוועזען, נאר מיר דאכט זיך, אז אזוי לעבען פאעטען.

איך האב זיך איינגעהערט צו איהרע ווערטער. „ליזעלאט?" האב איך געטראכט. ליזעלאט'ס בילד פון דער וואנט האט אנגעהויבען צו שמייכלען.

— ווער איז אט יענע פרוי דארט אויף דער וואנט?

— ליזעלאט, געבארען ווייקערסבאך, — האב איך געענט-פערט און ניט ווילענדיג א שמייכעל געגעבען. — א שעהנע, לעבענסלוסטיגע דאמע, ניט אמת?

— יא.

מיט אמאל האט אינגעבארג א קוק געטאן אויף מיר און געזאגט:

— איך האב אייך איבערצוגעבען נאך א גרוס פון קלארא דאוויזאן. איהר ווייסט? — זי איז געשטארבען.

— געוויס ווייס איך, — האב איך געענטפערט, — פון קלארא דאוויזאן? איך בין געווען זעהר פארוואונדערט.

— זי איז געווען זעהר אומגליקליך. איהר ווייסט, ווי אזוי זי איז געשטארבען?

אינגעבארג האט אויפמערקזאם א קוק געטאן אויף מיר. איך האב אבער געפיהלט זיך גאנץ אונשולדיג אין איהר טויט, און כ'האב געקענט בלייבען פאלשטענדיג רוהיג.

— זי האט מיר פאראורזאכט פיעל שמערצען, — האב איך געענטפערט, — איך האב געהערט פון אלץ. דאס איז טרויעריג. זי איז געווען אזוי שעהן און שטאלץ.

— יא, דאס איז זי געווען.

א פאר וואכען פאר'ן טויט האט זי איהר געשריבען און געבעטען זי איבערצוגעבען מיר א גרוס, אויב זי וועט זיך מיט מיר אמאל טרעפען. דאס איז געווען מיט א יאהר צייט צוריק. צוריק מיט צוויי יאהר איז קלארא דאוויזאן געווען צו גאסט ביים גראף פלוגען דריי מאנאטען צייט. טיילמאל זיינען זיי דא דורכגעפאהרען. האב איך זיי ניט געזעהן?

— ניין. (איך האב געזאגט דעם אמת) און א דאנק אייך, פרייליין הוזעלהער, פאר'ן גרוס.

מיט דעם האט זיך געענדיגט דער אונאנגענעהמער גע-שפרעך. מיר האבען נאך גערעדט וועגען פארשידענע קלייניג-קייטען. „האט זי ניט געהערט צי דער פידעל-שפילער הארי איזעדאם האט יא אדער ניט געקויפט דעם רויטען בוק?"

— א, יא, דער הערד איזעדאם האט געקויפט דעם רויטען בוק.

— וואו וואוינט איצט דער אלטער איזעדאם?

— ער וואוינט איצט צוזאמען מיט זיין זוהן אין רויטען בוק.

עס איז געווארען דונקעל. אינגעבארג האט זיך אויפגע-הויבען. איך האב איהר פארגעלעגט צו באגלייטען איהר אביסעל, ווייל עס איז ווינדיג און פינסטער.

זי האט מיט פרייד אנגענומען מיין פארשלאג צו באגליי-טען איהר, אבער בלויז ביז'ן בארג, ניט ווייטער.

איך האב ניט פארשטאנען פאר וואס איך האב איהר גע-קענט באגלייטען בלויז ביז'ן בארג.

א שארפער, פייכטער ווינט האט געבלאזען פון טאל און עס האבען זיך געוויגט די בוימער אין וואלד. צווישען די בוימער איז געווען פינסטער. פון וואלד האט געוועהט מיט פינסטערניש און פייכטקייט. מיר האבען ניט געזעהן דעם וועג. פאצא'ס ווייסע פעל האט געלויכטען; עס האט זיך געדאכט אז ער מאכט משונה'דיג גרויסע שפרונגען און יעדע ווילע האט זיין פיגור אנגענומען אן אנדער אויסזעהן.

אינגעבארג האט מיט ביידע הענט צוגעהאלטען איהר הוט און דער ווינט האט די שלעפע פון איהר קלייד ארומגעדרעהט ארום איהרע פיס אזוי, אז זי האט זיך קוים געקענט באוועגען.

— כא, כא! — האט זי געלאכט, — אט דאס הייסט א ווינט! — עס איז געווען אונמעגליך צו פיהרען א ריכטיגען געשפרעך, אונזערע רייד האט דער ווינט צוטראגען אויף אלע זייטען.

— הארי איזעדאם איז א באדייטענדער פידעל-שפילער!

— האב איך געשריען אין ווינט.

— געוויס! — —האט אינגעבארג שרייענדיג געענטפערט.

— ער איז זעהר שעהן!

— יא.

דער ווינט איז שטיל געווארען. עס איז געווארען אויסער-געוועהנליך פינסטער. מיר האבען פרייער אפגעאטעמט.

— —איהר ווייסט, אז ליזעלאט, וועמעס בילד איהר האט געזעהן אין מיין שטוב, בלאנקעט ארום איבער'ן שלאס? אלע רעדען וועגען דעם. נאך איהר טויט האט זי זיך אלע נאכט באוויזען צו איהר מאן. ער איז געווארען אלץ בלייכער און בלייכער, די גאנצע צייט איז ער געווען אין א גוטער שטימונג און ער איז געשטארבען מיט צוויי חדשים שפעטער נאך איהר.

אזוי האב איך דערצעהלט. —

— דאס איז מאדנע, — האט מיר אויף דעם געענטפערט אינגעבארג, און דערביי א קוק געטאן אויף מיר און אומבאמערקט א שמייכעל געטאן. זי האט א שמייכעל געטאן פונקט אזוי, ווי ליזעלאט פלעגט שמייכלען צו מיר אין חלום. א לייכטער ציטער איז דורכגעלאפען איבער מיין פלייצע.

— זאגט מיר, — האט זי אנגעהויבען, — מיר האט מען א סך דערצעהלט וועגען אייך. איז דאס אמת, אז איהר האט פשוט געווארפען געלט פון פענסטער? איהר האט געעפענט דאס פענסטער אין אייער האטעל און געווארפען געלט אין דער גאס ארויס?

— יא, דאס איז געווען אזא שפאס, דערצו איז עס ניט געווען אזוי פיעל געלט.

אינגעבארג האט זיך צושמייכעלט און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

איך האב זיך צולאכט, דערמאנענדיג זיך וועגען דעם געשלעג פאר מיין פענסטער און וועגען מיין שפאס.

דער ווינט האט ווידער אנגעהויבען בלאזען און ער האט אונז פאריאגט אויפ'ן בארג. אויפ'ן בארג איז געפאלען ווייסער שניי. פארדעקט מיט וואלקענס איז די לבנה אויפגעגאנגען און זי האט אויסגעזעהן ווי א בלינד אויג. פון אלץ ארום האבען אנגעהויבען אפצושלאגען זיך בלייכע, בלויע שאטענס: פון די בערג, פון אונז ביידען, פון פאצא. אינגעבארג'ס לאקען האבען זיך פאנאנדערגעוועהט אין ווינט און איהר קלייד האט געציטערט.

— אט איז דער בארג, — האט ארויסגערעדט אינגעבארג.

מיר האבען זיך אפגעשטעלט. פאצא האט געווארט אין א זייט און ניט פארשטאנען פאר וואס מען האט זיך אפגעשטעלט. זיין שאטען איז געווען עהנליך אויף א סילועט פון עפעס א לאנגען פאבעלהאפטען באשעפעניש.

איך האב ארונטערגענומען דעם הוט.

— איך דאנק אייך, — האט געזאגט אינגעבארג. א מאד-

די מורא פאר א מאסען אימיגראציאן אין אמעריקא

פון ליליפוט.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 7, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווייעדער האבען די שונאים פון אימיגראציאן אויפגעהויבען זייערע קעפ און האבען אנגעהויבען צו פויקען און צו טרומייטערען וועגען דער גרויסער אימיגראציאנס-געפאהר, וועלכע האלט ביים פארשלינגען אונזער לאנד, און ווייעדער האט דער פארביסענער אלטי אימיגראציאניסט פון אמעריקאנער קאנגרעס, דער פאטער פון אנטי אימיגראציאנס געזעץ, קאנגרעסמאן בוירנעט, זיך גענומען צו די אימיגראנטען.

ער האט אריינגעטראגען אין קאנגרעס א געזעץ-פראיעקט, וועלכער וועט, אויב אנגענומען, אויף גאנצע פ י ע ר י א ה ר צ י י ט פארבאטען יעמוועדע אימיגראציאן אין אמעריקא. און ווען בארנעט נעהמט זיך צו א געזעץ, פיהרט ער איהם דורך, ווארים דער קאנגרעס איז מייסטענס מיט איהם. ער דריקט מייסטענס אוים די שטימונג פון די קאנגרעסלייט.

אמת, עס זיינען פאראן האפנונגען, אז די גזירה אויף די אימיגראנטען זאל אין דעם יעצטיגען קאנגרעס ניט דורכגעהן, אבער ווי זאגט מען „אויפגעשאבען איזט ניכט אויפגעהאבען" (אפגעלעגט הייסט ניט אפגעשאפט) און אויב ניט דער יעצטיגער קאנגרעס וועט דער נעקסטער קאנגרעס זיכער דעם געזעץ אננעהמען.

פארוואס האבען זיך עס די אימיגראציאנס פרעסער איצט ווייעדער א נעהם געטאן צו די אימיגראנטען?

עס זיינען פאראן עטליכע טעמים. ערשטענס ווערט ערווארט, אז א גרויסע אימיגראציאן וועט זיך גלייך נאך דער פריעדענס אונטערשרייבונג אנהויבען אין אמעריקא. די טעראריזירטע איינוואוינער פון דער אונגליקליכער אייראפא וועלען זיך א לאז טאן איבער'ן ים, אהער אין אמעריקא, אום א שטילען האפען דא צו געפינען. צווייטענס, וועט זיך דא גופא אין לאנד, א דאנק דער נויטווענדיגער רעקאנסטראקשאן, אנהויבען א געוואלדיגע ארבייטסלאזיגקייט. דריטענס, וועלען צוריקקומען די מיליאנען סאלדאטען פון די קעמפס און פון פראנקרייך און ענגלאנד און געפינענדיג זייערע פריהערדיגע פלעצער פארנומען, וועלען זיי ניט קריגען קיין ארבייט און וועלען זיך דארפען ארונטערלאזען צו ניעדריגערע און ביליגערע באשעפטיגונגען, אום צו פארדיענען אויף א לעבען. און, פערטענס, ווערט איבערהויפט נאך א מלחמה אויף א געוויסער צייט א קריזיס און עס נעהמט א שטיק צייט ביז עס שטעלט זיך איין, ביז דאס לעבען נעהט אריין אין געוועהנליכען גאנג.

און פאר דיעזער צייט ווילען עס די אימיגראנטען-פרעסער פארשליסען די טהירען פון אמעריקא פאר פרעמדע. און זיי האבען אויף דעם די שטיצע פון א גרויסען טייל פון דער באפעלקערונג.

אונזער אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר, וועלכע איז שטענדיג געגען אימיגריישאן, האט זיך אויך יעצט אריינגעווארפען אין קאמפף פאר'ן בוירנעט-געזעץ, און האט שוין אנגעהויבען א שטארקע אגיטאציע אין די ארבייטער-קרייזען פאר'ן געזעץ, ד. ה. געגען די אימיגראנטען.

די אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר געהט ארוים פונ'ם שטאנדפונקט, אז אימיגראנטען, גרינע, דריקען ארונטער די פרייזען און לאזען די ארבייטער ניט צו זיך ארויפצוארבייטען, זיך צו שטעלען אויף א העכערען סטענדארד, און בכן דארף מען קיין אימיגראנטען ניט אריינלאזען.

גאמפערס האט פאר'ן אוועקפאהרען צו דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער-קאנפערענץ אין בערן גערעדט געגען אימיגריישאן און געלאזען זיינע פאראָרדנונגען, אז בוירנעט'ס געזעץ-פראיעקט זאל אונטערשטיצט ווערען מיט אלע כחות. און פריינק מאריסאן, דער סעקרעטער פון דער אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר, האט שוין געמאכט דעם אנפאנג, האט אנגעהויבען דעם קאמפף מיט דער גאנצער ביטערקייט, מיט דעם גאנצען פייער, וועלכען ער פארמאגט.

ער איז לעצטע וואך ערשיענען פאר דער האוז אימיגראציאנס-קאמיטע און האט געפאדערט, אז דער געזעץ, וואס וויל פארמאכען די טהירען פאר אימיגראנטען, זאל זאפארט אנגענומען ווערען, ווארום „ווען די מענער פון דער ארמעע וועלען דעמאביליזירט ווערען, וועלען מיר אין יעדען אינדוסטריעלען צענטער האבען א „ברעד ליין", און דאס וועט זיין ארום דעם ערשטען מאי. עס איז אבער צו האפען, אז עס וועט ניט לאנג נעהמען, ווארום אין יענער צייט וועט זיך אנהויבען אן אויפלעבונג אין די בילדינג-טריידס און איניגע הונדערט טויזענד מענער וועלען באשעפטיגט ווערען, אבער די ארבייטסלאזיגקייט וועט נאך לאנג אנהאלטען".

נאך דיעזע סטראשונקעס איז מאריסאן איבערגעגאנגען צו פאקטען, וועלכע האבען באוויזען, אז יעצט שוין הערשט אין פיעלע שטעדט ארבייטסלאזיגקייט צוליעב די אומגעענדערטע אינדוסטריעלע באדינגונגען.

ער האט ערקלעהרט, אז אין ניו יארק געפינען זיך ארום 120,000 ארבייטסלאזע. אין שיקאגא 75,000, אין קליוולאנד 40,000, אין ניו ארליענס 20,000, אין באסטאן 20,000 און אזוי ווייטער.

אלס איינציגע לעזונג פון דיעזער ארבייטסלאזיגקייט, וועלכע וועט שפעטער, ווען די סאלדאטען וועלען אנהויבען צוריק צו קומען, שטארק פארגרעסערט ווערען, שלאגט מאריסאן פאר די באגרענעצונג פון אימיגראציאן, די שליסונג פון טהירען און טויערען פון אמעריקא פאר די נעקסטע פיער יאהר. און ער זאגט, אז די ארבייטער-פיהרער פון גאנצען לאנד האלטען מיט איהם, האבען די זעלבע מיינונג, וואס ער און גאמפערס.

צו עס איז טאקע אזוי צו ניט, אבער די געפאהר פון דער אנטי-אימיגראציאניסטען באוועגונג איז איצט געווארען זעהר גרויס, און די פריינד פון אימיגראציע וועלען האבען זעהר א שווערען דזשאב זיי צו באקעמפפען.

איז אבער די לאגע ווירקליך אזוי? און איז ווירקליך אן אנטי אימיגראציאנס געזעץ דער איינציגער מיטעל געגען דער ארבייטסלאזיגקייט?

מיר דענקען, אז ניט. מיר דענקען, אז די אנטי אימיגראציאניסטען מיט גאמפערס און מאריסאן אן דער שפיצע איבערטרייבען די ארבייטסלאזיגקייט זעהר און זעהר פיעל. עס איז אמת, עס זיינען דא ארבייטסלאזע אין אמעריקא, אבער זיי זיינען אלע מאל געווען. מיר האבען געהאט ארבייטסלאזע אפילו אין די בעסטע צייטען פאר'ן ארבייטער, ווען קנאפע דריי מיליאן פון „אונזערע באים" זיינען געווען אין די טרענטשעס און אין די קעמפס און סיי די אמונישאן- סיי די איבעריגע פאבריקען האבען געהאט דורכצופיהרען די ריעזיגע ארדערס און עס זיינען ניט געווען גענוג הענד צו מאכען די יוניפארמס און עקוויפמענטס פאר די סאלדאטען און מאטראזען.

שוין קנאפע פיער יאהר, ווי מיר האבען קיין אימיגראנטען אהער ניט צוגעקראגען, ווי אונזערע טהירען זיינען פאקטיש געווען פארמאכט, און דאך זעהען מיר ניט די גרויסע „גליקען פון די ארבייטער. אפילו אין די בעסטע צייטען, אין די צייטען פון דער העכסטער מלחמה-פראספעריטי, זיינען די ארבייטער ניט נתעשר געווארען, און זיי האבען אויך יעצט קיין גליקען ניט צו ערווארטען, צו די טהירען פון אמעריקא וועלען פארשפארט ווערען אדער ניט.

מיר דענקען, אז עס זיינען פאראן בעסערע און ווירקזאמערע מיטלען, ווי צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער, ווי אנטי-אימיגריישאן - געזעצע. זאלען דורכגעפיהרט ווערען ארבייטער שוץ-געזעצע. זאלען איינגעפיהרט ווערען געזעצע, וועלכע זאלען פארבאטען קינדער-ארבייט פאלשטענדיג, וועלכע זאלען קאנטראלירען פרויען ארבייט אזוי, אז עס זאל ניט שטערען דער פרוי'ס געזונד; זאלען דורכגעפיהרט ווערען געזעצע, וועלכע זאלען באשטימען א מינימאל-לוין אונטער וועלכער קיינער טאר ניט ארבייטען, און זאלען די ארבייטער זיך ערקעמפפען הויכע, מאקסימאלע וויידזשעס און אין דערזעלבער צייט זאל איינגעפיהרט ווערען א געזעצליך-פארקירצטער ארבייטס-טאג, אנפאנגענדיג מיט א פיער און פערציג שטונדיגער ארבייטס וואך און ארונטערגעהענדיג אויף נאך ווייניגער, און מיר וועלען ניט דארפען מורא האבען פאר אנקומענדע אימיגראנטען, און מיר וועלען זיך ניט דארפען שרעקען, אז זיי וועלען די וויידזשעס ארונטעררייסען און ארבייטסלאזיגקייט ברענגען מיט זיך.

זאלען...

אבער דאס ווילען דאך אונזערע פיהרער און פארזארגער ניט, סיי פון קאפיטאליסטישען, סיי פון אלט פרענקישען טרייד יוניאניסטישען לאגער. אמת, די לעצטע האבען אצינד אנגעהויבען צו רעדען מיט א רעוואלוציאנערער שפראך. זיי האבען זיך אויסגעלערנט די רעוואלוציאנערע פראזע. אבער ווייטער ווי די פראזע געהט ביי זיי ניט. צום קאמפף, צום אמת'ען, ערנסטען קאמפף האבען זיך די אלט-פרענקישע טרייד יוניאניסטען מורא צו נעהמען, און דערפאר ווערען דערווייל די ארבייטער מוחות פארטומעלט מיט פארשיעדענע אנטי אימיגריישאן געזעצע און מיט בוגומאנישע סטראשונקעס וועגען א מאסען אימיגראציאן, וועלכע וועט פארשלינגען אמעריקא און ארויסשטעלען דעם אמעריקאנער און אמעריקאניזירטען ארבייטער אין נאם.

דעם אמת געזאגט גלויבען מיר נאר ניט אין דיעזע מעשיות וועגען אזא אלגעמיינער אימיגראציע אהער אין אמעריקא. אמת, אייראפא איז טעראריזירט, איז צושטערט, איז פאראונגליקט. אבער לאמיר זיך ניט נארען. אזוי שנעל ווי דער שלום וועט אונטערגעשריבען ווערען, וועט זיך איבער גאנץ אייראפא אנהויבען א גרויסע רעקאנסטראקשאן ארבייט. ארבייטער, געלערנטע און ניט געלערנטע, קלויערקס און סוחרים, אינטעליגענטען און האלבע אינטעליגענטען, וועלען דארטען נויטיג זיין, וועלען דארטען ארבייט קריגען. דארטען וועט זיין גענוג צו טאן אויף יאהרען און יאהרען. נייע שטאאטען און מלוכות האבען זיך געגרינדעט און האלטען זיך אין גרינדען. אינדוסטריע און האנדעל וועט זיך דארט פאנאנדערבליהען. עס וועלען באשאפען ווערען לענדער מיט די ברייטסטע און ווייטסטע מעגליכקייטען. מענשען וועלען אנהויבען דארטען גוט צו פארדיענען, שטעדט און פראווינצען וועלען דארפען אויף ס'נייע אויסגעבויט ווערען.

און דאס אלעס מאכט אונז צו צווייפלען, צו עס וועט איבערהויפט זיך אנהויבען אן אימיגראציע אהער, אין אמעריקא. און אויב זי וועט זיין, וועט עס זיין זעהר א קליינע, א פיעל קלענערע, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. און מיר זעהען קיין גרונד ניט פאר דער מורא, וואס מען וויל אויף אונז ארויפיאגען, און מיר זעהען קיין שום אורזאכע ניט פאר דעם שרעק און דער היסטעריע.

ווייטער. מיר דענקען, אז דער רעדעל וועט זיך נאר די ערשטע צייט א דרעה טאן. עס וועט זיך גלייך נאך דער פריעדענס שליסונג אנהויבען א גרויסע עמיגראציע פון אמעריקא, אן עמיגראציע צוריק אהיים. מאסען מענשען, וועלכע זיינען אהער אנטלאפען פון די נאציאנאל און סאציאל אונטערדריקטע לענדער, וועלכע האבען זיך דא ניט צוגעפאסט, וועלכע האבען זיך דא ניט איינגעלעבט, וועלען זיך א לאז טאן צוריק צו זייערע פריי געווארענע היים-לענדער, וואו זיי וועלען האבען בעסערע מעגליכקייטען אויף צו לעבען און זיך ארויפצוארבייטען, וואו זיי זיינען מעהר צוגעפאסט קענענדיג די שפראך און די מנהגים און די פסיכאלאגיע און די קולטור.

און אז דאס איז ווירקליך אזוי, קענען עדות זאגען די געשעפטס-געזעלשאפטען און באנקען, וואו הונדערטע טויזענדע „פאריינערס" האבען שוין געמאכט אפליקיישאנס פאר שיפס-קארטען און וועלען ביי דער ערשטער געלעגענהייט נעמען זייערע זאכען און פאהרען אהיים.

מאסען מענשען וועלען צוריקפאהרען אין רוסלאנד, פוילען און די נייע אייראפעאישע מיטעל-לענדער טשעכא סלאוואקיען, יוגא סלאוויע און אזוי ווייטער; פיעלע אידען וועלען אויסוואנדערען אין פאלעסטינא. עס וועט זיין וואו צו פאהרען און מען וועט פאהרען. און אהער... אהער וועט מען אויך וועלען קומען. אין דעם איז קיין צווייפעל ניט. אבער דער פראצענט וועט זיכער זיין א קלענערער, א פיעל קלענערער, ווי די אימיגראנטען-פרעסער ערווארטען.

אלזא, אלעס צוזאמען באווייזט אונז, אז די אנטי אימיגראנטען-העצע איז אן אונגערעכטע און „א זאמד אין די אויגען שיטענדע". עס איז קיין געפאהר פון קיין מאסען אימיגראציאן ניטא און אזוי ווי עס איז זעהר מעגליך, דאס ווען אמעריקא וועט ווירקליך פארמאכען די טהירען, וועלען פיעלע עמיגראנטען, וועלכע וואלטען דא נוצליך און נויטיג זיין, ניט אריינגעלאזען געווארען, מוז דער אנטי-אימיגראציאנס-געזעץ פון אלע ערנסטע מענשען און ווירקליכע ארבייטער-פריינד באקעמפפט ווערען מיט אלע מעגליכע מיטלען.

גונג; און אט דערפאר זיינען די אלע איצטיגע סטרייקס אין ענגלאנד אויסגעבראכען טראץ דעם ווילען, איבער די סאמע קעפ פון די אלטע, פארשטיינערטע ארבייטער-פיהרער. די דאזיגע פיהרער מוזען ניט זיין דוקא אונעהרליכע מענשען. זיי זיינען אבער, יעדענפאלס, לוים זייער גאנצער פסיכאלאגיע, ניט פאסענד פאר די נויטען און באדירפניסע פון די ארבייטער, וואס די נייע אומשטענדען האבען ארויסגעבראכט. און עס איז געקומען דאס, וואס האט געמוזט קומען.

אויך דאס איז ניט קיין גאנץ נייע ערשיינונג אין ענגלאנד. די לעזער וועלען זיך דערמאנען, אז שוין פאר דער מלחמה האבען אויסגעבראכען איינינע גאנץ גרויסע סטרייקס געגען דעם ווילען פון די אלטע פיהרער, און וועלכע זיי האבען ניט געהאט דעם נויטיגען כח צו קאנטראלירען. די איצטיגע קעמפפע זיינען דארום נאר א פארטזעצונג פון דעם, וואס האט זיך שוין אנגעפאנגען אין ענגלאנד פאר דער מלחמה!

די אלטע ארבייטער-פיהרער, דאס זיינען די אלטע טרייד-יוניאניסטען, וועלכע מיינען, אז אלעס, פאר וואס דער ארבייטער דארף קעמפפען, איז פאר א העכערונג פון וויידזשעס, פאר עטוואס א קירצערען ארבייטס-טאג, און האט ער דאס אויסגעקעמפפט, דארף ער זיך פיהלען פאלשטענדיג צופרידען, צאהלען דיוס אין דער יוניאן און פאלגען וואס מען הייסט איהם. זיי, אט די דאזיגע פיהרער, האבען פארזעהן, אז עס זיינען אנגעקומען נייע צייטען, נייע פאדערונגען, אז דער טרייד יוניאניסט פאדערט מעהר, פיעל מעהר, ווי דאס. אז א חוץ די אלע זאכען וויל ער מעהר ניט זיין בלויז א מאשין אין שאפ; אז ער וויל אויך דארט זיך פיהלען אלס מענש, אז ער וויל אויך דארט זיין א שטיקעל בעל הבית, האבען א שטיקעלע דעה כאטש, און איז איבערצייגט, אז ער האט דאס בעסטע רעכט אין דער וועלט אויף די דאזיגע פאדערונגען, ווייל ער האט זיך דערפיהלט ניט נאר אלס ארבייטער, נאר אויך אלס מענש, וואס האט געקריגען א טיפען רעספעקט צו זיך אליין. און אט דאס האבען די פיהרער ניט באמערקט. זיי זיינען נאך אימער די אלטע טרייד-יוניאניסטען. און דערפאר האט די באוועגונג געמוזט אריבערשפרינגען איבער זייערע קעפ.

וועלכער טייערער מוסר השכל דאס דארף זיין פאר די ארבייטער-פיהרער אין אנדערע לענדער! וואס פאר א לעהרע דאס דארף זיין פאר דעם סטערעאטיפנעם פיהרער אין אמעריקא, וועלכער זעהט נאך אלץ די ארבייטער-באוועגונג מיט די אויגען פון פופציג יאהר צוריק, און וויל ניט זעהן די געוואלדיגע ענדערונגען, וואס די גרויסע וואונדערבארע צייט האט געמאכט אין דעם פיהלען און דענקען פון דער „רענק ענד פייל"!

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Vol. I. Friday, February 7, 1919. No. 4.

Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

איז ווירקליך גאר קיין גרונד ניטא צו דער נארישקייט פון די לידיעס וויסט מאנופעקטשורערס?

וואס מעהר איינער טראכט זיך אריין אין דעם גאנצען קאמפף פון די לידיעס וויסט מייקערס, דאס מעהר און מעהר מוז ער זיי באוואונדערען. ער קען ניט פארפעהלען צו באמערקען די אויסגעהאלטענקייט, די פעסטקייט, די גערארקייט, מיט וועלכע די ארבייטער געהען צו זייער ציעל. פון אנפאנג אן שוין האבען זיי ניט געלאזען די באסעס פארטומלען די קעפ פון דעם עולם, און זיי האבען עס גלענצענד אויסגעפיהרט. זיי, די באסעס, זיינען ארוים מיט דעם געשריי: „באלשעוויקעס", מיינענדיג דערמיט איבערצושרעקען דעם עולם. אבער באלד האבען די ארבייטער עס פארשטאנען קלאר צו מאכען אויסער יעדען צווייפעל, אז זיי זיינען אזעלכע געפעהרליכע באלשעוויקעס, וועלכע פארלאזען זיך דוקא אויף ארביטריישאן איבער אלע זייערע „באלשעוויסטישע" פאדערונגען, וואס זיי האבען געשטעלט.

דאן זיינען די באסעס ארוים מיט א געוואלד, אז דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, ב. שלעזינגער, האט אויסגעטראכט אויף זיי א שם רע, ווען ער האט ערקלעהרט, אז זיי ווילען פון די ארבייטער רויבען די רעכטע, וועלכע זיי האבען געגאסען אין זייערע שעפער פאר די לעצטע זעקס יאהר. איז טאקע באלד האבען זיי געמוזט אויפפרעסען זייערע אייגענע ווערטער, און ניט ווילענדיג צוגעבען, אז שלעזינגער האט פארט געזאגט ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי דעם אמת.

דאן זיינען זיי ארוים פאר'ן עולם מיט א נייער קריוודע, אז מען האט אויסגעטראכט אויף זיי א בלבול, אז זיי ווילען חלילה צוברעכען די יוניאן. פארקעהרט, זיי זיינען גאר אדרבה ואדרבה. און גלייך אין א טאג שפעטער, נאך דער דאזיגער פייערליכער ערקלערונג, פאר'מסר'ען זיי די גאנצע יוניאן אלס א געזעצלאזע באנדע, און אז דער מעיאר וועט באגעהן א געוואלדיגע עבירה, ווען ער וועט באפוילען דער ניו יארקער פאליס צו באהאנדלען זיי אנשטענדיג, דאס הייסט, זיי לאזען רוהיג, געזעצליך פיקעטען, און ניט צושפאלטען זייערע רעבעלישע קעפ.

מען האט פון דעם בריעף געקענט זעהן באשיינפערלאך, וואס פאר א טייערע פריינד זיי זיינען עס פון דער יוניאן, און ווי ווייט עס איז זיי גאר קיינמאל אויפ'ן זין ניט געקומען צו צוברעכען איהר.

א פאר טעג שפעטער דערלאנגט זיי שלעזינגער מיט א דובינע איבער די קעפ דערצעהלענדיג דער וועלט וועגען די סאניטארע צושטענדע אין זייערע שעפער. די מעשה פארדריסט זיי. זיי האבען דאך זיך אויפגעשפיעלט אלס אמת'ע וואוילטעטער, און דא נא דיר אזא מין בלאמאזשע. זיי טרייען עס אפצולייקענען. אבער דער אמת שטעכט אויס די אויגען, און זיי בלאמירען זיך נאך שטארקער.

און אט ערקלעהרען זיי דורך די צייטונגען, אז זיי געהען עפענען זייערע שעפער, און וועלען ארויפנעהמען גאר א נייעם סארט ארבייטער, ניט די שרעקליכע רויטע-פלאגניקעס, פון וועלכע זיי האבען עס ביז איצט אזוי געליטען, און זייער גאנצער סטראשונאק רופט ארויס בלויז א הילכיגען געלעכטער. פון זייער ערקלעהרונג וואלט איינער געמיינט, אז פון דעם 21טען יאנואר, ווען די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק, ביז היינט האבען די באסעס געהאלטען צוגעשלאסען זייערע שעפער, און האט ערשט איצט וועלען זיי זיי עפענען. דער פאקט איז, אז אפען זיינען זיי געווען די גאנצע צייט, נאר קיין הונד האט ניט אריינגעשמעקט צו זיי. היינט ווי געפעלט אייך זייער ערקלעהרונג, אז זיי וועלען אריינגעהמען גאר א נייעם סארט ארבייטער, א גוטען, א שטילען, וואס וויל ארבייטען כאטש האלב אומזיסט, אבי נאר נושא חן צו זיין ביי די באסעס? קען דען געבען א גרעסערע אידיאטסטווא? וואו זיינען עס דא היינטיגע צייטען אזעלכע ארבייטער? וועמען גלויבען די באסעס צו פארבלאפען מיט אזעלכע נארישע טריקס? און אנגענומען, אז אין דעם גרויסען ניו יארק, וואו עס קענען זיין אזעלכע באסעס — חיות פון פאר'ן מבול, זיינען דא אויך אזעלכע אייניגע הונדערט נארישע מיידלאך, נו איז מיט זיי וועט מען דאס פארטיג מאכען די ארבייט? און זיי וועלען דאס פארנעהמען די פלעצער פון די 30 טויזענדע ערפאהרענע ארבייטער און ארבייטערינס? ווער קען נעהמען ערנסט אזא אונזין? און אנגענומען, אז די באסעס זאלען שוין קריגען אזעלכע מיידלעך און בחורים, ווי לאנג אבער וועט עס נעהמען פאר די נייע „גוטע" מיידלעך צו ווערען „שלעכטע", און ארויס אויף א סטרייק אויף זייער אייגענעם חשבון?

מען זעהט, אז וואס אנבאטרעפט שכל, לאגיק, פשוט'ע איינפאכע אנשטענדיגקייט, דאס קען מען ביי די באסעס ניט געפינען, און דערפאר שיינט דאס העלער ארויס דער בראווער קאמפף פון די לידיעס וויסט מייקערס.

אנגענומען, אז די באסעס וואלטען אריינגעקראגען, ריכטיגער, אריינגענארט, עטליכע נארישע מיידלעך, קענט איהר זיכער זיין, אז זיי וואלטען שוין ארויס מיט א געפילדער, אז דער סטרייק איז געבראכען. אין פארגלייך מיט דעם זעהט, ווי די ארבייטער האנדלען. גלייך אין די ערשטע טעג פון סטרייק זיינען פיעלע לידיעס וויסט-מאנופעקטשורערס געקומען סעטלען, און טאקע באלד זיינען ארום פיער טויזענד סטרייקער געגאנגען צוריק צו דער ארבייט. האט אימיצער פיעל געהערט, אז די ארבייטער זאלען מאכען דערפון א גרויסען וועזען? און אט, ווערענד מיר שרייבען די דאזיגע ציילען, האלט עס דערביי, אז די יוניאן זאל שליסען אן אגרימענט מיט די קאנטראקטארס און דזשאבבערס, און אויף אלע געפאדערטע באדינגונגען פון דער יוניאן, און וואס וועט ברענגען די צאהל פון די צוריקגעקעהרטע צו דער ארבייט ביז 12 טויזענד, וואס דאס וועט מיינען, אז מעהר ווי א דריטעל פון דעם סטרייק האבען די ארבייטער שוין געוואונען, וואס איז געווים א שטארקע אורזאכע צו מאכען א טריאומפירענדען געפילדער, און דאך וועט איהר באמערקען, אז אין דער פרעסע וועט די דאזיגע נייעס ערקלעהרט ווערען אין די געמעסיגטסטע ווערטער, אזוי ווי דאס וואלט געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך.

אט דאס איז דער גרויסער אונטערשיעד צווישען די ארבייטער-סטרייקער און די באסעס פון דער לידיעס וויסט מאנופעקטשורערס אסס'ן.

די ארבייטער זיינען זיכער מיט זייער זיעג, טוען זיי אלעס בארעכענט, געלאסען, האבען ניט נויטיג צו מאכען קיין קולות, געפילדער און שיטען ניט קיינעם קיין זאמד אין די אויגען. זיי ווייסען, אז דער אמת איז זייער בעסטע וואפע. די באסעס אבער, וואס ווייסען שוין איצט, אז זיי האבען פארלארען, טוען איין נארישקייט גרעסער פון דער צווייטער, מאכען א געפילדער איבער א נעכטיגען טאג, מיינענדיג, אז דאס וועט זיי עפעס העלפען, און באמערקען ניט, אז גראדע מיט אלעס, וואס זיי טוען, העלפען זיי גאר די ארבייטער צו געווינען זייער גערעכטען און גרויסען קאמפף.

וואס באדייטען די ארבייטער-אונרוהען אין ענגלאנד?

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 7, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

עס איז ניט נויטיג אריינצולאזען זיך אין טיעפע חקירות, אום צו ערקלעהרען די אורזאכען פון די איצטיגע ארבייטער-אונרוהען אין ענגלאנד. זיי זיינען דאך גאנץ אויבען-אויף, אזוי, דאס יעדער, וואס וויל נאר זיך אליין און אנדערע ניט אפנארען, קען זיי מיט'ן האנד אנטאפען.

ערשטענס באדייטען די אונרוהען אין ענגלאנד, דאס די שעהנע פראזען און צוזאגעכצען, מיט וועלכע מען האט דעם ארבייטער-עולם געקארמעט פאר די לעצטע פיער יאהר, און וועלכע האבען פאר דער צייט פון דער מלחמה ניט פארפעהלט צו האבען זייער שטארקע ווירקונג, אזוי, דאס דער ענגלישער ארגאניזירטער ארבייטער האט זיך פרייוויליג אפגעזאגט פון אלע זיינע לאנג שוין אויסגעקעמפפטע רעכטע, אלס טרייד-יוניאניסטען — אז די דאזיגע פראזען האבען איצט פארלארען זייער גאנצע צויבער-קראפט איבער איהם. וואס דער ענגלישער ארבייטער וויל איצט, איז צו זעהן די פראזען פארוואנדעלט אין טאטען. די אונרוהען איבער גאנץ ענגלאנד באטייטען פשוט, דאס די ארבייטער מאנען דעם גרויסען חוב, וואס קומט זיי, און וועגען וועלכען זיי האבען א געוויסען גרונד מורא צו האבען, אז מען זאל זיי קיינמאל ניט באצאהלען.

מען האט זיי צוגעזאגט, אז אלע באשרענקונגען און באשניידונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען אין זייערע אלטע רעכטע און פרייהייטען, וועלען נאר אנגעהאלטען ווערען פאר דער צייט פון דער מלחמה, ביז דער שונא וועט באזיעגט ווערען, און אז אזוי שנעל, ווי די מלחמה וועט זיין געענדיגט, וועלען זיי ניט נאר קריגען זייערע אלע פארלארענע רעכטע און פרייהייטען, נאר זיי, וועלכע האבען ווירקליך געטראגען די גאנצע לאסט פון דער שוידערליכער הריגה, וועלען ערשט פארזוכען דעם ריכטיגען טעם, וואס לעבען הייסט. אבער דערווייל איז נאך פון די אלע צוזאגעכצען קיין איינציגע ניט ערפילט געווארען. די סיסטעם פון ארבייט, וואס איז איינגעפיהרט געווארען פאר דער צייט פון דער מלחמה, איז, ווי געווען, און, ווי עס זעהט אויס, מיינט דער קאפיטאליסט איהר ווייטער אנצוהאלטען, ווייל זי לוינט זיך פאר איהם פיעל בעסער, ווי די אלטע. נאך וועניגער איז צו זעהן אירגענד וועלכע פארבעסערונג אין ארבייטער'ס לעבען. פארקעהרט, דאס לעבען ווערט אלץ שווערער און שווערער, און עס געהט דערצו, אז די לאגע זאל ווערען אלץ ערגער און ערגער. טו וואס איז דא צו זיין אזוי ערשטוינט איבער די אויסגעבראכענע ארבייטער-אונרוהען אין ענגלאנד? עס וואלט, פארקעהרט, געווען דער גרעסטער וואונדער, ווען דאס וואלט אנדערש געווען.

לאמיר דערמאנען די לעזער, אז די מלחמה איז גראדע אנגעקומען אין מיטען פון גרויסע ארבייטער-סטרייקס אין ענגלאנד. אלזא שוין מיט פיער און א האלב יאהר צוריק האט דער ענגלישער ארבייטער געפיהלט, אז ער קריגט ווייט ניט פון דער געזעלשאפט דעם חלק, וואס איהם קומט על פי יושר, און ער האט שוין דאן ארויסגעשטעלט גאר שטארקע פאדערונגען. די מלחמה האט איבערגעשלאגען אין מיטען יענע גרויסע ארבייטער-אונרוהען. דער פאטריאטיזם, די מורא פאר דעם אויסערליכען שונא האט געצוואונגען די ארבייטער פון ענגלאנד אפצולעגען אויף שפעטער די חשבונות מיט דעם אינערליכען שונא. דערפאר קען מען באטראכטען די איצטיגע אונרוהען אלס בלויז א פארטזעצונג, א ווייטערען קאפיטעל פון דעם קאמפף, ביי וועלכען די ענגלישע ארבייטער האבען זיך אפגעשטעלט צוליעב דער מלחמה.

אודאי האבען מאנכע מענשען געהאפט, אז די מלחמה וועט מאכען א סוף צום קלאסען-קאמפף אין יעדען לאנד. עס איז געווען א שטיקעל שכל דערביי. פאר דער צייט פון דער מלחמה איז דאך געשלאסען געווארען דער באריהמטער בורגפריעדען. און דער האט אנגעהאלטען גאנצע 4 יאהר. די קלאסען האבען זיך דערנעהנטערט איינע צו די אנדערע, סיי אויפ'ן פראנט, וואו אלעמענס בלוט אהן אונטערשיעד האט זיך גלייך געגאסען, סיי אין פאבריק, וואו אלע (?) האבען נאר געהאט איין ציעל אין אויג — צו באזיעגען דעם שונא. אין מאנכע קעפ איז דערפאר געבארען געווארען א סברא, אז די מלחמה וועט שוין אויך מאכען א סוף צום גרויסען קלאסען-קאמפף, אז עס וועט פארשווינדען דער פריהערדיגער טיפער אפגרונד צווישען קאפיטאל און ארבייט. אבער עס איז געווען אן אומזיסטע האפנונג. דער אמת איז, אז אפילו אין דער צייט פון מלחמה איז דער אפגרונד ניט פארשאטען געווארען, נאר צוגעדעקט מיט גאנץ דינע ברעטלעך. קאפיטאל האט, אונטער דער מאסקע פון דעם פלאקערענדיגסטען פאטריאטיזם, אויף איין מינוט זאגאר ניט ארויסגעלאזען פון אויג זיינע אינטערעסען. אויך דאן האט ער מעהר פראפיטירט פון דער מלחמה, ווי ער האט געאפפערט פאר איהר. דער ארבייטער אליין האט געבראכט די ווירקליכע אפפער, אבער אין דעם טומעל און געפילדער איז עס פארשטיקט געווארען, און די ארבייטער האבען מיט געוואלט פארשלאסען זייערע אויגען, און זיך געמאכט ניט זעהענדיג. טו וואס-זשע איז דא צו שטוינען, וואס אזוי שנעל ווי די ארבייטער זיינען געקומען צו זיך, האט דער קלאסען-קאמפף נאר אויף דאס ניי אויפגעפלאקערט?

מען האט זיי אזוי אפט געזאגט, אז די פארגאנגענע מלחמה איז גאנץ אנדערש, ווי אלע ביז-איצטיגע. אז דאס איז ניט קיין מלחמה פון דינאסטיען, ניט קיין מלחמה פון קאפיטאל און זיינע אינטערעסען, נאר א פעלקער-מלחמה, אין וועלכער די פעלקער אליין זיינען בלוטיג פאראינטערעסירט. זיי האבען געגלויבט, און זיי האבען אהן מורמלעריי געגאנגען אין פייער, אויף א זיכערען טויט. מיט א מערקווירדיגער קראפט פון זעלבסטבאהערשונג האבען איבערגעטראגען אלע יסורים די, וועלכע האבען געמוזט בלייבען הינטער'ן פראנט, און טאן די ארבייט, וואס איז געווען אזוי נויטווענדיג פאר דעם ערפאלג פון די אויפ'ן פראנט. ענדליך האט זיך די מלחמה געענדיגט. און וואס האבען די ארבייטער אויסגעפונען? אז דער קאפיטאליסט, דער מאנופעקטשורער האט זיך פאר די 4 יאהר אויף א האר ניט געענדערט, אז ער האט נאך אלץ איין זאך אין זינען: זיינע פראפיטען. ער האט אויסגעפונען, אז דער מאנופעקטשורער איז איצט נאר צעהן מאל אזוי שטארק ווי ער איז געווען, אז ער האט בדעה צו האלטען זיך פעסט אן אלץ, וואס די בלוטיגע מלחמה האט איהם געבראכט. איז דארום ניט העכסט-נאטירליך, אז דער ענגלישער ארבייטער זאל זיך שטעלען די פראגע: „וועהר דו אי קאם אין?", וואס האב איך געקריגען פון די אלע זיבען און זיבעציג גליקען? וואס האב איך געוואונען פון דעם, וואס אונזער לאנד איז ארויסגעקומען אלס זיגער? אמת, אונזער לאנד האט געזיעגט. אבער וואו איז מ י י ן זיעג? וואס האב איך דערפון?

אודאי, ווען דער ענגלישער ארבייטער וואלט געווען א „סטאטעק", קענען מאנכע דענקען, וואלט ער נאך אביסעל צוגעוואוט. ווי קען מען דאס אין אזא איילעניש סטרייקען? ווארט, האב געדולד, אפשר וועט מען דאך עפעס טאן פאר דיר. אבער דער ענגלישער ארבייטער — וואס קענט איהר מאכען? — איז גאר א קנאפער סטאטעק. ער מיינט פונקט פארקעהרט, אז א י צ ט איז די צייט עפעס צו טאן, אז האבען דרך ארץ און ווארטען ביז מען וועט איהם צוטראגען אלעס, וואס מען האט איהם צוגעזאגט, וואלט געווען א צו גרויסע ריזיקע. ער דענקט, אז איצט איז די סאמע בעסטע צייט פאר איהם, אז שפעטער קען עס ווערען צו שפעט, און ווער קען איהם מאכען א פארוואורף פאר זיין צו איבעראיילט, ווער עס ווייס, וויפיעל מאל מען האט שוין געבראכען אלערליי שעהנע צוזאגעכצען צו די ארבייטער, ווער עס ווייס, אז דער ארבייטער האט נאך קיינמאל דאס מינדעסטע ניט געוואונען, ווען ער האט פאר דעם ניט געקעמפפט מיט זיין גאנצען כח און מוט?

און נאך א זאך באדייטען די אונרוהען.

צווייטענס, באדייטען די איצטיגע ארבייטער-אונרוהען, אז די אמאליגע, אלטע ארבייטער-פיהרער האבען זיך איינפאך איבערגעלעבט, אז זיי האבען פארלארען יעדע פארשטענדניס פאר די נויטען און פאדערונגען פון די איצטיגע ארבייטער; אז אין דעם משך פון יאהרען האבען זיי זיך אויסגעבילדעט אין א ביוראקראטיע, וועלכע איז איצט פשוט א גרויסער שטיין אין וועג פון דער פארווערטס-שטרעבענדער ארבייטער-באוועגונג

האלט אימער געווארען קאנטראלירט פון דעם באָס.

וואס וואלט געבליבען פאר די פּױפּ־צעהן צו טאָן? אדער ליידען אפטען הונגער אדער אויפהערען צו פארלאנגען וואס זיי קומט, אימער שווייגען און האל־טען אין איין שמייכלען צו די באלעבאַ־טים, פארלייטע און אלע אנדערע משרתים.

קענען די ווייסט מאכער נאכגעבען די פאדערונג? וועלען די ווייסט מא־כער צושטימען אומצוקערען זיך צו א לאגע וואס זייער שטיקעל ברויט וועט דארפען געקויפט ווערען בלויז מיט ערני־דערונג און חניפה?

ניין, ניין!

יעדער איינער וואס קען די ווייסט מאכער, וועט ניט צווייפלען אז ווי לאנג דער סטרייק זאל זיך ניט פארציהען — וועט די פאדערונג ניט נאכגעגעבען ווער־רען. פאר זעקס יאהר צוריק איז דאס גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט געווען א געזעץ אין דער ווייסט און דרעסס אינ־דוסטריע. דאס איז געווען א געזעץ גע־בויט אויף מענשליכקייט, יושר און דער ספעציעלער לאגע אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטרי. און אט דער געזעץ וועט אזוי שנעל ניט אפגעשאפט ווערען.

ווי ווייט די חוצפה פון די באלעבאַ־טים האט דערגרייכט דיזען מאל קען מען זעהן ווען מען באטראכט זייער פא־דערונג, אז צוויי מאל א יאהר זאלען זיי מעגען אוועקשיקען אלע זייערע ארביי־טער.

אין דער פארגאנגענהייט האבען די באלעבאטים כלומר'שט גע'טענה'ט אז זיי זארגען זיך פאר'ן וואהל און בעסטען פון זייערע ארבייטער, אז די ארבייטער זיינען פשוט זייערע קינדער — דיזען מאל האבען זיי ארונטערגעווארפען די מאסקע און ערקלערען פראנק און פריי: אין סיזאן דארפען מיר זיי — וועלען מיר זיי צאהלען וויפיעל זיי פארדינען; קומט אבער סלעקטיים — ווילען מיר זיי גאר מעהר ניט קאנען, ארויס פון מיין שאפ.

וואס זאלען די ארבייטער טאן אין סלעק טיים? — דאס זאלען זיי זיך זאר־גען — ענטפערען די באלעבאטים.

זיי, די באלעבאטים, קענען שוין מעהר ניט טענה'ן, אז זיי זיינען טאטעס צו זייערע ארבייטער־קינדער. זיי האבען זיך ארויסגעשטעלט אין זייער ריכטיגער געשטאלט און דערפאר מעג מען זיי גראַ־טולירען.

מיינט איהר דאך, אז זיי וואלטען אין סלעק טיים אוועקגעשיקט אלע ארביי־טער, זאגאר אויב דיזע פאדערונג וואלט נאכגעגעבען געווארען? זיכער ניט, און אט פאר וואס.

יעדער איינער וואס פארשטעהט עט־וואס ביזנעס און וואס איז באקאנט מיט דער לאגע פון ווייסט און דרעס־טרייד — ווייסט, אז אויב א באס זאל יעדען סי־זאן דארפען רעארגאניזירען זיין שאפ — וועט ער דארפען דורכגעהן אומגעהויער גרויסע שוועריגקייטען. איין בליק אויף אירגענד וועלכען שאפ — זאגאר נאן־יו־ניאן, קען דאס באשטעטיגען. עס איז אין דעם באס' טובה אנצוהאלטען ווי ווייט מעגליך די זעלבע ארבייטער פון יאהר צו יאהר. פשוט דערפאר, ווייל די אלטע ארבייטער זיינען שוין געוואוינט געווארען צו זיינע סטיילס, זיינע מעטאָ־דען פון שאפ, און צו דעם געשמאק פון דער ארבייט. יעדער ארבייטער ווייסט אז ווען מען נעהמט ארויף אויף א נייעם דזשאב מוז נעמען א שטיקעל צייט ביז מען געוואוינט זיך צו צו א נייעם פלאץ. דאס זעלבע איז אויך מיט'ן באס. ער מוז זיך צוגעוואוינען צו די ארבייטער און האבען די ארבייטער צוגעוועהנט צו זיין פלאץ. דער וואס בייט זיינע ארבייטער אפט — קען ניט פארגרעסערען די פּראָ־דוקשאן פון זיין שאפ און קען זיך אפט געפינען אהן ארבייטער — ווייל קיין אר־בייטער וועט זיך ניט קימערען פאר אזא פלאץ. דאס איז ניט נאר אמת אין דעם ווייסט און דרעס טרייד, נאר אין אירגענד וועלכען געשעפט, צי קרעמעריי, בוטשע־ריי, באנק־ביזנעס אדער שניידעריי.

ווען א באלעבאס וואלט געווען גע־צוואונגען צו אומבייטען אלע ניט איינ־צעלנע ארבייטער יעדען סיזאן וואלט עס פאר איהם געווען די גרעסטע קללה, היינט פאר וואס האט די אסאסיאיישאן דאך גע־שטעלט אזא פאדערונג, — זיי מיינען דאך זיך קיין שלעכטעס זיכער ניט?

דער ענטפער איז א גאנץ פשוט'ער: ווייל זיי האבען ניט בדעה אוועקצושי־קען אלע זייערע ארבייטער אין ענדע פון סיזאן. זיי וועלען בלויז אוועקשיקען די, וועלכע זיינען צו גוט אדער צו קלוג פאר זיי, ד. ה. די וועלכע פאדערען דאס וואס זיי קומט. די לעמעליך, די שטיל־שוויי־גענדיגע, די וואס זיצען אימער מיט'ן קאפ איינגעבויגען און פארטויטלען זיך ווען דער באס טוט א קוק אויף זיי — יענע וועט ער האלטען. מיט יענע וועט ער קענען טאן וואס ער וויל. וועט ער געבען קלענערע פרייזען — וועלען זיי דאך נעמען. וועט ער ניט נאכקומען פיע־לע אנדערע פונקטען פון אגרימענט — וועלען זיי דאך שווייגען. זיי וועלען דאך פאלגען וואס פארלייטע און באלעבאטים הייסען, היינט פאר וואס זאל ער זיי ניט האלטען?

און אט דאס אייגענטליך, איז דער באהאלטענער מאטיוו פון די באלעבאטים. זיי האבען ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון דיסטשארדזשעס אין דריי פארמעס:

1) די דיסטשארדזש פון דעם איינצעל־נעם צו אלע צייטען און אהן קיינע רעַ־טע צו באקלאגען זיך.

2) די דיסטשארדזשעס פון דעם איינצעלנעם און גאנצע גרופען דורך דער בייטש פון ניט־גלייכער צוטיילונג פון דער ארבייט.

3) די דיסטשארדזש פון דעם גאנצען שאפ אדער ווי מיר פארשטעהען — פון איינצעלנע און גרופען דורך דעם קלאב פון צוויי מאל אדער איינמאל א יאהר האלסייל דיסטשארדזשעס.

דער צוועק איז איינער, און דאס איז: צו פטור ווערען פון דעם יוניאן־גייסט אין שאפ און פון די אונטערנעהמונגע פליכ־טען צו די ארבייטער; צו קאנטראלירען דעם איינצעלנעם מיט דער בייטש פון דיסטשארדזש ער זאל ניט וואגען צו זא־גען א ווארט צו דער יוניאן אדער באקלאַ־גען זיך, צו אוועקנעמען פון איהם די רעכ־טע דורכ'ן צוואנג פון שרעקען מיט הונ־גער. קאמפליינסטו — איז א דיס־טשארדזש אין אירגענד וועלכער פון די דריי פארמעס איבער דיין קאפ.

דער פלאן איז פיליכט א גוטער, זעהר חיטרע אויסגעטראכט. אבער דער חשבון איז שלעכט געמאכט געווארען. צו לאנג קענען די ווייסט מאכער זייערע באלעבא־טים. זיי ווייסען גאנץ גוט אויף וואס זיי זיינען פעהיג און וועלען זיי באגעגענען לויט זייערע פארדיענסטען.

די באלעבאטים האבען אויסגעקליבען די קאמפפס מעטאדע און די ווייסט מא־כער האבען אויפגענומען דעם אויפרוף. מיט 9 יאהר צוריק האבען זיי העלדיש געקעמפפט, האבען געמאכט א רושם אין דער גאנצער וועלט, און יעצט וועלען זיי טאן דאס זעלבע.

קיין מאל, ווייסט מאכער, זייט איהר נאך ניט אזוי גערעכט געווען אין אייער קאמפף ווי יעצט. מיט מוטה און באַ־וואוסטזיין אין אייער רעכט זעצט פאר אייער קאמפף פאר דער עקזיסטענץ פון דער יוניאן, ביז איהר וועט זיעגען — און זיעגען מוזט איהר!

אינטערנאציאנאלע ארבייטער־וועלט

פון וויליאם מאָריס פייגענבוים.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Feb. 7, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די וועלט באוועגט זיך איצט גאנץ שנעל. עס איז נאך קיין מאל ניט גע־ווען א צייט וואס האט געבראכט מיט זיך אזוי פיעל אומענדערונגען. וואוהין געהען מיר? וואס ארא סארט וועלט וועלען מיר האבען, ווען די איצטיגע אומ־רוהיגקייט וועט שוין זיין פאריבער?

קיינער ווייס דאס ניט, קיינער קאן דאס ניט זאגען מיט אבסאלוטער זיכער־קייט.

א מערקווירדיגע ערשיינונג אין דיזע באוועגונגען היינט צו טאג איז דער פאקט וואס די פעלקער אליין נעמען אן אנטייל אין דער באשטימונג פון זייער אייגענעם שיקזאל. עס האט נאך קיין מאל ניט פאסירט דאס צום סוף פון א גרויסען קריעג, זאל דאס פאלק אליין ארויסווייַ־זען אזוי פיעל אקטיוויטעט, זאל אזוי נאכפאלגען און זוכען צו באפעסטיגען די רעזולטאטען פון א מלחמה, גיכער פאר'ן פאלק איידער פאר די שטאאטסלייט. די פעלקער מאכען איבער די וועלט אין דער צייט וואס די דיפלאמאטען זיצען זיך אין ווערסאיל. עס זיינען פאראן צו ווייַ־ניג דיפלאמאטען פון דעם טיפ פון פרע־זידענט ווילסאן וואס זאלען זעהן פאר־אויס, וועלכע זאלען איינזעהן, אז דאס וואס די דיפלאמאטען טוען איז פון א קנאפער וויכטיגקייט, וויבאלד די פעל־קער אליין ווילען דאס ניט באטראכטען פאר וויכטיג גענוג.

וואס איז דאס אזוינס, וואס עס טוט זיך איצט אפ איבער דער וועלט? די רעאקציאנערע עלעמענטען זיינען גע־צוואונגען דאס צו באקעמפפען און ניט געפינענדיג פאר דעם קיין אנדער נאמען רופען זיי דאס „באלשעוויזם", כאטש די מייסטע פון זיי האבען ניט דעם מינדעס־טען באגריף, וואס דער ווארט מיינט אין דער אמת'ן.

היינט ציהט אויף זיך ענגלאנד די אויפמערקזאמקייט פון אלע פעלקער איבער דער וועלט. ענגלאנד איז איצט אין די קלאהען פון גענעראל סטרייקס, וועלכע פארשפרייטען זיך מיט יעדער שטונדע.

וואס טוט זיך דארטען? איבערגע־שראקענע מענער און פרויען שרייען, אז דארטען זיינען דא באלשעוויקעס, אז דארט איז פארשפרייט געווארען מיליאַ־נען רוסישע רובעלס, מיט'ן צוועק „אויס־צושלאכטען" דעם ענגלישען פאלק.

אזעלכע ערקלערונגען פאסען זיך אפשר פאר אונוויסענדע, זיי פאסען זיך אבער ניט פאר אינטעליגענטע מענשען.

עס זיינען דא מיליאנען מענער אין דער ענגלישער ארמעע וואס וועלען באלד געשיקט ווערען אהיים און זיי וועלען דאר־פען זוכען ארביים. עס זיינען דארט פא־ראן אנדערע מיליאנען ארבייטער, וואס וועלען מעהר ניט באשעפטיגט ווערען אין אמונישאן פעקטאריס און אויך זיי דאר־פען געפינען ארביים.

דער ערשטער פארלאנג פון די ענג־לישע ארבייטער איז, צו פארקלענערען די ארבייטס שטונדען איבערן גאנצען לאנד. מאנכע פארלאנגען אן 48 שטונ־דיגע ארבייטס וואך, מאנכע 44 שטונ־דען און מאנכע 40 שטונדען. דאן פאנ־גען אן מאנכע ארבייטער פארלאנגען בע־סערע שכירות.

דער סטרייק האט זיך פארשפרייט. עס האט פאראליזירט די שיף־האפענס אויפ'ן „קלאיד" (אין גלאזגא, סקאט־לאנד) און אין בעלפאסט, אירלאנד; אין ליווערפול און אין אנדערע שטעדט. און שטאדט נאך שטאדט ווערען ליידיג די גאסען, די קארס הערען אויף לויפען, און די באלייכטונג איז אויסגעלאשען גע־ווארען. עס זיינען דארטען דא סטרייקס אין יעדען ווינקעל פון דער פאראייניג־טער קעניגרייך.

בעלפאסט, וועלכע איז שוין לאנג באַ־קאנט אלס „די שטאדט פון סטרייקס", איז טוידט. און וואסארא לאגע עס וועט דארט זיין אין א וואך ארום, קאן קיי־נער ניט זאגען.

די אייזענבאהן ארבייטער פון גאנצען קעניגרייך סטראשען מיט א דזשענעראל סטרייק פאר'ן 9טען פעברואר, סיידען די רעגירונג וועט נעמען צו דעם א שטעל־לונג. שיף בויער, מיינער, מאשיניסטען — צעהנדליגער טויזענדער פון זיי, פון איין עק לאנד ביז'ן צווייטען, סטאפען יע־דע שטונדע.

עס קומען אן אינטערעסאנטע איינ־צעלהייטען פון אירלאנד. אן אירישע טרייד יוניאן קאנגרעס איז גערופען גע־ווארען אויף דעם 8טען פעברואר. מען גלויבט, דאס ער וועט זיין צוזאמענגע־שטעלט פון די עקסטרימיסטען „סין פיי־נערס". עס וועט פארלאנגט ווערען אן אלגעמיינע 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך און א העכערונג פון 150 פראצענט אין ווידזשעס. דער מינימום וועט זיין 12 דאלאר א וואך, אנשטאט 6 דאלאר, ווי עס איז איצט.

א טעלעגראמע אין „די ניו יארק ווארלד", רעדענדיג וועגען דעם איירי־שען פארלאמענט, וואס איז פארמירט גע־ווארען ביי א מיטינג פון די ערוועהלטע „סין פיינערס" צום ענגלישען פארלאַ־מענט, זאגט צווישען אנדערעס:

„סיידען דער אייריש רעפובליקאנער פארלאמענט אינדאסירט דיזע פראגראם, וועט ניט וועלען דאס די ארבייטער פאדע־רען. די סיטואציע רופט ארויס גאנץ ערנסטע באטראכטונגען, ווייל עס פיהלט זיך דאס געוויסע קרעפטען זיינען ביי דער ארבייט, אי אין די ארבייטער קרייזען, אי צווישען די סין פיינערס, צו באשאפען א צושטאנד פון באלשעוויזם."

אין פיעלע געגענדען וואו די סטרייקס זיינען פארגעקומען, האבען די ארבייטער באקומען אלע זייערע פאדערונגען, און האבען זיך צוריקגעקעהרט ארבייטען פאל־שטענדיג זיגרייך. אבער אין געגענד נאך געגענד קומען אויף זייער פלאץ טויזענ־דע אנדערע.

מאנכע פאקטען פאסען זיך צו צו ווייזען דעם גרונד פאר די אויסברוכען אין דער איצטיגער צייט.

ענגלאנד האט נאר וואס געהאט אן עלעקשאן. לאיד דזשארדזש האט געהאט א גרויסען זיעג. די צאהל שטימען וואס זיינען אפגעגעבען געווארען איז געווען גרעסער ווי אירגענד ווען בעפאר. מי־ליאנען מענשען וואס האבען בעפאר ניט געהאט קיין שטימרעכט, האבען דאס באַ־קומען, און צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע האבען אויך מיליאנען פרויען זיך באטייליגט אין דעם עלעקשאן.

דער קאמפיין וואס דער פרעמיער האט געמאכט פאר זיך איז געווען געציעלט גע־גען דער „לייבאר פארטי". אין די לעצ־טע פאר טעג פון דעם קאמפיין האט ער גערעדט אין די געדיכט באפעלקערטע אר־בייטער־קווארטאלען, שטעמפלענדיג די ארבייטער קאנדידאטען אלס פאסיפיס־טען, טרוימער, אומפאטריאטיש און פאר־רעטער. די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע איז געווען געריכטעט געגען דער לייבאר פארטי.

דער רעזולטאט פון דעם איז דאס עס הערשט איצט א גרויסע אונצופריד־ענהייט אין די ארבייטער קרייזען מיט דעם רעזולטאט פון דעם עלעקשאן.

* * *

די רעוואלוציאן אין פארטוגאל איז געווען, וואס מען רופט, „א מפּיל קינד."

די רעוואלוציאנערע באוועגונג וואס האט אויסגעבראכען אין יענעם לאנד שיינט צו האבען געווען א רעאקציע פון די ראיאליסטען און קלעריקאלען.

דער לייכטזיניגער עמאנועל מיט זיין האהענצאלערן ווייבעל, וועט זיך דארפען צוריקקעהרען נאך ענגלאנד, וואו ער איז געווען פאר די לעצטע 8 יאהר.

א באמערקענסווערטע זאך וועגען דער פארטוגעזישער רעפובליק איז, וואס יע־דער בלאף „פון א רעוואלוציאנערען אויס־ברוך", קאן ארייננקומען אין די צייטונ־גען. דורך די 8 יאהר וואס די רעפוב־ליק עקזיסטירט, איז די רעגירונג אומ־געווארפען געווארען, אמווייניגסטענס צוויי מאל א יאהר, און יעדען מאל ווערט אין די טעלעגראמען גאר ניט אנגעוויזען, וואס דארטען האט בעפאר פאסירט.

* * *

וואס איינער זאל ניט דענקען וועגען די מאיאריטעט־סאציאליסטען אין דייטש־לאנד, און זייער שטעלונג דורך דער גאנ־צער צייט פון דער מלחמה, מוז מען אבער צוגעבען, דאס אהן פרעמדע אריינמישער, האבען זיי אויף אייביג פארניכטעט די מאנארכיע, וואס וועט זיך שוין קיין מאל ניט צוריקקעהרען.

* * *

נאך א שטריך וואס ווייזט די רעוואַ־לוציאנערע טענדענץ אין אייראפא, איז דער קאר סטרייק אין בריסעל, וואס האט פאראליזירט די שטאדט פאר עטליכע טעג. אפילו אין בעלגיען פיהלט זיך דער רע־וואלוציאנערער דראנג. די ארבייטער פון יענעם לאנד האבען גוט געקעמפפט, הא־בען געליטען פיער יאהר פון דער דייַ־טשער שקלאפעריי, אבער איצטער, ווען אלעס איז שוין אריבער, זיינען זיי נאך ניט אין גאנצען צופריעדען. זיי קעמפפען איצט פאר אלגעמיינע שטימרעכט פאר מענער און פרויען, און פון די ווייניג נייעס וואס מיר האבען באקומען וועגען זייער סטרייק שיינט עס, ווי זיי וואלטען פאר־לאנגט נאך אנדערע זאכען אויך.

* * *

א שטיקעל נייעס האט צו אונז פאר־בלאנדזשעט וועגען צוזאמענשטויסע אין פארטא ריקא. דער יעהרליכער סיזאן פאר ארונטערנעמען פון די פעלדער דעם צוקער איז אנגעקומען, ווי געוועהנליך. אבער די צאהל ארבייטער וואס האבען געדארפט דזשאבס איז געווען גרעסער, ווי די דזשאבס וואס האבען אויף זיי געווארט. דער רעזולטאט איז געווען א צוזאמענשטויס, אין וועלכען צוויי פער־זאן זיינען גע'הרג'עט געווארען און זיבען זיינען געווארען פארוואונדעט.

(שלוס אויף זייט 20)

די לעבענס-פראבלעמען פון דער ארבייטער מיידעל

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ

אונזער רעדאקטאָר, פריינד יאנאווסקי, האָט מיר פאָרגעשלאָגען א זעהר צופריע-דענשטעלענדע און אנגענעהמע אויפגאַבע, — זיך מיט אייך דורכצוריידען וועגען אייערע לעבענס-פראבלעמען, וועגען די לעבענס פראבלעמען פון די פרויען פונ'ם ארבייטער קלאַס. איך האָב געלעבט מיט אייך, איך האָב זיך געטיילט מיט אייך און אייערע פריידען און ליידען, איך האָב געזעהן וואס דאָס לעבען גיט אייך און וואס עס וואלט אייך קאָנען געבען. איך האָף אבער, דאָס אונזער קאָרעספּאָנדענץ וועט ניט זיין דורכאויס איינזייטיג. מאַנ-כע פון אייך, האָף איך, וועלען מיר שריי-בען אויף דעם אדרעס פון „גערעכטיגקייט" און מיר איבערגעבען וועלכע אויפגאַבען, אדער פראבלעמען איהר האָט געהאַט און ווי איהר האָט זיי געלעזט. אדער אפשר זיינען זיי נאָך ניט געלעזט געוואָרען, אין מיר קאָנען זיך ביידע צונויפריידען אום צו באַקומען א גוטע עצה.

די פרויען פון אלע קלאַסען האָבען זייערע באַזונדערע אייגענטימליכע פּראָב-לעמען, זייערע שוועריגקייטען אין דעם אונגלייכען לעבענס קאַמפף. דורך דער דורות לאַנגער געזעלשאַפטליכער ענטוויק-לונג איז די פרוי באַלאַדען געוואָרען מיט ספּעציעלע לאַסטען און זי האָט אימער געפונען שטערונגען אין איהר וועג, צו א פרייער ענטוויקלונג. צו זיין א פאָל-שטענדיגע פרוי און אויך אין דערזעלביגער צייט א פאָלשטענדיגער מענש — דאָס איז די אויפגאַבע פון דער היינטיגער, מאָדערנער פרוי. צו אפט איז די פרוי געווען געצוואונגען זיך באַנוגענען בלויז מיט איהר ווייבליכקייט אָהנע אריינצו-קומען אין דער ספערע פון דער גאַנצער מענשהייט. אבער לאַנגזאַם, און מיט פיעל אַנשטרענגונג האָט זי זיך דורכגע-קעמפּפט א וועג אין דער וועלט. מיט אַן איינינקייט וואס איז געבאָרען געוואָרען פון געמיינזאַמען ליידען, געמיינזאַמען דורכפיהלען און געמיינזאַמע אינטערעסען, — האָבען די פרויען זיך צוזאַמענגענומען, זיך צו באַנוצען מיט דער פאַראייניגטער קראַפט פאַרצוברייטען א בעסערע וועלט פאַר זיך אליין און פאַר דער גאַנצער מענשהייט. די פרויען באַוועגונג האָט געקעמפּפט צוזאַמען, זייט ביי זייט, מיט דער ארבייטער באַוועגונג פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, און זייט ביי זייט שניידט איצט די פרוי מיט'ן ארבייטער די פרוכט פון דעם זיעג.

די פרויען פון אלע קלאַסען האָבען זייערע שוועריגקייטען אין קאַמפף פאַר זייער ערלעזונג. די פרוי פון די מיטעל-קלאַסען וויל מעהר מאַכט, גרעסערע אינדי-ווידועלע געלעגענהייטען, פרייהייט און עקאָנאָמישע אונאָפּהענגיגקייט. די באַ-וואוסטע ענגלישע שרייבערין, אליוו שריי-נער, אין איהר וואונדערבארען בוך „פרוי און ארבייט", האָט פאָרטרעפליך פאָרגע-שטעלט זייערע קריוודעס, ווען זי רופט אויס: „מיר פאַרלאַנגען די גאַנצע פעלד פון ארבייט פאַר אונזער פּראָווינץ." די ארבייטער פרוי, פון דער צווייטער זייט, איז ניט באַאונרוהיגט וועגען א געלע-גענהייט צו ארבייטען, און צו ארבייטען שווער. זי האָט נאָך צופיעל געלעגענהיי-טען. זי האָט ניט צו ווייניג „עקאָנאָמישע פרייהייט", אפטמאָל האָט זי דאָס נאָך צופיעל. אבער דיעזע „פרייהייט" דריקט זיך אפּ אויס אין דער פרייהייט פון דעם באָס איהר צו עקספּלואַטירען. די אינ-טערעסען פון די פרויען פונ'ם ארבייטער קלאַס זיינען פיעל אין געגענזאַץ צו די אינטערעסען פון יענער פרוי, כאָטש יעדע פון זיי קעמפּפט פאַר פרייהייט, לויט איהר אייגענעם באַגריף פון פרייהייט, די ארבייטער פרוי האָט געוועהנליך איהרע אייגענע דאגות. זי איז ניט בלויז א פרוי, זי איז אויך אַן ארבייטער אין שאַפּ. זי באַלאַנגט טאַקע צום פרויען געשלעכט, זי איז אבער אויך א פּראָלעטאַריער. ווייב-ליכקייט, מוטערליכקייט, מאַשין-שקלאַפע-ריי — דאָס איז די דרייאיינינקייט וואס קאָנטראָלירט דעם שיקזאַל פון דער אר-בייטער מיידעל. וויפיעל שטאַנדהאַפ-טיגקייט מען דאַרף דאָס באַזיצען צו פיה-רען א ריכטיגען לעבען אונטער דיעזע אומשטענדען. עס איז שווער אפילו צו זיין בלויז א מאַשין, ווארום אפילו די רעדלאַך און שרייפלאַך ארבייטען זיך אויס, און די רימענס רייסען זיך אפּט איבער. אבער צו זיין א מאַשין און אין דערזעלבער צייט א מענשליך וועזען — דאָס איז דער פּראָבלעם. די הויפט טראַ-געדיע פון דער ארבייטער פרוי, איז טאַ-קע איהר מענשליכקייט. צו ליעבען שענ-קייט און באַקוועמליכקייט, און געפינען שמוץ און מיאוס'קייט, צו בענקען נאָך א באַליעבטער היים און וועמען ליעב צו האָבען, און געפינען דעם שאַפּ מיט זיינע לאַנגע שטונדען פון פּראַצע, צו ווינ-שען נאָך פריעדען און אפּרוה און צו גע-פינען טומעל און נויט; צו וועלען לערנען און וואַקסען, זיך ענטוויקלען און ווערען פאַרשטיינערט און אונטערדריקט! אפּ-צוגעבען דריי פערטעל פונ'ם לעבען צו דער מאַשין און איבערלאָזען בלויז איין פערטעל פאַר זיך אליין און אויך אָט דער קליינער טייל אפילו זאָל ווערען צוריסען, פאַרניכטעט דורך אויסגעמאַטערטקייט און עקעל. אָט דאָס איז די טראַגעדיע!

און, ווען ניט די יונגע גלידער, מיט זייער שטאַרקען חשק זיך צו באַוועגען, דער קערפּער דורשטענד נאָך לופט און זון-שיין, די האַרץ דורשטענדיג נאָך שטאַרקע געפיהלען און די נשמה דורש-טענדיג נאָך ליכט, — ווי לייכט וואלט עס דאַן געווען צו ווערען איינס מיט דער נעהמאַשין און זיצען ביי איהר. זיי-נען מיר אבער מענשליך! מיר מוזען לע-בען! מיר דאַרפען פיהלען! מיר ווי-לען וואַקסען! און צוזאַמען מיט ל ו-א י ז ע, די קליינע נעהטאָרין פון פּאַ-ריז, שאַרפּענטאַר'ס אפּערא מיט דעם זעלבען נאָמען, רופען מיר אויס, „פאַר-שאָלטען זאָל זיין דער יעניגער וואס וויל דערשטיקען דעם פרייען וואונש פון די נשמה, וואס וועקט און רופט נאָך ליכט, וואס פאַרלאַנגט א חלק פון לעבען."

פון אַזעלכע געדאַנקען ווערען מיר גע-ריהרט, אמאָל באַוואוסטזיניג, און אמאָל גאָר אונבאַוואוסטזיניג. מאַנכעס מאָל דריקט זיך דאָס אויס בלויז דורך א שטי-לען לעכצען, דורך א קוים באַמערקבאַ-רער אונרוהיגקייט, דורך א שוואַכען פאַר-לאַנג, וואס זאָגט אונז אָן וואס מיר פאַר-לירען. אָבער ווען דאָס וואַקסט אויס אין א שטאַרקען פאַרלאַנג; ווען דיעזע אומ-רוהיגקייט וואַקסט אויס אין א גרויסער אומצופריעדענהייט, דעמאָלט וועט אונז שוין קיין זאַך ניט שטעלען צופריעדען אויסער א נייעס לעבען, א נייע וועלט, אין וועלכער אַ ל ע וועלען קאָנען לעבען אמת מענשליך.

לאָמיר אָבער ניט דענקען, דאָס מיר זיינען שוין אין גאַנצען פאַר'משפּט צו אזא לעבען, ביז דאָס אָנקומען פון דעם גרויסען טאָג פון ערלעזונג, פון באַפריי-אונג, ווען עס וועט אָנקומען די אמת'ע ברידערליכקייט. אונזער פאַרלאַנג, אונ-זער פאָדערונג איז פונקט אזוי גוט פאַר איצט ווי פאַר די צוקונפט, פאַר היינט, ווי פאַר מאָרגען. מיר האָבען אונזערע לעבענס אויפגאַבען מיט אונז שוין איצט, און סיידען מיר זיינען גענוג שטאַרק אין געדאַנק און כאַראַקטער, זיי באַגעגענען פנים על פנים ווי זיי ערשיינען, וועט ניט קומען יענער מאָרגען. אויב מיר זיינען ניט בראַוו און גענוג אינטעליגענט צו באַזייטיגען די איבּלען פון די געגענ-וואַרט, וועלען מיר קיין מאָל ניט דער-גרייכען די ברכות פון דער צוקונפט.

דאָס פּראָבלעם פון דער ארבייטער פרוי היינט צו טאָג, ווי איך זעה דאָס, איז צוויפאַכיג: א פּראָבלעם פון ארבייט און א פּראָבלעם פון לעבען. פון איין זייט שטעהט די פאַבריק, אין וועלכער די ארבייטער מיידעל איז בלויז א זאַך, פון דער צווייטער זייט דאָס לעבען, וואו זי איז א פּערזאָן. זי דאַרף קעמפּפען אָפּ-צושוואַכען און איינצוהאַלטען יענע כחות וואס ווילען פון איהר מאַכען בלויז א זאַך און ערציהען און אויפלעבען יענע, וואס הויבען איהר אויף צו א פּערזענ-ליכקייט. אָט די איינפאַכע, קורצע לע-בענס פילאָזאָפיע ענטהאַלט אין זיך דעם גאַנצען ארבייטער קאַמפף און די ענט-וויקלונג פון ציוויליזאַציאָן.

דער קאַמפף געגען דעם, ווי איך רוף עס, אום ניט צו ווערען „א זאַך", איז אין פיעלע הינזיכטען דער זעלבער פאַר דעם ארבייטס מאַן, ווי פאַר זיין שוועסטער, די ארבייטער מיידעל. דאָס איז א צוזאַ-מענשטויס מיט יענע אלע כחות וואס וואָלטען וועלען מאַכען פון ארבייטער א מאַשין, לאַנגע ארבייטס שטונדען, ניד-ריגע שכירות, ניט רעגולערע באַשעפטי-גונג, שלעכטע סאַניטאַרי צושטענדע. די ארבייטער זוכען דיעזע צושטאַנדען אפּצו-שאַפען, אדער ווי ווייט מעגליך אויסצו-בעסערען, דורך דער קראַפט פון פאַראיי-ניגונג. אבער אויף דעם געביט האָט די ארבייטער פרוי דורכצוגעהן א לאַנגע-רען און שווערערען וועג ווי דער ארבייטס-מאַן. די אידעע פון ארגאַניזאַציאָן האָט גענומען דורכדרינגען די פרויען ארביי-טער א סך שפּעטער און עס באַקומט, דער-ריבער, א גרעסערען ווידערשטאַנד פון פיעלע זייטען; דער פרוי'ס איצטיגער אריינטרעטען אין דער אינדוסטריע, איה-רע קלענערע שכירות און גרעסערע עקס-פּלואַטאַציע, צוזאַמען מיט די אלטע טראַ-דיציאָנען און פאָראורטיילע, — דאָס אלעס שטרעבט צו פאַרקלענערען איהר אַקטיוויטעט. אונגליקליכער ווייזע פּאַ-סירט ניט זעלטען, דאָס אַזעלכע פאָראור-טיילע באַאיינפלוסען געגען איהר, אפילו די אייגענע ברידער ארבייטער, איהר צו פאַרשטעלען דעם וועג אריינצוקומען אין מאַנכע בראַנטשעס פון דער אינדוסטריע און ארגאַניזאַציאָן. די ארבייטער פרוי האָט אויך צו קעמפּפען מיט איהר אייגע-נער שוואַכקייט, אינדיווידועל און קאָלעק-טיוו, פּונקט אזוי גוט ווי געגען די עקס-פּלואַטאַציע פון איהרע בעלי בתים.

עס איז אבער ווערט צו געדענקען, דאָס דער קאַמפף געגען עקספּלואַטאַ-ציע איז בלויז איין טייל פון דער אָנ-שטריינגונג פאַר א נייע לעבען, און דאָס צוזאַמען מיט דעם מוז געהן האַנד אין האַנד דער קאַמפף פאַר ענטוויקלונג. דער קאַמפף אום ניט צו ווערען „א זאַך", איז א נעגאַטיווער, א צוזאַמענשטויס מיט שקלאַפעריי, ווערענד דער קאַמפף צו פּערזענליכקייט איז א פּאָזיטיווער, א היי-סער שטרעבען צו פרייהייט. די פּראָבלע-מען פון דער ארבייטער מיידעל ווערען אַלץ מעהר אייגענטימליך, אַלץ מעהר איהר אייגענע און אַלץ מעהר פאַרשיעדען פון די פּראָבלעמען פון דעם ארבייטס-מאַן, וואס ווייטער מיר געהען אוועק פון דעם „קאַמפף אומס דאַזיין", צו די ארגאַ-ניזאַציאָן פון לעבען. ווערענד פון איין זייט קעמפּט די ארבייטער מיידעל פאַר שכירות צו קענען מאַכען א לעבען און בעסערע ארבייטס באַדינגונגען, זוכט זי, פון דער צווייטער זייט צו לעזען איהרע לעבענס פּראָבלעמען אין איהרע פאַר-דרענגטע אומשטענדען. - ניט בלויז ווי צו באַקומען מעהר שכירות, נאָר ווי צו פאַרברויכען די נייבאַקומענע פרייע צייט אום צו וואַקסען און זיך ענטוויקלען, דאָס זיינען די פּראָבלעמען פון דער ארגאַניזאַ-ציאָן פון לעבען, אפּגעזונדערט פון דער ארגאַניזאַציאָן פון ארבייט. און אלס א צוגאָב צו דעם אלעם, האָט נאָך פאַר זיך די פרוי פון ארבייטער קלאַס די פראַגען פון בילדונג, פון ערציהונג, ווי אָנצו-האַלטען דאָס געזונד און די אייביגע פראַ-גע פון ווייבליכקייט און מוטערליכקייט. מיר זיינען, דעריבער פאַרנומען, ניט בלויז מיט'ן קאַמפף פאַר ברויט, נור אויך, ווי צו באַקומען גליקזעליגקייט.

דאָס אלעס, און נאָך א סך אנדערע פראַגען, וועל איך, טייערע פריינד, פּרו-בירען מיט אייך דיסקוטירען, אין די קאָלומס פון די „גערעכטיגקייט". לאָמיר באַטראַכטען אונזער לעבען, ווי עס איז און ווי דאָס האָט געקאָנט זיין. לאָמיר ניט באַדויערען וואס מיר זיינען פּראָלע-טאַריער און זוכען, ווי פיעלע טוען עס, צו אַנטלויפען אין די רייהען פון די בור-זשואזיע. לאָמיר בעסער עמפּפאַנגען יעדען צוריקשטויס, זיך ניט אָפּשטעלען פאַר יעדען קלאַפּ וואס מיר באַקומען, ווארום דאָס זיינען אָט די קלעפּ און צוריקשטוי-סונגען וואס מיר באַקומען, דורך וועלכע מיר זיינען געקומען צום באַוואוסטזיין און וואונש פאַר א נייער וועלט. מיר פאַר-לירען די וועלט צו באַקומען די וועלט. צו דער ערשטוינונג פון פיעלע, איז עס דער ארבייטער, דאָס קינד, פון אומגליק, דער פאַרשטויסענער, וועלכער האַלט איצט ביים איבערנעהמען די וועלט. און מיר דאַרפען ניט פאַרקויפען אונזער געבורטס-רעכט, אונזער שטאַנד, פאַר א פעטער קאַ-שע! מיר דאַרפען ברענגען דער וועלט, און פאַר זיך אליין, א נייע וועלטאַנשוי-אונג פון לעבען, א נייען צושטאַנד פון גליקזעליגקייט און מענשליכקייט.

דער קאמפף פאר דער עקזיסטענץ פון דער וויסטמאכער יוניאן

פון עליאס ליבערמאן.

די אסאסיאיישאָן פאַרלאַנגט אַז צוויי מאָל, אדער אמווייניגסטענס איין מאָל א יאָהר, זאָל יעדער באָס מעגען ארונטער-שיקען אלע ארבייטער און ניט דאַרפען צוריקנעמען קיינעם, אויסער, נאַטירליך, די וואס ער פאַרלאַנגט.

זי פאַרלאַנגט, אַז אין סלעק-טיים זאָל דער באָס ניט מחויב זיין צו צוטיילען די ארבייט גלייך צווישען די ארבייטער פון זיין שאַפּ, נאָר ער זאָל געבען אר-בייט וועמען ער וויל און אוועקשיקען די אלע אנדערע, און זאָלען זיי זיך טאָן וואס זיי ווילען.

די צוויי פראַגען מעגען באַטראַכט ווע-רען צוזאַמען, ווייל אין דער פּראַקטיק זיינען זיי איינס און דאָס זעלבע און דאָס איז — אוועקנעמען די רעכטע פון די איינצעלנע אלס איינצעלנע אדער אלס א גרופּע.

קענען די ארבייטער נאָכגעבען די פאָ-דערונגען, וועלען די ארבייטער נאָכגעבען די פאָדערונגען?

לאָמיר עס באַטראַכטען:

איינער פון די הויפּט געדאַנקען פון א יוניאָן איז, ווי ווייט מעגליך אפּצושאַ-פען פּריווילעגיעס פון איינצעלנע אויף דעם חשבון פון די אנדערע. איינע פון די עלעמענטאַרע לעהרען פון א טרייד יוניאָן איז, אַז די אינטערעסען פון אַן ארבייטער אין א שאַפּ זיינען איינע און די זעלבע ווי פון די איבעריגע ארבייטער, און דערפאַר דאַרפען זיי זיין פאַראייניגט, און דורכ'ן פאַרבעסערען פון דער לאַגע פון כלל, וועלען זיי פאַרבעסערען די לאַ-גע פון יעדען איינעם. אויסגלייכען די אונטערשיעדען צווישען די ארבייטער — איז אימער געווען די הויפּט אויפגאַבע פון יעדער יוניאָן. אלעס וואס פיהרט צו דיזער אויסגלייכונג איז אין איינקלאַנג מיט יוניאָן פּרינציפּען. קומען יעצט די בעלי-בתים און זאָגען: „ניין, מיר ווילען ניט, אַז אלע ארבייטער פון אונזער שאַפּ זאָלען האָבען איינע און די זעלבע אינ-טערעסען; מיר ווילען ניט אָפּשאַפען די לאַגע וואס פאַרמיידעט צוויסטיגקייטען צווישען די ארבייטער; מיר ווילען איינ-פיהרען פּריווילעגיעס; זאָלען די אינטע-רעסען פון די ארבייטער זיין פאַרשיעדען, זאָל דאָס שטערען זייער האַרמאָני; וואס ווענינגער שלום עס וועט זיין צווישען זיי — אַלץ ווענינגער וועט זיין זייער מאַכט."

אין אנדערע ווערטער, די באַלעבאַטים ווילען שטערען די איינינקייט צווישען די יוניאָן ארבייטער. שטעלט זיך פאַר וואס עס וועט פּאַסירען אין א שאַפּ, ווען די ארבייטער זאָלען באַרויבט ווערען פון זייער רעכט אויף גלייכער צוטיילונג פון דער ארבייט? לאָמיר זאָגען אַז אין א שאַפּ זיינען באַשעפטיגט פינף און צוואַנ-ציג ארבייטער און עס איז דאָ ארבייט וואס טרעפט אָן אויף צוויי הונדערט און פופציג דאָלאַר. לויט דער רול פון גליי-כער צוטיילונג פון דער ארבייט וואלט יעדער ארבייטער געקראָגען ארבייט אויף צעהן דאָלאַר דורך דער וואָך. לויט די באַלעבאַטים'ס נייע פאָדערונג וואלט זעהר מעגליך פּאַסירט דאָס פאָלגענדע: צעהן ארבייטער וואָלטען געמאַכט צו צוואַנציג דאָלאַר א וואָך און די איבעריגע פופצעהן ארבייטער, צו דריי דאָלאַר א וואָך. ווער וואלט עס געווען צווישען די גליקליכע? די וואס זיינען דעם באַלעבאָס' חסידים, וואס זאָגען קיין מאָל ניט א הויך וואָרט, וואס פאַרערען ניט וואס זיי קומט, וואס טוען „וואס טאַטע-מאַמע, גוטע-לייט, באַ-לעבאַטים און פאַרלייטע הייסען זיי."

ווער וואלט געווען צווישען די פופ-צעהן? די וואס זיינען אין פרייען קאַמי-טעס, וואס געהען צו מיטינגען, וואס פיה-לען אַז זיי זיינען מענשען און וואס באַ-שטעהען אויף וואס עס קומט זיי. זיי נאַטירליך וואָלטען געווען די ניט-געווינש-טע בירגער.

וואס פאַר א געפיהל וואָלטען דאַן הערשען צווישען די גליקליכע צעהן מיט די פאַרשטויסענע פופצעהן?

די געפיהלען ניט פון יוניאָן לייט, ניט פון פריינד, נאָר פון שונאים. די פופ-צעהן וואָלטען געפיהלט אַז די צעהן נע-מען אוועק זייער טייל פון דעם ביסען ברויט, אַז זיי, צוזאַמען מיט די בעלי בתים שטעהען אויף איין זייט פון פאַרקען און די פופצעהן אויף דער אנדער זייט. די מאַכט פון די ארבייטער וואלט געוואָ-רען צוטיילט אויף צוויי און איין טייל

פראַנץ מעהרינג

פון דר. אסתר לוריע.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 7, 1919, as required by the Act of Congress, apprroved Oct. 6th, 1917, knowa as the "Trading with the Enemy Act."

ווידער א נעקראלאג, ווידער א פאר-לוסט, ווידער איז געשטארבען א סאציא-ליסטישער פיהרער, און ווידער האט דאס פאסירט אין דייטשלאנד. דעם מאל אבער איז דער טויט ניט אזוי טראגיש, אבוואהל דער פארלוסט איז אזוי גרויס. פראנץ מעהרינג איז געשטארבען אין עלטער פון 72 יאהר, פון א קראנקהייט. ער האט באלאנגט צו איין דור מיט ווילהעלם ליעבקנעכט, בעבעל, זינגער און אנדע-רע. אין די סאציאליסטישע רייהען איז ער אבער אריינגעטראטען שפעטער פון זיי.

מעהרינג איז געווען א מאן פון פע-דער. אין זיין שרייבער טאלאנט איז געלעגען זיין גאנצע קראפט. אלע זיינע פעהיגקייטען האט ער קאנצענטרירט אין דער פעדער. מעהרינג איז געווען א טעמפעראמענטפולע, טיעפע נאטור, א ליידענשאפטליכער קעמפפער. דעם קאמף האט ער געפיהרט מיט דער פעדער. מעה-רינג איז געווען אן אקאדעמיקער, א טעא-רעטיקער, א וויסענשאפטס-פארשער און גריבלער. אויך די ארבייט פלעגט ער פיהרען מיט דער פעדער. מעהרינג איז געווען א ליידענשאפטליכער היסטאריקער. מיט ליעבע און פייער פלעגט ער זיך אריינטאן אין די געשיכטליכע פארשונגען, די פארגאנגענהייט פלעגט ער אויפלעבען, אין די טויטע בוכשטאבען פלעגט ער איינ-שפריצען גייסט און נשמה. ער האט באשאפען די געשיכטע פון דער דייטשער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי, — א מייסטערווערק. זיין פעדער האט פון שטיקלאך און ברעקלאך, פון דאקומענ-טען און פראטאקאלען געשאפען אן אונ-שטערבליך ווערק. צוליעב זיין פעדער איז ער געווארען א באקאנטע פיגור. צו-ליעב זיין פעדער האט מען איהם ליעב געהאט און געהאסט. פאר זיין פעדער האבען געציטערט זיינע פיינד.

מעהרינג איז געבארען אין דער דייט-טשער פראווינץ, פאמעראניען. די שעה-נע געגענד איז די היימאט פון גרויסע דייטשע פאעטען און נאציאנאליסטען. די פאעזיע איז פאר מעהרינגען געבליבען זיין גאנץ לעבען זיין ליעבלינגס-באשעפטי-גונג. ער איז אייגענטליך געווען דער יעניגער טעארעטיקער, וועלכער האט אוועקגעשטעלט די ליטעראטור אויף'ן מארקסיסטישען באדען. ער האט ער-קלערט די ליטעראריש שטרעמונגען אין צוזאמענהאנג מיט דער עקאנאמיש-פא-ליטישער לאגע אין לאנד. ער האט אנ-געפאנגען זיין טעטיגקייט אויף דיעזען געביט מיט אן ארטיקעל וועגען לעסינגען. לעסינג, דער גרויסער דייטשער דראמא-טורג, איז די באליעבטעסטע פערזאן אין דייטשלאנד. אפילו היינע, וועלכער האט מיט זיין צינגעלע קיינעם ניט געשאנע-וועט, האט איהם ניט געטשעפעט. אויך מעהרינג האט ליעב געהאט און געאכטעט לעסינג'ען. דאס האט איהם ניט גע-שטערט צו ווייזען, אז די דייטשע קריי-טיקער פארשטעהען איהם ניט ריכטיג. די ליטעראטור בפרט און די קונסט בכלל האט געצויגען מעהרינג'ס אויפמערקזאמ-קייט. אינטערעסירענדיג זיך מיט דער קונסט, האט איהם באשעפטיגט די פרא-גע: וואס האט דער פראלעטאריאט בא-שאפען אויף דיעזען געביט? אין דער „נייער צייט" האט ער אנגעפיהרט א גייסטרייכע פאלעמיק וועגען דיעזער פרא-גע.

מעהרינג איז געווען א זוהן פון א בור-זשואזער פאמיליע. אן ערציהונג האט ער געקראגען א בורזשואזע, א בילדונג אן אקאדעמישע. דער טעמפעראמענטפולער, הייס-בלוטיגער מעהרינג איז ניט געווען צופריעדען מיט'ן אלטעגליכען לעבען. ער איז געווען אן אידעאליסט. עס האט אבער אפגענומען געניג צייט, ביז ער איז געווארען א מיטגליעד פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי. אין עלטער פון עטליכע און צוואנציג יאהר איז ער געווארען א מיטגליעד פון דער בירגער-ליכער דעמאקראטישער פארטיי, דיעזע פארטיי, וועמעס פיהרער יאקאבי איז גע-ווען, איז געווען ראדיקאל. איהרע מיט-גליעדער האבען סימפאטיזירט מיט די סאציאליסטישע אידעען און זיינען גע-שטאנען אין פערזענליכען און גייסטי-גען פארקעהר מיט די פיהרער פון דער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי. די מיטגליעדער פון דער בירגערליכער דע-מאקראטיע זיינען געווען אידעאליסטען, גייסטרייכע געבילדעטע מענשען. בעבעל און ליעבקנעכט האבען סימפאטיזירט מיט דיזען קרייז און פלעגען זיך טרעפען מיט די באדייטענדע מיטגליעדער פון דיזער פארטיי. לויט'ן דייטשען מנהג פלעגען זיי זיך טרעפען אין א רעסטאראן ביי א גלאז ביער. ביים ביער פלעגען פארקו-מען די היציגסטע דעבאטען, און ניט איין מאל פלעגט פאסירען, אז ארויסגע-הענדיג פון רעסטאראן, האט די קאמפא-ניע איבער א נייס אנגעהויבען צו דעבא-טירען. מען פלעגט דאן אריינגעהן אין א צווייטען רעסטאראן און פארטזעצען די ארבייט ביי א גלעזעל ווײן אדער א קופל ביער. די דעבאטען פלעגען זיך אפט ציהען ביז פריהמארגען. דער עולם פלעגט אריינטרונקען אין דער זעל-בער צייט. בעבעל איז געווען א קנאפער טרינקער, ליעבקנעכט פלעגט קענען אריינגיסען, און מעהרינג האט גאר גע-טויגט אויף די זאכען.

די בירגערליכע דעמאקראטען האבען ארויסגעגעבען א צייטשריפט „די צו-קונפט". גוידא ווייס איז געווען דער רעדאקטאר פון דיזער צייטשריפט. ווע-גען ווייס'ען האט זיך מעהרינג אויסגע-דריקט אויף די בלעטער פון דער „נייער צייט", אז „ער באלאנגט צו די בעסטע סטיליסטען פון 19טען יאהרהונדערט." ווייס איז געווען פאר מעהרינג'ען אן אי-דעאל אין זשורנאליסטיק, פון איהם האט ער זיך געלערענט. דער לעהרער האט אבער געפונען; אז דער שילער האט איהם איבערגעשטיגען. ווייס פלעגט זיין ענט-ציקט פון מעהרינג'ס ארטיקלען, ניט קו-קענדיג אויף דעם וואס ער איז ניט גע-ווען מיט איהם איינפארשטאנען פרינצי-פיעל. „די צוקונפט". און די וואכענ-צייטשריפט „וועג", האבען לאנג ניט עק-זיסטירט. דיזע ארגאנען זיינען געווען פון פיינעם סטיל, פון די ראדיקאלסטע אידעען, און זיינען חוץ דעם אויך געווען קאמפפס-ארגאנען. אזוי איז „די צו-קונפט" ארויסגעטראטען מיט א פרא-טעסט געגען בעבעל-ליעבקנעכטס ארעסט, דעם פראטעסט האבען באגלייט הונדערט אונטערשריפטען. מעהרינג איז געווען צווישען די אונטערגעשריבענע. דאן האט די רעגירונג פארמאכט „די צוקונפט" און „דעם וועג". מעהרינג איז געווען א מיטארבייטער פון דיעזע צייטשריפטען. אזוי ווי פון זשורנאליסטיק האט ער גע-מאכט א לעבען, האט ער געמוזט שריי-בען אין א ווענינער ראדיקאלען ארגאן. ער איז געווארען דער בערלינער קארעס-פאנדענט פון דער „פראנקפורטער ציי-טונג". מעהרינג האט ניט געענדערט זיין וועלטאנשויאונג, ער האט בלויז געביטען די צייטשריפט, און דאס האט געהאט א גרויסע באדייטונג. „די צוקונפט" און דער „וועג" האבען געהאט א קליינעם קרייז לעזער, די פראגרעסיווסטע און גע-בילדעטסטע. „די פראנקפורטער ציי-טונג" האט געהאט א פיעל טיעפערען קרייז. מעהרינג'ס ארטיקלען האט מען אבער געלעזען צוליעב זיין סטיל, צוליעב זיין טעמפעראמענט, צוליעב זיין גייסט. צוליעב דעם זיינען די ארטיקלען געווען א גוטער פראפאגאנדא מיטעל. דיזע אר-טיקלען האבען אויך געזוכט די סאציא-ליסטישע פיהרער, ווייל זיי פלעגען גע-בען א גרויסארטיגעס בילד פון קולטורע-לען און סאציאל-פאליטישען לעבען אין בערלין. אין א צייט שפעטער טרעט מעהרינג ארויס פון דער צייטונג, און ווערט א מיטגליעד פון דער סאציאלדע-מאקראטישער פארטיי.

מעהרינג איז געווען א שטימונגס מענש, א העפטיגע נאטור, א היץ-קאפ. ער פלעגט שנעל ווערען באגייסטערט פון א זאך, פלעגט אבער אויך אפט אבקיה-לען. דאס האט אויך פאסירט אין בא-צוג צו דער סאציאלדעמאקראטישער פאר-טיי. ער טרעט ארויס, און איז א לאנגע צייט איהר געגנער. דאן ווערט ער א מיטארבייטער פון דער „פאלקסצייטונג." ער ארבייט דא לאנג, ביז ער טרעט ארויס צוליעב אן אינצידענט. א באוואוסטע בערלינער אקטריסע ווערט גע'משפט, מעהרינג טרעט ארויס עפענטליך פאר איהר. לינדאו, דער באוואוסטער דרא-מאטורג, איז דאן געווען דער אלמעכ-טיגער. ער איז געווען געגען דער אק-טריסע, און צוליעב איהם מוז מעהרינג ארויסטרעטען פון „פאלקסצייטונג."

מעהרינג איז געווען א העפטיגע נא-טור, אבער אן עהרליכע. ער איז ארויס-געטראטען פון דער סאציאלדעמאקראטי-שער פארטיי, האט געשריבען געגען איהר, געשריבען אבער, וואס ער האט געמיינט. ווען ער האט באארבייט זיין געשיכטע פון דער סאציאלדעמאקראטישער פאר-טיי האט די רעגירונג איהם געוואלט אונ-טערקויפען, אז ער זאל איינינע פאסירונ-גען באלייכטען, ווי זי האט געוואלט. ניט מעהרינג'ן אבער האט מען געקענט אונ-טערקויפען.

מעהרינג איז געווען פריהער ווי אלץ א פען-מענש. זיינע פראגרעסיווע אר-טיקלען פלעגט ער ארויסזאגען אין די צייט-שריפטען, אין וועלכע ער האט געארבייט. די סאציאליסטישע פארטיי האט נאך ניט געהאט איהרע פעריאדישע צייטשריפטען, ווייל די רעגירונג האט דאס ניט ער-לויבט. אין די ניינציגסטע יאהרען אבער האט מען יא געקענט ארויסגעבען פעריא-דישע צייטשריפטען. מעהרינג האט דאן געזעהן, אז בלויז אין דער סאציאליסטי-שער פרעסע וועט ער קענען רעדען גאנץ פריי, בלויז דארט וועט ער קענען זאגען דעם ריינעם אמת, און ער ווערט ווידער א מיטגליעד פון דער פארטיי. די פאר-טיי ווידער האט געזעהן, אז אזעלכע זשור-נאליסטען ווי מעהרינג האט זי ווענינ, און זי האט איהם איינגעלאדען צו רעדאק-טירען די „לייפציגער פאלקס-צייטונג", וועלכע געהערט צו די אנגעזעהענסטע סא-ציאליסטישע טעגליכע צייטונגען. מעה-רינג איז אויך געווען א צייט דער רעדאק-טאר פון דער „נייער צייט" און צעהנ-דליגע יאהרען איינער פון די נאהענטסטע מיטארבייטער, די רעכטע האנד פון דעם ארגאן. וועגען זיינע ארטיקלען האט זיך בעבעל אויסגעדריקט אויף א פארטיי טאג, „פיעלע פון מעהרינג'ס ארטיקלען געהע-רען צו די פערל פון דער דייטשער זשורנאליסטיק.

מעהרינג איז געבליבען זיין גאנצעס לעבען א העפטיגע נאטור, א שטימונגס-מענש. מיט דער רעדאקציע פון דער „נייער צייט" האט ער זיך ניט געקענט איינלעבען. די לעצטע האט פון דעסט-וועגען איהם צוליעב דעם ניט געשאצט ווענינער. פונקט מיט צוויי יאהר צוריק האט די רעדאקציע געפייערט זיין 70-יאהריגען געבורטסטאג.

העפטיג איז מעהרינג געווען ניט בלויז אין כאראקטער נאר אויך אין ארבייט, און צוליעב דעם איז ער געווען אזוי פרא-דוקטיוו, צוליעב דעם האט ער געשאפען אזוי פיעל — סיי קוואנטיטאוו, סיי קוואליטאטיוו.

די פעהיגסטע, די טאלאנטפולסטע גע-הען אוועק. זיי געהען אוועק אין א גרע-סערער צאהל, ווי עס קומען אן פרישע טאלאנטען. מיר ווילען האפען, אז פריי-שע קרעפטען וועלען קומען אין א גענוי-גענדער צאהל.

א באגריסונג.

ווערטער רעדאקטאר:

איך בין ניט קיין איבעראיילטער מענש און האב מיך צוריקגעהאלטען פון צו שרייבען לעצטע וואך. איך האב מיר געטראכט: לאמיר ווארטען נאך א וואך צייט און זעהן וואס איז דאס פאר א מין באשעפעניש, די „גערעכטיגקייט". ווייל דעם אמת זאגענדיג, איבערלעזענדיג די לעצטע נומערן „נייע פאסט" און „גלייכ-הייט" און דערזעהענדיג, אז זיי מוזען אפטרעטען זייער פלאץ דער „גערעכטיג-קייט", האט מיר פשוט פארקוועטשט ביים הארצען. פארט, ווי זאגט מען עפעס, אזוי פיעל יאהרען צוזאמען, און שוין אזוי צוגעוואוינט געווען ווי מיט אן אייגענעם מענשען, און עס האט זיך אויסגעדוכט, אז אזוי וועט דאס שוין אייביג זיין און אז בעסערס קען שוין גאר ניט זיין. מיט א מאל נא דיר, די „גערעכטיגקייט" איז דא! איך קלעהר ביי זיך: וואס פאר א גערעכטיגקייט קען דאס שוין זיין, אז עס קומט צוגעהן, מיר ניט, דיר ניט, און שלינגט איין צוויי ארבייטער-צייטונגען מיט א מאל? אט דערפאר האב איך גע-פיהלט א חשק גוט אנצוזידלען די „גע-רעכטיגקייט".

אבער איבערלעזענדיג די פאר נומערן „גערעכטיגקייט", איז ביי מיר דער גאנצער כעס אוועק. און איך בענק שוין ניט מעהר נאך יענע דערמאנטע צייטונ-גען און ווארט שוין מיט אונגעדולד אויף יעדען נומער „גערעכטיגקייט".

אייך, פריינד רעדאקטאר, וועל איך קיין קאמפלימענטען ניט געבען. איהר וועט דאס קריגען נעקסטען יאהר, אויב איהר וועט ווערט זיין, נאר דער „גערעכ-טיגקייט" ווינש איך ערפאלג אין פאר-אייניגען די גאנצע אינטערנעשאנאל מעמ-בערשיפ אין איין באנד, שטארק ווי א פעלז.

פון אנפאנג איז מיר דער נאמען „גע-רעכטיגקייט" ניט געפעלען געווען, ווייל עס איז צו רעש'דיג. נאר אז ער איז שוין דא, זאל עס זיין מיט מזל.

ה. וויינער,
מעמבער פון לאקאל 35.

— אך, די האנד טוט אזוי וועה. מסתמא וועט איהר אויך וועלען זי בא-קוקען.

— צו וואס? — האט דער סטודענט געענטפערט. — טרינקט טעע.

טרינקענדיג דעם טעע, האט נינא אלץ געזיפצט:

— אוי, ווי עס טוט וועה! איך ווייס, איהר זייט ניט ווי די אנדערע, אייך גע-טרוי איך. אפשר וואלט איהר א קוק געטאן און געזאגט מיר וואס צו טאן?

— צו וואס? איך בין דאך ניט קיין מעדיקער.

— באקוקט פארט, — האט נינא גע-ענטפערט איינגעשפארט און זי האט אויסגעטאן איהר בלוזקע.

— יא, א סיניאק, — האט דער סטו-דענט געזאגט און ווייטער גענומען זיך צום לעזען.

נינא איז געבליבען זיצען מיט דער נאקעטער פלייצע.

— איהר וועט זיך נאך פארקיהלען. טוט זיך בעסער אן.

נאך א לענגערען שווייגען האט נינא מיט א ציטערנדיגער שטימע זיך געווענדט ווידער צום סטודענט:

— דער לומפ האט מיר אויך א קניפ געטאן אין די קני. ווייזען אייך? — און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער, האט זי אנגעהויבען אויפצוהויבען איהר קלייד.

דער סטודענט האט איהר איבערגע-...

צו וואס, נינאטשקא! איהר וועט דאך דארפען זיך אויסטאן אויך די זאקען און איהר קענט זיך פארקיהלען. דערצו פארשטעה איך גאר ניט אין מעדיצין. טרינקט בעסער טעע. — און דער סטו-דענט האט זיך ווייטער פארטיעפט אין זיין לעזען.

מיט א טיפען זיפץ האט זיך נינא אויפגעהויבען פון איהר ארט און געזע-גענט זיך מיט'ן סטודענט.

צוריקקומענדיג אין איהר צימער, האט זיך נינא געזעצט אויף איהר בעטעל און ארונטערלאזענדיג איהר קאפ, האט זי טרויעריג ארויסגערעדט:

— א, ס'ארא לומפען די מענער זיי-נען! אפילו קיין איין ריכטיגער איז צווי-שען זיי ניט פאראן!

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאקאלס

ווען א מעמבער ערהאלט ניט די צייטונג, שיקט אונז באלד צו זיין אדרעס אויף די ספעציעלע סליפס, וואס איהר האט ערהאלטען פון אונזער רעקארד דעפארטמענט.

איהר מוזט אבער אויך אנגעבען זיין גע-וועזענעם אלטען אדרעס. דאס איז נויטיג, כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט און אום צו האבען א בעסערען קאנט-ראל איבער אונזער מיילינג ליסט.

אכטונגספאל,
עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

די סטרייק־באוועגונג אין ענגלאנד און איהרע אורזאכען

פון א. זעלדין.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Feb. 7, 1918, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די לאגע, וואָס איז געשאפען געוואָרען פון דער סטרייק־באוועגונג אין ענגלאנד, איז, ווערט פארזיכערט אין די צייטונגס־דעפעשען, זעהר אן ערנסטע. דער סטרייק־פיבער, ווערט איבערגעגעבען, פאַרשפּרייט זיך כמעט איבער'ן גאנצען לאנד און די רעגירונג איז זעהר פאר־זאָרגט. בעלפאסט, די גרעסטע אינדוס־טריעלע שטאָדט אין אירלאנד, איז אינ־גאנצען אונטער דער קאָנטראָל פון א סטרייק קאָמיטע, וועלכע גיט ארויס אן אייגענע צייטונג און האָט אָרגאניזירט אן אייגענע פּאָליציי. די שטאָדט־בעאמטע האָבען ווילענדיג ניט ווילענדיג זיך גע־מוזט צייגען פאר דער סטרייק קאָמיטע און דער פּאָליציי־מייסטער פון בעלפאסט נעהמט אָרדערס פון דער סטרייק קאָמי־טע. עס איז געמעלדעט געוואָרען, אז ווען סטרייקער געהען אָפּשניידען די עלעקטרישע באלייכטונג פון א האָטעל, געהען מיט זיי מיט עטליכע פּאָליסליים. אָט דער פאקט אליין אילוסטרירט אם בעסטען די לאגע.

נעקסט צו בעלפאסט איז גלאזגאָ, די הויפּט־שטאָדט פון סקאָטלאנד, דער שטורם צענטער פון דער סטרייק־באוועגונג. דער סטרייק דאָרט האָט פארקריי־פּעלט איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען אין שטאָדט, און אין גאנץ ענגלאנד, — די שיף־בוי אינדוסטריע. דאָרט איז שוין געקומען צו צוזאמענשטויסונגען צווישען דער רעגירונג מיט די סטרייקער. די רעגירונג האָט אריינגעשיקט אהין צעהן טויזענד סאָלדאטען, וועלכע האַל־טען דאָרט אָרדנונג. עטליכע סטרייק־פיהרער זיינען דאָרט ארעסטירט געוואָ־רען נאָך א געשלעג מיט דער פּאָליציי, פון וועלכען עס זיינען דאָ פארוואונדעטע פון ביידע צדדים. די פּאָליציי האָט גע־קעמפּפט מיט באטונען, אָדער מיט גראָ־בע שטעקענס, און די סטרייקער האָבען געקעמפּפט מיט פלעשער, ציגעל און אנ־דערע אזעלכע וואפען.

אין די איבריגע טיילען פון ענגלאנד סטרייקען קויהלען־גרעבער, אינזשינירען, עלעקטרישענס און אנדערע. א האלבער מיליאָן אייזענבאהן־ארבייטער האָבען גע־שטעלט אן אולטימאטום, אז אויב זייע־רע פאָדערונגען וועלען ניט נאָכגעגעבען ווערען ביז דעם 9טען פעברואר, וועלען זיי ארויס אין א גענעראל־סטרייק. די בעקער קלייבען זיך אויך סטרייקען און אז. וו., און אז. וו.

דאָס זיינען די פאקטען, וואָס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין די טעגליכע צייטונגס־דעפּעשען. די פאקטען ריידען פאר זיך אליין און פון זיי זעהט זיך אָן, אז דער געשריי, דאָס די לאגע איז אן ערנסטע, איז ניט קיין איבערטריבענער. אָבער ווענען איין זאך פארשווייגען מערקווירדיגערווייזע אלע צייטונגס דע־פּעשען, און דאָס איז ווענען דער הויפּט־פאָדערונג פון די סטרייקער. לייענענדיג די באריכטען אין די טעגליכע צייטונ־גען, קען מען מיינען, אז די סטרייק־באַ־וועגונג איז דער רעזולטאט פון דעם גע־וועהנליכען סכסוך צווישען ארבייטער און זייערע באַלעבאטים פאר וויידזשעס, שטונדען און ארבייטס־באדינגונגען. דאָס קען זיין איז אפשר אמת אין מאנכע איינ־צעלנע פעלע, אָבער עס איז זיכער ניט אמת וואָס אנבאלאנגט דעם כאראקטער פון דער באוועגונג אלס א גאנצע. אין פילע פעלע, ווערט איבערגעגעבען, סטרייקען די ארבייטער פאר קיינע פון די אויבען־אויסגערעכנטע פאָדערונגען. זייער הויפּט פארלאנג, ווערט איבערגע־געבען, איז צו רעוואָלוציאָניזירען דעם טרייד יוניאָניזם. עס ווערט אויך אי־בערגעגעבען, אז די סטרייקער זיינען גע־קומען אין קאָנפליקט מיט די אנערקענ־טע יוניאָן־פיהרער. וואָס אייגענטליך זיי ווילען ווערט ניט געמעלדעט.

דעם שליסעל צו דער מערקווירדיגער ערשיינונג געפינען מיר אָבער אין דער ידיעה, אז שולדיג אין דער גאנצער סטרייק־באוועגונג זיינען די „שאָפּ סטיו־ארדס", אָדער די „יונגע הייז־קעפּ". דאָס ערקלעהרט שוין די גאנצע אנגעלעגענ־הייט; דאָס ערקלעהרט שוין דעם סכסוך צווישען די אלטע יוניאָן־פיהרער און די נייע סטרייק־פיהרער, און דאָס ערקלערט אויך, ווארום די ענגלישע רעגירונג האָט באשלאָסען ניט צו מישען זיך אין דעם סכסוך און אויף זיך גענומען בלויז די אויפגאבע אויפצוהאלטען אָרדנונג.

די איצטיגע סטרייק־באוועגונג אין ענגלאנד אונטער דער לייטונג פון די „שאָפּ־סטיוארדס", איז ניט בלויז א באַ־וועגונג פאר וויידזשעס און שטונדען, נאָר צו רעוואָלוציאָניזירען די גאנצע סיסטעם פון דער פּראָדוקציאָן. דאָס איז א באַ־וועגונג צו קריגען פאר דעם ארבייטער אין ענדציעל דעם קאָנטראָל איבער די אינדוסטריען. ביי דעם איצטיגען מאָ־מענט, זעהט אויס, איז דער קאמפּף פאר דער אָפּיציעלער אנערקענונג פון די „שאָפּ סטיוארדס", אָדער די אינדוסט־ריעלע סאָוועטען.

די „שאָפּ סטיוארדס" באוועגונג איז אויסגעוואקסען און האָט זיך ענטוויקעלט אין ענגלאנד אין דער צייט פון דער מלחמה. די מלחמה, וואָס האָט אויפגע־טרייסעלט די אלטע עקזיסטירענדע אָרד־נונג ביז צום פונדאמענט, האָט אויך אויפ־געטרייסעלט די אלטע ענגלישע טרייד־יוניאָנס. צוליעב די נויטען פון דער מלחמה זיינען די ענגלישע ארבייטער־יוניאָנס געוועזען געצוואונגען צו ענטזאגען זיך פון א סך פריווילעגיעס און זיי האָ־בען געמוזט אריינגעהמען אין זייערע רייהען אזעלכע עלעמענטען, וואָס זיינען פריהער געשטאנען אויסער דער אָרגאני־זירטער ארבייטערשאפט. כדי צו פאר־גרעסערען די פּראָדוקציאָן, האָבען די ענג־לישע ארבייטער ערלויבט איינצופיהרען נייע, ארבייט־שפּאָרענדע מאשינען, און דאָס האָט אויך מעגליך געמאכט פאר א סך ניט־געלערענטע ארבייטער אריינצו־קומען אין אזעלכע אינדוסטריען, אין וועל־כע פריהער האָבען געקענט ארבייטען בלויז געלערענטע ארבייטער. דאָס אריינ־קומען פון די ניט־געלערענטע ארבייטער אין א גרויסער צאָהל אין די אזוי גע־רופענע „סקילד" אינדוסטריען האָט אָפּ־געשוואכט דעם קאָנטראָל פון די געלע־רענטע ארבייטער איבער די אינדוסטריען און דערמיט איז אויך שוואכער געוואָרען די מאכט פון די טרייד יוניאָנס. די נייע עלעמענטען, וואָס זיינען אריין אין דער אינדוסטריע, וועלען דאָרט בלייבען. זייענדיג פריהער באזייטיגט פון די בע־סער־באצאָהלטע ארבייטער - פּראָפעסיעס און שטעהענדיג איצט אין געפאהר צו פארלירען זייער ניי־ערוואָרבענעם פּלאַץ אין דער אינדוסטריע, זיינען זיי נאטיר־ליך מעהר רעוואָלוציאָנער און מעהר ענט־שלאָסען צו קעמפּפען. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך וואָס זיי האָבען זיך פאר־איינינט מיט די ראדיקאלערע עלעמענטען אין דער ענגלישער טרייד יוניאָן באוועגונג און פון דער פאראייניגונג איז ארויס־געוואקסען די „שאָפּ סטיוארדס" באוועגונג.

די „שאָפּ סטיוארדס" ווערען מיט רעכט אנגערופען די אינדוסטריעלע סאָ־וועטען און זיי זיינען זעהר עהנליך צו די רוסישע סאָוועטען.

די אָרגאניזאציע פון די „שאָפּ סטיו־ארדס" איז ווי פאָלגט: יעדע אָפּטיילונג אין א פאבריק ערוועהלט איהר „שאָפּ סטיוארד" אָדער שאָפּ טשערמאַן. א פאבריק האָט געוועהנליך א סך אָפּטיי־לונגען און די ערוועהלטע פארשטעהער פון יעדער אָפּטיילונג בילדען מיט זיך א „סטיוארד קאָמיטע", וואָס פארטרעט די ארבייטער פון דער גאנצער פאבריק. די קאָמיטע פאַרהאנדעלט מיט דער פאר־וואלטונג ווענען אלע סכסוכים וואָס קע־נען פאָרקומען צווישען איהר און די אר־בייטער.

ווידער, אלע פאבריקען פון דער זעל־בער אינדוסטריע וועהלען פארטרעטער צו א קאָמיטע וואָס פארטרעט די ארביי־טער אין דער גאנצער אינדוסטריע, און אויף אזא אופן ווערט געשאפען אן אינ־דוסטריעלער סאָוועט וואָס פארטרעט די אינדוסטריע אלס א גאנצע, פונקט דער געגענזאץ פון די אלטע טרייד יוניאָנס, וואָס האָבען פארטראָטען בלויז איינצעל־נע טריידס אין דער אינדוסטריע. די „שאָפּ סטיוארדס" באוועגונג האָט אויף אזא אופן פארווירקליכט דעם שטרעבען פון די אינדוסטריעלניקעס, אָדער סינדי־קאליסטען צו שאפען איין גרויסע יוניאָן.

ביז איצט האָט די „שאָפּ סטיוארד"־באוועגונג געלעבט בשלום מיט דער אל־טער טרייד־יוניאָניסטישער סיסטעם. די מיטגליעדער פון די טרייד יוניאָנס האָ־בען געצאָהלט „דיוס" צו זייערע אָרגא־ניזאציעס און עס איז געשאפען געוואָרען א מין טאָפּעלטע סיסטעם פון פארטרע־טערשאפט. איצט איז געקומען צו א קאָנפליקט צווישען די „שאָפּ סטיוארדס" און די אלטע יוניאָנס. די אינדוסטריע־לע סאָוועטען האָבען פארוואָרפען די אָפּמאכונגען וואָס די טרייד יוניאָן לי־דערס האָבען געמאכט מיט די באלעבא־טים און האָבען ארויסגעשטעלט אנדערע פאָדערונגען. אין דעם אינזשינירינג טרייד פאָדערען די „שאָפּ סטיוארדס", אָדער די דירעקטע פארטרעטער פון די ארבייטער, א 40 שטונדיגע ארבייטס־וואָך, אנשטאָט די 47 שטונדיגע, לויט דעם אָפּמאך פון די אלטע יוניאן לידערס.

דער אינדוסטריעלער סאָוועט פון די אייזענבאהן ארבייטער פאָדערט א 36־שטונדיגע ארבייטס וואָך פאר טאג אר־בייטער און א 34 שטונדיגע וואָך פאר די נאכט ארבייטער, אנשטאָט די 48 שטונדיגע ארבייטס וואָך, וואָס איז בא־שטימט געוואָרען פון די יוניאן לידערס אין זייער אָפּמאך מיט די באלעבאטים.

דאָס כאראקטעריסטישע ווענען דער איצטיגער סטרייק באוועגונג איז וואָס דער הויפּט קאמפּף ווערט אנגעפיהרט פאר דעם פּרינציפּ פון אנערקענונג. די בא־לעבאטים ענטזאגען זיך צו אנערקענען די „שאָפּ סטיוארדס" אלס די בעפאָל־מעכטיגטע ארבייטער פארטרעטער און ווילען מיט זיי ניט פארהאנדלען. די רעגירונג האָט אויך אנגענומען דיזעלבע שטעלונג.

עס איז א צייכען פון דער צייט אז כדי צו באקעמפּפען די נייע געפאהר האָ־בען זיך די באלעבאטים און די רעגירונג געשטעלט אויף דער זייט פון די אלטע יוניאן לידער.

וואָס אנבאלאנגט די „שאָפּ סטיו־ארדס" זעהט זיך ניט אָן, אז זיי זאָלען שוין האָבען אויסגעארבייט אן אלגעמיי־נע פאָדערונג, נאָר יעדער אינדוסטריע־לער סאָוועט האָט זיינע אייגענע.

דער סאָוועט פון די אייזענבאהן אר־בייטער האָט אונטער דער אויבענדערמאָנ־טער פאָדערונג פון שטונדען נאָך א גרע־סערע און וויכטיגערע פאָדערונג און דאָס איז — גלייכע פארטרעטערשאפט אין די אייזענבאהן פארוואלטונגען, אָדער א גלייכע דעה מיט די באלעבאטים אין דער פארוואלטונג פון די אייזענבאהנען.

די שאָטלענדער סאָוועטען אויף א קאָנפערענץ אין גלאזגאָ האָבען ארויס־געשטעלט א פאָדערונג אז די רעגירונג זאָל געזעצליך איינפיהרען דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס טאג. וואָס די פאָ־דערונגען פון דעם בעלפאסטער סאָוועט זיינען איז גאָר ניט באקאנט.

פון אלע סמנים איז אָבער קענטיג, אז די „שאָפּ סטיוארדס" סטרייק באוועגונג אין ענגלאנד שטרעבט — באוואוסטזי־ניג, אָדער האלב באוואוסטזיניג, — אז די ארבייטער זאָלען קריגען דעם קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע, אָדער ווענינסטענס, צו א גלייכער דעה מיט די באלעבאטים פון דער אינדוסטריע.

אך, די מענער!

פון ארקאדי אווערטשענקא.

1.

דער אלטער מישקין האָט אריינגע־רופען צו זיך אין אָפיס זיין טייפּרייטע־רין נינאַ און איבערגעגעבען איהר א פּאַק פּאַפּירען צו טייפּרייטען. נינאַ איז גע־ווען א פולינקע מיידעל מיט א הויכער ברוסט. ווען זי האָט שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן, האָט דער אלטער איהר נאָכגעפרעגט, צי עס טוט איהר ניט וועה די ברוסט, ווען זי ארבייט אויף דער מאשין און דערביי זשערנע באקוקט די פיגור פון'ם מיידעל.

— ניין, עס טוט ניט וועה, — האָט נינאַ געענטפערט.

— זעהר גוט. זאָגט, איז אייך ניט קאלט?

— פאַרוואָס זאָל מיר זיין קאלט?

— אָט טראָגט איהר אזא דינע בלוז־קע. מען זעהט ביי אייך די הענד ארוים. ס'ארא שעהנע הענד איהר האָט! האָט איהר מוסקולען?

— לאָזט מיינע הענד צורוה!!

— טייערינקע, איין מינוט בלויז... וואָס רייסטו זיך אזוי שטארק? טייע־רינקע...

— לאָזט גלייך אָפּ מיין האנד! מיר טוט וועה! ווי וואָגט איהר, לומפּ איינער, אזוי זיך מיט מיר באגעהן!

זי האָט זיך פון זיינע הענד ארויסגע־ריסען און צוגעלאָפען צום שראנק און נעהמענדיג איהרע זאכען איז זי ארויס פון אָפיס. אויף דער גאס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט טראכטענדיג צו וועמען זיך צו ווענדען אנצולערנען דעם אלטען לומפּ. זי האָט באשלאָסען צו געהן צו אן אד־וואָקאט.

2.

אויסהערענדיג זי, האָט דער אדוואָ־קאט באמערקט:

— ס'ארא לומפּ דאָס איז! און דער־צו אזא אלטער.

— קען מען איהם ניט פארשיקען נאָך סיביר? — האָט געפרעגט נינאַ.

— נאָך סיביר ניט. אָבער עפּעס טאָן מיט איהם קען מען. האָט איהר עדות אָדער שפּורען פון דער פארגוואל־טונג?

— געוויס! ער איז באגאנגען גע־גען מיר א שרעקליך פארברעכען: ער האָט מיך אנגעכאפּט פאר דער האנד. מסתמא איז פאראן א סימן.

— ווייזט. זייט אזוי גוט, טוט אויס אייער בלוזקע.

— אָבער איהר זייט דאָך ניט קיין דאָקטאָר!

— אלץ איינס. אָפט טרעפען זיך צוזאמען די פונקציאָנען פון אן אדוואָ־קאט מיט א דאָקטאָר.

נינאַ האָט פארשעהמט אנגעהויבען אויסצוטאָן דאָס יאַקעל. דער אדוואָקאט האָט אנגעהויבען צו באטראכטען איהר האנד.

— און דאָס, — האָט דער אדוואָ־קאט געזאָגט, טאַפּענדיג מיט זיינע פינ־גער אונטער איהר אָרעם. — איז דאכט זיך די ברוסט. יאָ?

— לומפּ! — האָט נינאַ אויסגע־שריען און אנגעהויבען זיך אויף גיך אנ־צוטאָן.

ארויסלויפענדיג אויף דער גאס האָט נינאַ געטראכט, ס'ארא נאר זי איז: צו וואָס איז זי געגאנגען צו אן אדוואָקאט, פאר וואָס איז זי גלייך ניט געגאנגען צו א דאָקטאָר?

3.

דער דאָקטאָר איז געווען אן אלטער סאָלידער מאַן און ער האָט גענומען א טיפען אנטייל אין איהר לאגע און האָט געשאָלטען איהר באלעבאָס, דעם אדוואָ־קאט. באטראכטענדיג איהר פולע פיגור האָט ער געזאָגט איהר:

— טוט זיך אויס.

זי האָט זיך אויסגעטאָן דאָס יאַנקעל און געוויזען איהם איהר האנד.

— ביטע, טוט זיך אויס אין גאנצען.

— אָבער צו וואָס? — איז נינאַ רויט געוואָרען. — ער האָט מיך בלויז אנגעכאפּט פאר דער האנד.

— דערפאר ווייל איך דארף אייך מע־דיציניש באטראכטען.

אָבער דאָ איז געשעהן אזוינס, אז ניט נאָר מעדיציניש, נאָר אפילו אין גאנצען טראכטען האָט דער דאָקטאָר ניט געקענט פאר א לענגערער צייט, ווייל נינאַ האָט איהם א זעץ געטאָן אין פנים און צו־בראָכען אויף איהם זיין פענסנע.

— אך, ס'ארא לומפּען די מענער זיי־נען! — האָט נינאַ געמורמעלט ארויס־לויפענדיג פון דאָקטאָר.

4.

אין אָוועגד איז נינאַ געזעסען אין איהר צימער און געוויינט. איהר איז געווען שווער און זי האָט געזוכט א מענ־שען פאר וועמען זי זאָל קענען אויס־דערצעהלען איהר שווער הארץ. זי איז אריבערגעגאנגען צו איהר שכן, א בא־קאנטען סטודענט פון נאטור־וויסענשאפט־ליכען פאקולטעט, וואָס פלעגט שטענדיג זיצען איבער ביכער.

דער סטודענט האָט זי מיט פרייד בא־געגענט און איהר פארגעלעגט טעע מיט וואורשט.

— מיך האָט מען היינט באליידיגט,
— האָט נינאַ געזאָגט אוועקזעצענדיג זיך.

— ווער?

— דער באלעבאָס, אן אדוואָקאט, א דאָקטאָר. איינער האָט מיך אנגעכאפּט פאר דער האנד און די איבעריגע האָבען זיך גלאט געטשעפּעט.

— אזוי, — האָט דער סטודענט גע־ענטפערט לעזענדיג ווייטער. — דאָס איז ניט גוט.

בעל. ער האט געוואלט שאפען „קאמפאני" פאר זיינע פארצווייפעלטע ברוים נעבער, וועלכע זעהען שוין איין וואו ער האט זיי אריינגעפיהרט. ער האט געוואלט מיט דעם „שטארקען זייערע הערצער", ווי מיט יום כפור טראפענס, זיי זאלען, חלילה, זיך ניט כאפען צוריק און ארויס פון זיין בלאטע.

ווי איהר זעהט, אבער, זיינען די פילא-דעלפיאר ווייסט מאנופעקטשורערס קלוגער פון איהם, זיי האבען פארשטאנען זיין כונה און ער האט זיך נעבעך, געמוזט אפטראגען פון דארטען מיט גאר ניט. ארימער מר. גארדאן!

* * *

די לעצטע עראייגניסע אין דער סקוירט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 23.

וועגען דער סקוירט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 23, שרייבט אימער ה. וואנדער, אונזער וויס פרעזידענט און מענדזש. פון לאקאל 23. איצט אבער איז ער זעהר פיעל פארנומען מיט'ן ווייסט און דרעס סטרייק און עס קומט מיר אויס צו שרייבען וועגען „זיין" לאקאל יוניאן. ער האט הלויז געקענט אפרייסען א פאר מינוט צייט צו געבען מיר דעם מאטע-ריאל אויף צו שרייבען.

* * *

די סקוירט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 23, איז דער איינציגער לאקאל אין דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן וואס קומט אין א גאנץ נאהענטער באריהרונג מיט דער ווייסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25, וואס איז איצט אין סטרייק. א חוץ סקוירט שעפער קאנטראלירט אויך דער לאקאל, דורכ'ן דזשאינט באארד, נאטירליך, פיע-לע דרעס שעפער און דער דזשענעראל סטרייק אין ווייסט און דרעס טרייד האט אויך ארומגעכאפט די דרעס שעפער וואס זיינען אונטערן קאנטראל פון לאקאל 23. די ארבייטער פון 127 אזעלכע שעפער זיינען ארונטער אין סטרייק, צוזאמען מיט די ווייסט מאכער, און איבער צוויי טויזענד מיטגליעדער פון דער סקוירט און דרעסמאכער יוניאן זיינען אזוי נאך פאר-וויקעלט אין דעם סטרייק.

די סטרייקער פון לאקאל 23 מישען זיך ניט אוים מיט די סטרייקער פון לא-קאל 25. זיי האבען זיך א באזונדער האל און דארט זיצען זיי. זיי פיקעטען אויך אליין „זייערע" שעפער. ביז איצט האבען זיך די סטרייקער געפונען אין „לייבאר טעמפעל", 14טע סטריט און 2-טע עוועניו. איצט געפינען זיי זיך אין קאסינא האלל, 85 איסט 4טע סטריט. דאס הייסט, די וועלכע זיינען נאך אין סטרייק. ווייל א היבשע ביסעל פון די בעלי בתים פון דיעזע שעפער האבען שוין געסעטעלט אין פיעלע ארבייטער האבען זיך שוין צוריקגעקעהרט ארביי-טען אונטער די נייע באדינגונגען, לויט דעם נייען אגרימענט.

צווישען די דרעס מאנופעקטשורערס וואס האבען שוין געסעטעלט מיט לא-קאל 23 געפינען זיך זיבען פירמען וואס האבען באלאנגט צו דער ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן וואס ראנגעלט זיך איצט מיט דער יוניאן. זיי זיינען ארויס פון דער אסס'ן און געסעטעלט מיט דער יוניאן אלס אינדעפענדענט מאנופעק-טשורערס. זיי האבען געמאכט מיט דער יוניאן אינדיווידועלע אגרימענטס, נאכ-געבענדיג אלע פאדערונגען.

צווישען די אנדערע פירמען מיט וועל-כע די יוניאן האט שוין געסעטעלט געפי-נען זיך אינדעפענדענט מאנופעקטשור-ערס, וועלכע ארבייטען דירעקט פאר'ן טרייד, קאנטראקטארס וואס ארבייטען פאר פירמען, וועלכע האבען שוין געסע-טעלט מיט דער יוניאן. און אייניגע שע-פער אין וועלכע עס ווערט געארבייט אי דרעסעס אי קלאוקס. אלע דיעזע פירמען האבען געגעבען א קעש סעקיוריטי דאס זיי וועלען ניט, דירעקט אדער אינדירעקט שטעהן אין אירגענד וועלכער פארבינדונג מיט די פירמען וואס זיינען אין סטרייק. די סומע פון די קעש סעקיוריטי וואס די-זע מאנופעקטשורערס האבען איינגעלעגט באטרעפט איבער צוואנציג טויזענד דא-לאר.

מען דארף ניט פארגעסען אז דיזע אויסקינפטע האב איך באקומען דינסטאג אין דער פריה, און פון דאן אן איז שוין זיכער צוגעקומען נאך דרעס מאנופאק-טשורערס וואס האבען געטאן די זעלבע זאך, געשלאסען פרידען מיט דער יוניאן, וואס פריהער אדער שפעטער וועלען דאס די אנדערע בעלי בתים אויך מוזען טאן.

איצטער, זאגט ברודער וואנדער, גע-העז צו די סעטלמענטס אביסעלע לאנג-זאמער, כאטש עס זיינען נאך דא מאנו-פעקטשורערס וואס ווילען נאכגעבען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן. די יוניאן האלט עס אבער צוריק, צוליעב געוויסע פארשטענדליכע אורזאכען.

אלע סטרייקער פון אט די שעפער, מיט וועמעס אייגענטימער די יוניאן וויל ניט, אדער קאן ניט סעטלען, וועלען די וואך באקומען אויסגעצאהלט סטרייק בע-נעפיט פון דער סקוירט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 23.

* * *

געסעטעלטע פירמען אין דעם דרעס און ווייסט סטרייק

מיר פאנגען דא אן צו דרוקען די ליסט פון די געסעטעלטע ווייסט און דרעס שע-פער, וואס מיר האבען באקומען פון דער סעטלמענט קאמיטע. מיר האבען אבער די וואך ניט גענוג פלאץ פאר דער גאנצער ליסט און מיר גיבען דא בלויז א קליינעם טייל. די אנדערע געסעטעלטע פירמען וועלען מיר פארעפענטליכען נעק-סטע וואך.

די פאלגענדע פירמען האבען זיך אפ-געריסען פון דער דרעס אסס'ן און געסעטעלט מיט דער יוניאן:

מעמבערס פון די דרעס און ווייסט מאנו-פעקטשורערס אססאסיאיישאן:

דיק ווייסט קא., 249 פענסילווייניא עוו., ב'לין
דיק ווייסט קא., 223 באועל סט. ברוקלין.
פישעל קא., טש. דזש., 131 וועסט 28טע סט.
גריכוואלד און פרידמאן, 10-8-6 א. 32טע סט.
דזשעקמאן ווייסט קא., 80 גרין סט.
קאנטראוויטש, דרובין און קא., אינק., 32 איסט 31טע סטריט.
דהי מארקאוויטש קא., 159 מעדיסאן עוו.
מעטראפאלים דרעס קא., 131 וו. 35טע סט.
פיערמאנט דרעס קא., 29 וו. 28טע סט.
ראטספיעלד, ר. ב., 112 מעדיסאן עוו.

אינדעפענדענט שעפער, געסעטעלט ביז דעם 5טען פעברואר, 1919.

אמעריקען ביוטי קאסטום קא., 22 וו. 21טע סט.
עררא ווייסט קא., 22 וו. 26טע סט.
ל. אראנאוויטש און קא., 132 וו. 22טע סט.
אנגעטט וו. און דר. קא., 11--109 וו. 27טע סט.
ארהענבאום בראס. און גאלד, 32 וו. 20טע סט.
אלווין קאסטום קא., 996 וועסטשעסטער עוו.
אלווין קאסטום קא., 131 וו. 28טע סט.
א. און ל. דרעס קא., 17 א. 16טע סט.
אדסלעי דרעס קא., 10 וו. 30טע סט.
באומסי און וויינער, 142 וו. 26טע סט.
בעהרמאן סימפסאן, 16 וו. 19טע סט.
בעלסקי, דזשייקאב, 8 וו. 13טע סט.
בעלל דרעס האוז, 130 וו. 25טע סט.
בעללענארד דרעס קא., 41 א. 21טע סט.
בילדמאר דרעס קא., 8-6 וו. 20טע סט.
בוש, בערנארד, 103 גרין סטריט.
בילמוועל ווייסט קא., 15 א. 26טע סט.
ב. ב. וויים טקא., 49 [illegible] 23טע סט.
ת. ס. ביסקא, 30 וו. 36טע סט.
מארים ברעין, 136 וו. 21טע סט.
בלאוזמייקערס יוניאן, 632 פינפטע עוו.
בראד און גאלדשטיין, 129 וו. 22טע סט.
בלאסאם דרעס קא., 119 וו. 24טע סט.
ב. ר. ס. דרעס קא., 23 א. 113טע סט.
קאהען און וועקסלער, 256 וו. 23טע סט.
משארלאט דרעס קא., 1237 בראדוויי.
קלעסיק דרעס קא., 127 וו. 25טע סט.
קליף דרעס קא., 28 וו. 27טע סט.
קארענעט קאסטום קא., 39 וו. 32טע סט.
שארלס און דעימש, 7 א. 37טע סט.
קאהען און דזשאמפאל, 7 וו. 31טע סט.
ריליייענס קעמברידזש ווייסט קא., 30 איסט 33טע סטריט.
קריטיריאן ווייסט קא., 114 א. 13טע סט.
ד. קאהען, 1127 וו. 125טע סט.
דיימאנד דרעס קא., 148 וו. 23טע סט.
דיימאנד און הערשקאוויטש, 26 וו. 17טע סט.
ד. און ס. דרעס קא., 34 א. 21טע סט.
לואיס דולבערג, 137 וו. 25טע סט.
ד. און מ., 3-101 וועסט 42טע עסט.
דע רינא ווייסט קא., 17 וו. 3טע סט.
דזש. דייוויס און קא., 28 וו. 38טע סט.
דאובל דזש. דרעס קא., 7 א. 20טע סט.
דיקס און בלאק, 39 א. 21טע סט.
דאטשעס דרעס קא., 41 וו. 25טע סט.
עלק קאסטום קא., 482 ברום סט.
עלק קאסטום קא., 39 וו. 28טע סט.
עפשטיין און האראוויטש, 106 א. 19טע סט.
ערלאנגער און גאלדשטיין, 122 וו. 27טע סט.
עסקין מפג. קא., 147 וו. 25טע סט.
פאטימא דרעס קא., 147 וו. 22טע סט.
פאלקנער, בענ. סי., 31 א. 31טע סט.
פרענקעל און ליטאף, 148 וו. 20טע סט.
פרענקא אמעריקען דרעס, 1144 וו. 26טע סט.
פלאראנעל דרעס קא., 38 וו. 26טע סט.
פלארשהיימער און קא., 159 מעדיסאן עוו.
פרוכטמאן מ., 202 א. 22טע סט.
עהרענסאל קא., 63 וו. 14טע סט.
גרענד דרעס האוז, 35 א. בראדוויי.
גינזבורג און בייסין, 26 וו. 17טע סט.
דזשעם ווייסט און דרעס, 150 וו. 22טע סט.
גאלדשטיין און קא., נאט., 36 א. 31טע סט.
גאלדשטיין, ס., 27 וו. 24טע סט.
גבוד און ספייער, 158 וו. 29טע סט.
גרובער און גרובער, 24 א. 22טע סט.
גרינפיעלד, לעא., 20 וו. 22טע סט.
גאטפריעד דרעס קא., 147 וו. 22טע סט.
דזשי. ק. דרעס, 34 וו. 17טע סט.
דזשי. ענד דזשי. ווייסט קא., 6 וו. 32טע סט.
הירשהארן, א., 133 וו. 24טע סט.
הוימאן ווייסט קארפ., 7-9 וו. 30טע סט.
העיסטער, ד., 61 א. 4טע סט.
העימערדינגער, דזשארדזש דזשי., 137 מעדיסאן עוו.
העררים, דייוויד, 1372 בראדוויי.
האדסאן דרעס קא., 599 קרעסצענט עוו. בראנקס
העיסטער דרעס קא., 110 א. 119טע סט.
אימפיריאל סטייט דרעס קא., 26 וו. 17טע סט.
אימפארט דרעס קא., 9 וו. 116טע סט
אורווינג ווייסט קא., 27 מעדיסאן עוו.
אי. ס. דרעס קא., 33 וו. 125טע סט.
אינטערנעשאנעל קאסטום קא., 110 וו. 17
דזשייקאבסאן און ליוויי, 8 וו. 30טע סט.
דזשייקאבסאן און קאסס., 238 5טע עוו.
דזשייקאבסאן, בייטען, ה., 36 א. 31טע סט.
דזשעקסאן, אי. עי., 136 מעדיסאן עוו.
דזשעקסאן דרעס קא., 468 17טע סט., ברוק
קיין און קאהען, 28 איסט 30טע סט.
קאווען קאסטום קא., 142 וו. 24טע סט.
קופערבערג, ד., 7-9 וועסט 18טע סט.
קאלמאן קאסטום קא., 5 וו. 31טע סט.
קליינבערג, ג., 151 וו. 30טע סט.
קוהן, דזשעראדזש, 143 וו. 24טע סט.
קאהן און וועיל, אינק., 23 וו. 38טע סט.
קאסס, בערגער און ראזענבערג, 216 וו.
קאסטענבאום, ס., גוועזענע א. און ס.
קאמפאני, 127 ספרינג סט.
ליבאוו, פרענק, 118 וו. 31טע סט.
לייזערסאן, לואיס, 102 מעדיסאן עוו.
לעא דרעס קא., 126 וו. 22טע סט.
ליוויי און דזשייקאבס, 41 א. 32טע סט.
לייט און בעסס, 27 וו. 24טע סט.
לוואים, א., 72 מעדיסאן עוו.
לייאן דרעס קא., 450 6טע עוו.
ליפשיץ, הוימאן, 118 וו. 27טע סט.
ל. און ז. דרעס קא., 441 א. 21טע סט.
מאדערן דרעס קא., 37 וועסט 28טע סט.
מארגאלין פרוססינג קא., וו., 245 7טע עוו.
מאדעל קאסטום קא., 109 וו. 26טע סט.
מיטניק און לאגאן, 32 א. 31טע סט.
מעיסיבאוו, אינק., דייוויד, 48 וו. 244טע
מארק און צוקערמאן, 25 וו. 24טע סט.
מוריעל דרעס קא., 148 וו. 24טע סט.
מיללמאן, א., 20 וו. 33טע סט.
נייטען ווייסט קא., 57 וו. האוסטאן סט.
פוירל דרעס און ווייסט קא., 35 וו. 36טע
פ. און ל., 37 וועסט 21טע סט.
פאנאמא דרעס קא., 15 א. 16טע סט.
פעריז מפג. קא., 8 וו. 30טע סט.
פרינצעס דרעס קא., 25 וו. 31טע סט.
ראפאפארט און פראכטענבערג, 89 וו. 25טע
פאללאק און סעמועלס, 143 וו. 29טע סט.
פלאזא דרעס קא., 100 וו. 32טע סט.
פאנאל ווייסט קא., 1154 יוניאן עוו., בראנ
ר. און דזשי. דרעס קא., 41 א. 20טע סט.
רעפאבליק גארמענט קא., 1244 וו. 18טע
ראזנער דרעס האוז, 106 וו. 32טע סט.
ראזנער, דזש., 158 וו. 29טע סט.
רעדפערן דרעס קא., 22 וו. 27טע סט.
רייזינג דרעס קא., 42 וו. 17טע סט.
רובין, פיליפא און קאהען, 10 א. 33טע
ראש דרעס קא., 112-110 וו. 30טע סט.
ר. און ל. דרע האוז, 236 פינפטע עוו.
סעמועלס און לעווין, 112-116 מעדיסאן ע
סאוויטש און סאקמאן, 132 וו. 21טע סט.
ג. זייד און קא., 32 א. 31טע סט.
ס. און ד. דרעס קא., 24 וו. 25טע סט.
סאלאמאן קא., אינק., מעננר, 31 א. 31טע
שולמאן, סעם, 155 וו. 34טע סט.
סאלאמאן, מייער, 36 א. 12טע סט.
שווארטץ און הוימאן, 28 וו. 22טע סט.
סטעינפיעלד בראס., 136 וו. 21טע סט.
סילווערמאן, ד., 116 וו. 31טע סט.
סינגער און קא., מארק, 8 וו. 30טע סט.
סמארט סעט דרעס קא., 32 וו. 31טע סט.
סאן און קא., טשארלס, 56 וו. 35טע סט.
סוקסעס ווייסט קא., 101 גרין סט.
שארפמאן בראס., 35 וו. 17טע סט.
שפאכנער, מאקס, 44 א. 10טע סט.
סעללעבל דרעס מפג. קא., 135 וו. 17טע סט.
סינגער, מ., 17 א. 125טע סט.
ס. און ס. דרעס קא., 111 לענאקס עוו.
ס. און ס. קאסטום קא., 1107 וו. 116טע ס
ס. און ד. דרעס קא., 24 וו. 20טע סט.
מים מאפ וו. און דרעס קא., 200 זעקסטע ע
וויקטאריא דרעס קא., 37 וו. 32טע סט.
וויקטארי ווייסט קא., 1331 בריסטאו סט., בראנקס.
וויקטארי קאסטום קא., 109 וו. 26טע סט.
וואראנעללי דרעס קא., 368 א. 148טע סט., בראנקס.
וואלף באום, 99 מעדיסאן עוועניו.
וויים, 27-35 וועסט 24טע סט.
וועסטשעסטער דרעס קא., 61 ס. 4טע סט. מאונט ווערנאן, נ. י.
וויללואם און סאן, ארטור, 115 א. 29טע ס
וועילער בראס., 153 וו. 23טע סט.
יעוועס קאסטום קא., אינק., 133 וו. 21טע
יאשנער, סאמועל, 39 א. 20טע סט.
זעיפער, מאקס, 27 וו. 24טע סט.
צוקערמאן, מ., 17 וו. 118טע סט.

מעמבערס פון די האלסייל דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן:

קלאווער גארמענט קא., 23 וו. 32טע סט.
גינזבערג בראס., 6 וו. 32טע סט.
סיימאן קאסטום און דרעס קא., 44 א. 32

* * *

די קאטערס פון לאק. 10 טעקסען זיך פאר'ן ווייסטמאכער סטרייק.

אונזער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, איז וואס מען רופט, א „מיקסד לאקאל." עס באלאנגען צו איהם אלע צושניידער וואס ארבייטען אין דער פרויען-קליידער אינדוסטריע פון גרייטער ניו יארק. אין דער יוניאן באלאנגען די קאטערס פון קלאוקס און סוטס, פון ווייסטס און דרע-סעס, פון ראפער און קימאנאס, פון ווייט גוטס און א. ז. וו. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך דאס ווי נור עס ברעכט אויס א סטרייק אין אירגענד וועלכען ברענטש פון דער לידיס גארמענט אינ-דוסטריע אין ניו יארק, זאל לאקאל 10 זיין פארוויקעלט. ווארום די קאטערס, די מיטגליעדער פון לאקאל 10, געהען אימער ארונטער אין סטרייק, צוזאמען מיט די אנדערע לאקאל יוניאנס. עפעס באלאנגט מען דאך אלע צו איין אינטער-נעישאנאל יוניאן, מען איז דאך אלע קינ-דער פון איין משפחה.

אלזא, די ווייסט און דרעס קאטערס פון לאקאל 10 זיינען איצט אין סטרייק צוזאמען מיט די ווייסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 25.

לעצטע וואך האט די עקזעקוטיווע פון לאקאל 10 פון די „ווייט גודס דיוויזשאן" אפגעהאלטען א מיטינג און עס האט שוין געהאלטען אין באשלאסען ווע-רען, דאס דיזע קאטערס טעקסען זיך צו צאהלען צו דריי דאלאר א וואך פאר דעם ווייסט און דרעס סטרייק, ווי לאנג דער סטרייק וועט געדויערען.

האבען זיך מאמענטאן דערוואוסט דער-פון די קאטערס פון דער קלאוק און סוט דיוויזשאן, וואס איז פארבונדען מיט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און געהייסען א ווייל אפווארטען מיט יענעם מיטינג. זיי האבען זיך גע-פונען באליידיגט, וואס זייער ברענטש איז ניט פארטראטען געוועזען ביי דעם מי-טינג. זיי האבען ערקלערט דאס די קלאוק און סוט קאטערס ווילען ניט זיין קיין אויסנאהמע, דאס א ו י ך ז י י ווי-לען צאהלען צו דריי דאלאר א וואך פאר'ן סטרייק.

קורץ, עס איז באלד אפגעהאלטען גע-ווערען א מיטינג פון אלע בדענטשעס פון לאקאל 10 און עס איז איינשטימיג באשלאסען געווארען דאס „א ל ע מ י ט-ג ל י ע ד ע ר פון דער ג א נ צ ע ר ק א ט ע ר ס י ו נ י א ן, ל א ק א ל 1 0, פארפליכטען זיך צו צאהלען דריי דאלאר א וואך פאר דעם דזשענעראל סטרייק פון די ווייסט און דרעסמאכער, ו ו י ל א נ ג ע ר וו ע ט ג ע-ד ו י ע ר ע ן"!

איז נאך נויטיג אירגענד וועלכע פירושים אויף אזא אמת ברידערליכער האנדלונג? די שעהנע טאט פון לאקאל 10 רעדט גענוג הויך פאר זיך אליין. דאס איז נאך א באווייז, ווי אייניג, געטריי, און איבערגעגעבען עס זיינען צווישען זיך אלע לאקאל יוניאנס פון אונזער וואונ-דערבארער אינטערנעשאנאל לידיס גאר-מענט וואירקערס יוניאן.

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

מ. ל. ק—ער. — קיין איינציגע פון די צוגעשיקטע פארדיענט נים געדרוקט צו ווערען, כאטש מאנכע פערזען קלינגען גאנץ נים שלעכט. דער טראבעל מיט אזא מין דיכטונג איז, וואס נאר דאס אויבערפלעכליכע ווערט אנגעריהרט — דאס, וואס יעדער זעהט און הערט אליין, אבער דאס אינערליכע פון לעבען בלייבט אלץ פארדעקט הינטער זיבען שלייערן. למשל, יעדער זעהט און הערט, ווי עס לויפען די טראמוויים, די באסעס, די אויטאס, יעדער הערט זייער גערויש. דאס הערט און זעהט איהר אויך. אבער די אינערליכקייט פון דעם אלעם, וואס די מייסטע מענשען פארזעהען, און וואס דארף פון דעם פאעט פאר זיי אנטפלעקט ווערען, דאס זעהט איהר אליין אויך נים. דערפאר וועט זיין פיעל גלייכער איהר זאלט אונז מעהר גארנים צושיקען.

עקס־דזשאינט באארד מעמבער. — קיין גרויסער מומחה אין קאנסטיטושאנאל לא זיינען מיר נים, און דארום וואלטען מיר נים געוואונשען, אז איהר זאלט אונזער ענטפער באטראכטען אלס דאס לעצטע ווארט אין דער פראגע. דער דזשאינט באארד איז צוליעב די פליכטען און ארבייט, וואס ער טוט, א קערפערשאפט, וועלכע מוז באטראכט ווערען אלס א מין סופרים קארט. נויטווענדיגערווייזע מוז ער זיין ארומגערינגעלט מיט אן אכיאל פון בכבודיגקייט, עהרענהאפטיגקייט, וואס זאלען איהר אויסצייכענען פון אלע אנדערע קערפערשאפטען. די דאזיגע בכבודיגקייט געהט נאטירליכערווייזע אריבער אויף יעדען מיטגליעד באזונדער, און אזוי ווי דער שכל איז מחייב, אז יעדער, וואס פארשולדיגט זיך אין עטוואס, זאל נאר געמשפט ווערען פון גלייכע צו איהם. דערפאר מוז אין אלע פעלע, ווען עס זיינען דא טשארדזשעס געגען א מיטגליעד פון דזשאינט באארד, דער דזשאינט באארד זיין דער דזשאדזש איבער איהם. דערפאר, דענקען מיר, איז אייער אויסטייטשונג פון סעקשאן 9 פון דער קאנסטיטושאן נים ריכטיג. דער דזשאינט באארד קען און זאל נאר איינמאל גע'משפט ווערען פון דער גאנצער מעמבערשיפ, און דאס איז אין דער צייט פון די וואהלען. זייענען די וואהלען פאראיבער, ווערט דער דזשאינט באארד פון זיין גופא דער איינציגער, וואס קען ענטשיידען איבער דעם שיקזאל פון זיינע מיטגליעדער.

מ. זילבערמאן. — ניין, עס איז נים גוט גענוג דאס מאל. מיר ווייסען, דאס איהר קענט בעסערעס שאפען. עס איז אימער אזוי דער פאל, ווען מען וויל אויסקוועטשען עטוואס, וואס פאסט זיך פאר א געוויסער געלעגענהייט. דאס שעהנסטע אין דער פאעזיע איז דער פרייער שוואונג. ווען דאס פעהלט, פעהלט אין איהר די גאנצע נשמה איהרע.

דזשייקאב פליישנער. — עס האט אונז ווירקליך געפרעהט צו לייענען, אז די צייטונג איז אייך געפעלען געווארען. אויך זייענען מיר מיט אייך פאלשטענדיג איינשטימיג, אז איהר האט א פולעס רעכט צו ערווארטען, אז די צייטונג זאל „פארשטארקען די יוניאן און פארברידערליכען דעם געפיהל פון דער אינטערנעשאנאל". דאס וועט די צייטונג געוויס זיך אנשטרענגען מיט אלע כחות אויסצופיהרען. אבער ערפאלג קען זי נאר האבען, ווען איהרע צעהנדליגע טויזענדע לעזער זאלען איהר העלפען. און העלפען קענען זיי נאר דאן, ווען זיי וועלען ארויסווייזען אביסעלע מעהר לעבען ווי איצט. אזוי פיעל מענשען לייענען די צייטונג, און אזא מאגערער אפרוף. נים עס רופען זיך אפ די, וועמען זי געפעלט נים, מיט א ווארט פון קריטיק, און נים עס רופען זיך אפ די, וועלכע דענקען פיעל פון דער צייטונג, מיט א ווארט פון לויב, פון ערמוטיגונג. און דער רעדאקטאר און די שרייבער, אום צו לייסטען דאס בעסטע, מוזען פיהלען, אז זיי רעדען נים אין די פוסטקיים, אז זיי ריידען צו לעבעדיגע, פארשטעהענדע, פיהלענדע מענשען. עס מוז זיך אויסבילדען א שטארקע פארבינדונג צווישען לעזער און זייער צייטונג, כדי די צייטונג זאל קענען שטעהן אויף דער סאמע הויך פון איהר בארוף. אייער בריוועלע האט אונז דארום ווירקליך דערפרעהט, ווייל ער איז דער ערשטער שוואלב, וועלכע, אויב ער מאכט נים דעם פריהלינג, זאגט לכל הפחות אן דעם פריהלינג.

ד. גאלדבערג. — יא, איהר קענט שרייבען צו אונז וועגען אלעס, וואס אייך אינטערעסירט, נים בלויז אלס קלאוקמאכער, נאר אויך אלס פאמיליען־פאטער, אלס מיטגליעד פון דער געזעלשאפט אין אלגעמיין. ווארים א קלאוקמאכער זייט איהר דאך נאר איינינע שטונדען אין טאג — און לאמיר האפען, אז די שטונדען וועלען אויך פארקירצט ווערען — און א מענש זייט איהר די גאנצע צייט. וואס אנבאטרעפט אייער פראגע וועגען אימיגראציע, איז אונזער מיינונג אין קורצען, אז די ארבייטער מוזען זיין אין דער הינזיכט שטרענג קאנזעקווענט. אויב זיי זאלען זיך ענטשיידען ארויסזאגען פאר א פאלשטענדיג פרייע אימיגראציע, מוזען זיי צו גלייכער צייט ענטוויקלען אן ענערגישע ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט, און זארגען פאר דעם, אז אלע אימיגראנטען זאלען גלייך ארייגעצוגען ווערען אין די יוניאנס, כדי זיי זאלען נים קענען ווערען א קאנקורענץ־געפאהר פאר זיי. פיהלען אבער די ארגאניזירטע ארבייטער זיך צו שוואך דאס אויסצופיהרען, דאן, ווילענדיג נים ווילענדיג, מוזען זיי שטעהן פאר א שטארק באשרענקטער אימיגראציע. מיר דענקען, אז דער ערשטער וועג איז דער מעהר מענשליכער און אויך מעהר ריכטיגער. אבער די מייסטע אמעריקאנער ארבייטער, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן דער אמעריקען פעדערייש(א)ן אוו לייבאר, דענקען אנדערש, און פאלגליך שטעהען זיי פאר אלץ א גרעסערע באשרענקונג פון דער אימיגראציע. אין דעם נומער וועט איהר געפינען אן ארטיקעל איבער אימיגראציע פון לוליפוס, וועלכער רעדט ארום גאנץ ברייטלאך די דאזיגע פראגע.

ה. ס. הערבסט. — אזש אין רוים און אין דעם נאך מעהר גרויען אלטערטום האט איהר געמוזט פארקריכען, אום צו באווייזען די גערעכטיגקייט פון די ליידיעס ווייסט מאכער סטרייקער, און די אונגערעכטיגקייט פון די באסעס? האט איהר דען נים געפיהלט, אז מיט דעם אליין שוואכט איהר אפ אייער ארגומענט? ניין, אונזער זאך איז צו קלאר און צו גערעכט, אז מען זאל מוזען נעהמען צו הילף רוים, פלעבעער און פאטריצער, און די גאנצע איבעריגע שווערע ארטילעריע. די לעצטע שורות אין אייער ארטיקעל זיינען אלרייט, אבער אויך שוין א ביסעל צו באקאנט. גאר פיעלע מענשען קענען זיי שוין זאגאר אויסוועניג. עס וועט דארום נים פארעפענטליכט ווערען.

פריינד. — יא, מאנכע זשורנאלען פיהרען זיך אזוי, און גיבען די קורצע ביאגראפיען פון די שרייבער פון די ארטיקלען אין יעדען נומער. און מען קען גאר נים אויסזעצען פיעל געגען אזא איינפיהרונג, פונקט ווי דער טשערמאן אויף א מיטינג, אדער נאך בעסער, דער טאסט־מאסטער אויף א באנקעט שטעלט פאר די רעדנער, יעדען מיט זיין יחוס. אבער מיר גלויבען, אז דער ארטיקעל דארף ריידען פאר זיך זעלבסט, און דאס די קורצע ביאגראפיען פארנעהמען נאר איבעריגען פלאץ, פון וועלכען מיר האבען נים צופיעל.

לעבען און טעטיגקייט אין אונזער יוניאן

(א בליק אין פארשיעדענע ווינקלען פון אונזער אינטערנעשאנאל אין ניו יארק און די פראווינץ).

פון ל. פינקעלשטיין.

סטרייקס אין ווייסט און דרעס־שעפער אין איינינע פראווינץ שטעדט.

אלס א רעזולטאט פון דעם דזשענעראל סטרייק אין דער דרעס און ווייסט־אינדוסטריע אין ניו יארק זיינען איצט דא א סך סטרייקס אין דעם פאך אין פיעלע פראווינץ־שטעדט ארום ניו יארק. קוים איז נאר פאראן א פארדאכט, אז אין א ווייסטשאפ פון א געוויסער פראווינץ־שטאדט ארום ניו יארק ווערט געמאכט ניו יארקער סקעב־ארבייט, ווערט יענער שאפ באלד אפגעשטעלט און ערקלעהרט אין סטרייק.

די אידישע און איטאליענישע מיידלעך, — ווי מיר הערען פון דער „אוט דאס רוב אין יענע שעפער, רופען אין דאס רוב אין יענע שעפער, רופען זיך אפ גאנץ סימפאטיש. זיי שליסען זיך גאנץ גערן אן און נעהען ארונטער סטרייקען מיט גרוים באגייסטערונג.

אין איינינע שטעדטלעך אין ניו דזשורזי סטיים האט מען לעצטע וואך געזעהן סצענעס, וועלכע מען האט נאך דארט אפשר קיין מאל פריהער נים געזעהן. אזוי שנעל ווי די פארטרעטער פון דער „אוט אוו טאון" קאמיטע פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע האבען אויפגעוויזען, די ארבייטער פון יענע שעפער, דאס זיי ארבייטען אויף ניו יארקער סקעב־ארבייט, — האבען די מיידלעך גלייך געווארפען די ארבייט, ארונטער אין סטרייק און מיט ענטוזיאזם מארשירט אין די מיטינג־פלעצער, וואס מען האט שוין פריהער פאר זיי געהאט אנגעגרייט. פאר די איינוואוינער פון יענע שטעדטלעך איז דאס געווען א גרויסער „סורפריז". זיי האבען זיך גע'חדוש'ט, ווי אזוינס האט דארט נאר געקענט פאסירען. עס האט אבער דאך פאסירט.

נעקסט צו די שטעדטלעך אין ניו דזשורזי קומען די שטעדט הארטפארד און ניו הייווען אין קאנעטיקוט סטיים.

רעדענדיג אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" וועגען ברודער ס. לעפקאוויטשעס ארגאניזאציאנס־ארבייט אין קאנעטיקוט סטיים, האבען מיר אנגעוויזען באזונדער אויף זיין איצטיגער טעטיגקייט אין ניו הייווען און הארטפארד, אין פארבינדונג מיט דעם ווייסט און דרעס מייקער סטרייק אין ניו יארק. און מיר קענען שוין היינט מעלדען, דאס זיין ארבייט האט געבראכט גוטע רעזולטאטען. די מיידלעך פון א סך שעפער אין יענע צוויי שטעדט זיינען מיט באגייסטערונג ארונטער אין סטרייק.

די ענגלישע צייטונגען פון ניו הייווען און הארטפארד שרייבען וועגען די סטרייקס פון יענע שטעדט מיט גרויסע קעפלעך אויף דער ערשטער זייט. זיי רופען דאס אן „סימפאטיע סטרייקס"; זיי שרייבען, דאס יענע מיידלעך האבען אייגענטליך גאר נים צו זייערע בעלי בתים, מעהר נים עס איז איצט א משונהנע צייט, רחמנא לצלן, און זיי סטרייקען בלויז אוים ריינער סימפאטיע צו די ניו יארקער סטרייקער. דאס איז אבער בלויז טיילווייז אמת.

אנפאנגס איז טאקע אזוי געווען; די מיידלעך זיינען טאקע דאס רוב ארונטער סטרייקען, אוים סימפאטיע צו די ניו יארקער סטרייקער. קוים אבער זיינען זיי שוין געווען אין דעם מיטינג־לאקאל און האבען גענומען באטראכטען זייער איינענע לאגע, האבען זיי גיך אויסגעפונען, אז זיי אליין האבען אויך גענוג צו פארלאנגען פון זייערע בעלי בתים, און באלד טאקע זיינען ארויסגעשטעלט געווארען איינענע פארדערונגען. איצט, אלזא, — ווי ברודער לעפקאוויטש גיט אונז איבער, און ווי מיר זעהען דאס אויך פון די דארטיגע ענגלישע צייטונגען, — סטרייקען שוין יענע מיידלעך אויך פאר זיך און אונזער דזשענעראל סטרייק האט זיך גאנץ ברייטלעך אויסגעשפרייט איבער יענע צוויי דערמאנטע שטעדט. דער רעזולטאט איז, דאס אויך יענע סטרייקער פאדערען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, א העכערונג אין שכירות און אנערקענונג פון דער יוניאן. די צאהל פון די סטרייקערינס אין הארטפארד, אזוי גוט ווי אין ניו הייווען, דערגרייכט ביז עטליכע הונדערט און פאר יענע שטעדטלעך איז דאס נאר א גרויסע זאך, א גאנץ וואזשנער אויפטו. די צייטונגען פון יענע שטעדט רופען שוין איצט יענע סטרייקס מיט'ן נאמען „דזשענעראל סטרייקס", און עס קען אפשר זיין, אז יענע צייטונגען וועלען זיך צו דעם דעררעדען.

אויף די מאס־מיטינגען אין ניו הייווען און הארטפארד, וואס ברודער לעפקאוויטש האט ארראנזשירט, האבען, אחוץ איהם, גערעדט וויים־פרעזידענט נינפא און שוועסטער ראזע קויפמאן, א מיטגליעד פון דער ניו יארקער דזשענעראל סטרייק קאמיטע פון די ווייסט מאכער יוניאן.

די לעצטע נייעס פון יענעם קאמפפס־פלאץ איז, דאס אין ניו הייווען האט זיך געגרינדעט א „דזשאינט קאמיטע" פון פארטרעטער פון 16 פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען צו העלפען מיט אלעם מעגליכען דעם ווייסט און דרעס סטרייק.

אין הארטפארד דארף די טעג אפגעהאלטען ווערען א קאנפערענץ פון יוניאנס און פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען, אויף'ן זעלבען שנים ווי דאס איז געווען מיט א וואך צוריק אין ניו הייווען, און מען קען זיין גאנץ זיכער, אז אויך דער קאנפערענץ וועט זיין א גרויסער ערפאלג.

* * *

דער טראבעל אין ווייסט טרייד פון פילאדעלפיא איז פאראיבער.

דער טראבעל אין דער ווייסט אינדוסטריע אין פילאדעלפיא איז פאראיבער. דער סכסוך צווישען דער ווייסטמאכער יוניאן לאקאל 15 און דער מאנופעקטשורערס אסס'ן איז געסעטעלט געווארען ביים קאנפערענץ־טיש, צווישען פארטרעטער פון ביידע צדדים, אהן א סטרייק. מען איז געקומען צו א פארשטענדניס, דאס דער טרייד אגרימענט, וועלכער האט זיך געענדיגט דעם יאנואר, זאל באנייט ווערען נאך פאר א יאהר, ביז דעם 1טען יאנואר 1920, מיט די פאלגענדע ענדערונגען, אדער בעסער געזאגט, אויסבעסערונגען.

דאס די וואך־ארבייטער זאלען באקומען א העכערונג אין שכירות פון איין דאלאר ביז צוויי דאלאר א וואך, און די שטיק ארבייטער זאלען באקומען א העכערונג פון 8 פראצענט.

א 44־שטונדיגע ארבייטס וואך זאל איינגעפיהרט ווערען אזוי שנעל ווי א באדייטענדע צאהל ווייסט מאנופעקטשורערס אין ניו יארקער ווייסט טרייד וועלען סעטלען אויף דעם באזים.

און אזוי ווי עס איז גאנץ זיכער דאס עס וועט גאר נים לאנג נעמען ביז א באדייטענדע צאהל גרויסט מאנופעקטשורערס ביי אונז אין ניו יארק וועלען האבען געסעטעלט אויף דעם באזים, וועלען די ווייסטמאכער אין פילאדעלפיא גאר אין גיכען ארבייטען בלויז 44 שטונדען א וואך. ברודער א. סילווער, דער מענעדזשער פון דער ווייסטמאכער יוניאן, לאקאל 15, איז געווען דער פארטרעטער פון דער יוניאן, ביי דער קאנפערענץ מיט'ן באארד אוו דירעקטארס פון דער ווייסט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן אין פילאדעלפיא.

דאס איז אין קורצען די נייעס ווי עס האט זיך געענדיגט דער טראבעל אין פילאדעלפיער ווייסט טרייד.

עס איז אבער דא צו דערצעהלען וועגען דעם נאך עפעס: נעמליך, ווי דער צרה'דיגער לאיער פון דער ניו יארקער ווייסט און דרעס מאנופעקטשורער'ס אסס'ן איז געלאפען אין פילאדעלפיא הענדום פענדום, אויף דארטען אנצומאכען טראבעל, און האט געבעך געמוזט צוריקפאהרען מיט נאר נים, מיט א נאז. און ווי מען קאן זיך אנשטויסען, איז דער בחור זעהר נים צופריעדען וואס אין פילאדעלפיא איז דער טראבעל געסעטעלט געווארען אהן א סטרייק. עס האט זיך איהם זעהר און זעהר געוואלט א סטרייק אין פילאדעלפיא! ער האט פשוט גע'חלש'ט נאך דעם. ער האט געוואלט ארייננשלעפען די פילאדעלפיער ווייסט מאנופעקטשורערס אין דער זעלבער בלאטע, וואס ער האט ארייננעשלעפט זיינע פרנסה־געבער, די ניו יארקער ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס.

עס איז שוין איצט אלעמען באוואוסט, מיט וועלכע אויגען די גאנצע עפענטליכע מיינונג אין אמעריקא קוקט אויף די היגע ווייסט מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען זיך געלאזען, טאקע פון דעם זעלבען פארשוין, פראוואצירען צו א סטרייק, וואס וועט זיי קאסטען גאנץ טייער. ווארום דיעזע באסעס שטעהען איצט ענטבלויזט פאר דער וועלט אלס אמת'ע באזשי־בוזשיקעס, אלס טראבעל־זוכער און מיזעראבעלע פיינד פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, וועלכע ווערט אנערקענט פון דער אמעריקאנער רעגירונג אלס א ברכה פאר'ן לאנד, און אלס א צייכען פון פראגרעס. עס פארשטעהט זיך, דאס עס איז זיי גאר נים אנגענעם זיך צו געפינען אין דער לאגע, און עס פארדריסט זיי שוין דער גאנצער עסק. זיי האבען אבער נים דעם מוט שוין צו בארפען צוריק און פרובען, כאטש מיט א לעכערליכער, געבלאפטער „אישיו" פון עפעס אן „אייבינער באשעפטיגונג" צו פארדרעהען די יוצרות... דאס נעהמט אבער נים! פרעזידענט שלעזינגער איז אויף דער וואך, ער ענטפערט אויפ'ן שטעל מיט קלארע פאקטען אויף די אלע בלאפס און די עפענטליכע מיינונג בלייבט ווי געווען, אויף דער גערעכטער זיים פון דער יוניאן.

אט דעריבער, פארשטעהט איהר, איז עס אט דער לאיער געלאפען הענדום פענדום אין פילאדעלפיא אנמאכען טראר־

א זעלטענע געלעגענהייט

צו געבען די מעגליכקייט צו די יעניגע וועלכע האבען פארשפעטיגט צו עפענען איין אקאונט אין

די באנק אוו יונייטעד סטייטס אין מאנאט יאנואר האט איהר נאך יעצט צייט צו ווערען א דעפאזיטאר אין איינע פון אונזערע

דריי בענק

5טע עוועניו און 32טע סטריט

77־79 דילענסי סטריט

מעדיסאן עוועניו און 116טע סטריט

דורך דעם

גאנצען מאנאט פעברואר

און אייערע אינטערעסט וועט זיך רעכענען פון

דעם טאג אן אין וועלכען איהר עפענט אייער אקאונט

פערגעסט ניט אז דיעזע פריווילעגיע איז נור גילטיג דורך דעם מאנאט פעברואר און וואס פריהער איהר עפענט אייער אקאונט אלץ מעהר פראצענט וועט אייער געלד פערדיענען

דיעזע זעלטענע געלעגענהייט ווערט געגעבען יעדען איי־נעם וועלכער וויל זיך אנשליסען אין איינע פון די פראגרעסיוו־סטע בענק אין לאנד.

אן דער שפיצע פון דיזען גרויסען פינאנץ־איסנטיטושאן שטעהען די גרעסטע און פארנעהמסטע מיליאנערען, מאנופעק־טשורערס און ביזנעס לייט וועמעס פארמעגען בעטרעפט אין די הונדערטע מיליאנען דאלאר — דיעזע מענשען זיינען די דירעק־טארען און שעהרהאלדערס פון דער באנק.

דאס קאפיטאל פון דער באנק האט זיך אויף אזוי פיעל פערגרעסערט דאס לויט די לעצטע פינאנץ־סטייטמענטס פון בענק, וועלכע איז געדרוקט אין די צייטונגען אויף דער אויפ־פאדערונג פון דער רעגיערונג איז באוויזען אז די באנק אוו יונייטעד סטייטס האט פערהעלטניסמעסיג

דריי מאהל אזוי פיעל איינענעם קאפיטאל

צו פערזיכערען די פערסענטעדזש פון איהרע דעפאזיטארס׳ געל־דער, ווי צעהנדליגע אנדערע בענק מיט גרויסען קאפיטאל.

דיזער פאקט אליין איז גענוג צו בעווייזען די פונדאמענ־טאלישע שטארקיים פון דיזער באנק.

אויב איהר טוט אייערע ביזנעס אין

5טע עוועניו און 32טע סטריט

וועט אייך אונזער דארטיגע באנק זיין זעהר בעקוועהם. קיין ארבייטער דארף זיך ניט שעהמען דארט אריינצוגעהן און עפע־נען איין אקאונט זאגאר מיט 5 דאלאר. די בעהאנדלונג איז די זעלבע פאר דעם קליינעם ווי פאר דעם גרויסען דעפאזיטאר.

פאר דעם גרויסען איסט סייד פאלק איז אונזער באנק אן

77־79 דילענסי סטריט

צו דער האנד. אפען פון 9 אוהר מארגענס ביז 8 אוהר אבענד. פרייטאג ביז 5 אוהר אבענד.

הארלעם׳ער ביזנעסלייט און ארבייטער קענען זיך בענוצען מיט דער בעקוועהמליכקייט פון אונזער באנק אן

מעדיסאן עוועניו און 116טע סטריט

עפענט איין אקאונט יעצט און האט א גענוס פון אייער געלד.

THE BANK OF UNITED STATES

5th Avenue at 32nd St. | 77-79 Delancey Street. NEW YORK | Madison Ave. at 116th St.

[illegible], אינק., 819 [illegible] עוו.
[illegible]עלמאן און [illegible]ענטהאל, 22 וו. 27טע סט.
[illegible]על גארמענט קא., אינק., 22 וו. 27טע סט.
[illegible] א. העררים, 148 מעדיסאן עוו.
[illegible] ת. ד. ראבבינס קא., 150 מעדיסאן עוו.
ברילל אבראמס קא., 29 וו. 32טע סט.
בעללעקלעיר גארמענטס קא., 39 וו. 32טע סט.
אלבערט העררים, 14 א. 32טע סט.
אי. ראנד און קא., 37 וו. 28טע סט.
דזשוליוס גראססמאן און קא., 38 וו. 32טע סט.
לידיק דרעס קא., 146 וו. 25טע סט.
ברידער און קא., 448 וו. 25טע ס.ט
ת. רעסמאן און קא., 22 וו. 32טע סט.
מאדזשעסטיק קאסטום קא., 45 וו. 25טע סט.
סיגעל ליוויי קא., 45 וו. 25טע סט.
ווייזען און גאלדשטיין, 1107 בראדוויי.
אי. ציטעטבאום, 38 וו. 32טע סט.
בראונסטעין און סעוויאר, 23 וו. 32ט עסט.
לואיס בלאו, 1443 מעדיסאן עוו.
וועקסלער בראס., 135 וו. 29טע סט.
ראיאל דרעס קא., 1237 בראדוויי.
מאנדל און ליוויי, 127 מעדיסאן עוו.
רידזשענט דרעס קא., 158 וו. 29טע סט.
ראטמאן און פידזשען, 31 א. 31טע סט.
פיאניר לידים גארמענט קא., אינק.,
6 וו. 32טע סט.
ראבבינס דרעס קא., 136 מעדיסאן עוו.
מארי און דזשארדזש שולמאן, 29 וו. 32טע.
קינג און אפעלבאום, 15 א. 26טע סט.
די אנדערע געסעטעלטע פירמען —
נעקסטע וואך.

ערידזשאנאל ארבייט אין אונ־זער יוניאן.

מעהר ווי ווען עס איז פריהער דאר־פען אונזערע מעמבערס יעצט זיך באנר־צען מיט דער געלעגענהייט וואס מיר האָ־בען קלאסען און זיך איינשרייבען. לע־רענט ענגליש, לערענט אייערע אייגענע טאגעס־פראגען, קומט הערען די באלעה־רענדע לעקטשורס איבער טרייד יוניא־ניזם אין אייער אייגענעם לאקאל, וועלכע ווערען ארגאנזשירט דורך אונז צוזאמען מיט אייערע אייגענע לאקאל קאמיטעס.

א זעהר אינטערעסאנטע לעקטשורס איבער „אינדוסטריעלע דעמאקראטיע אין אמע־ריקא" פון דר. ב. האפמאן איז שוין ארגאנזשירט געווארען פאר לאקאל 23 פאר דאנערשטאג אווענד, דעם 13טען פעב־רואר, ביי זייער ביזנעס־מיטינג, אין „פארווערטס" האל, און א צווייטער לעק־טשור וועט זיין אין די בראנקס.

לאקאל 66 די באנאז עמבראידערערס יוניאן האט ערוועהלט א ספעציעלע קא־מיטע מיט אונז צו פארהאנדלען פאר עהנליכע ארבייט. אויך האט לאקאל 11 אזוי געטאן. ביז יעצט זיינען 7 לאקאלס אויף דער ליסט פון דיעזער ארבייט. ריע־זען פרייטאג אווענד וועט דר. דזשיימס ווארבאס רעדען איבער קאאפעריישאן אין אמעריקא און עס איז די פליכט פון יע־דען מעמבער ניט צו פארפעהלען דיעזע לעקטשורס. דעם וועט זיין אין רום 535 פון וואשינגטאן אירווינג הײ־סקוהל.

שרייבט זיך איין אין די קלאסען פאר ענגליש, וועלכע ווערען אפגעהאלטען יע־דען מאנטאג, דיענסטאג און מיטוואך אווענד אין אלע אונזערע יוניטי סענטערס. מיר האבען גוטע טיטשערס, באקוועמע און ליכטיגע קלאסען און איהר דארפט ניט צאהלען קיין סענט. אלעס וואס איהר דארפט טאן איז זיך איינשרייבען ביים סעקרעטער פון אייער לאקאל אדער דירעקט ביי אונז.

טעל. ארטשארד 2186
שיטצען האלל
12 סט. מארקס פלייס
זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.
א סטריקטלי יוניאן הויז.
טוירטעלטויב & שייפער, מגר.

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.
484־90 6טע עווענױ,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

האַרט פאר האַרט
קאנווענשאנס, מאסס־מיטינגס א. ז. וו.
ווערט בעריכטעט.
איבערזעצונגען, נאטארי פאבליק, מול־טיגראפינג, אדרעסינג, מימעאגרא־פינג, פאבליק־סטענאגראפי א. ז. וו.
ביי דער
קאנווענשאן רעפארטינג קא.
32 Union Sq. New York, N. Y.
Stuyvesant 1963—5296—837
B. S. Au. 12646 — 3-29-19

טעלעפאן גרעמערסי 2441.
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

סטראטמאר פרעס
אפ־טו־דייט פרינטינג
447 פוירל סטריט,
ניו יארק.

מיטינג און לעקטשור
ביי לאקאל 23

דיעזען דאנערשטאג, פעברואר דעם 13טען,
8 אוהר אבענד

וועט געגעבען ווערען (דר. האפמאן) לעקטשורען אין דאון טאון סעקשאן, פארווערטס האלל. טהעמא:

אינדאסטריעלע דעמאקראטי

אלע סקירט און דרעסס מאכער, וועלכע וואהנען אין דעם סעקשאן זיינען געבעטען צו קומען אין צייט.

נאך דער לעקטשור וועט זיין א רעגעלער ביזנעס מיטינג

די לעקטשור איז ארגאנזשירט פונ'ם עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט פונ'ם דזשענעראל אפיס.

א רעגולער מיטינג וועט אויך אבגעהאלטען ווערען אין לאנדאן קאסינא, בראנקס.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23
ה. וואנדער, מענעדזשער.

קלאוק פרעסערס לאקאל 35

אלע פרעסערס פון לאקאל 35 זיינען אויפגעפאדערט צו קומען מאנטאג, דעם 10טען פעברואר, אום 8 אוהר אבענדס שארף, אין אונזער מיטינג לאקאל, 77 דילענסי סטריט.

א לעקטשור וועט געהאלטען ווערען פון

דר. פרענק ראזענבלאט

אויף ער פאלגענדער טעמא:

די ראלע פון יוניאניזם אין דער היינטיגער געזעלשאפט

די לעקטשור וועט זיין זעהר באלעהרענד און אינטערעסאנט, און עס וואלט געווען זעהר ראטזאם אז קיין פרעסער פון סעקשאן „איי" זאל ניט פארפעהלען צו קומען.

מיט ברודער גרוס,

א. א. קאזאן, סעקרעטער.

פיערטער יעהרליכער
רעספשאן און באלל

געגעבען ביי די

עמבראידערי ווארקערס יוניאן
לאקאל 6 א. ל. ג. וו. י.

שבת אבענד, פעברואר 15טען, 9191

אין מעקינלי סקווער קאסינא, 169טע סטריט און באסטאן ראוד, בראנקס.
מוזיק ביי הענרי מ. קיעלגאטש דזשאס בענד.
טיקעטס, אריינרעכענענדיג ווארטעקס און ווארדראוב 50ס.

דער
ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז ניט בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעל־שאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שיטצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמ־בערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמ־פעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!
נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

די דריי בעסטע סארטען טהעע אין דער וועלט

קאלומביא טהעע, וויסאצקי טהעע, וייט לילי טהעע

185 דיוויזשאן סטריט, ניו יארק.

אויך די הערקוואַרטערס פון די ווהייט לילי קאקא. און פון אלע סארטען קאפע — פריש געברענט יעדען טאג.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אַן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 5. Price 3 cents. Friday, February 14, 1919. פרייטאג, דעם 14טען פעברואר, 1919.

צו דער ריזיגער פיקעט דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג!

דער זיעג פון די סטרייקענדע לײדיעס ווייסט מייקערס איז שוין גאר־גאר נאהענט.

א העלפט פון די סטרייקער, 15 טויזענד אין צאהל, האבען שוין געזיעגט. די גאנצע שטאדט קאכט מיט'ן סטרייק. שלעזינגער איז „טהי ביזיעסט מען אין טאון", ווי מען זאגט עס אויף ענג־ליש. א חוץ אלערליי קאנפערענצען מיט די באסעס, סיי די לײדיעס ווייסט מייקער באסעס, וועלכע האלטען אין איין אפטרעסלען און אפברעקלען זיך פון דער אסאסיאיישאן, און סיי מיט די באסעס פון אנדערע טריידס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן דער אינטערנעשאנעל, מוז ער נאך האלטען לעקטשורס אין פארשיעדענע טשוירטשעס, לײדיעס קלובס, וועלכע זיינען שטארק נייגעריג צו הערען פון דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל וועגען די הויפט־אישוס פון סטרייק. ווי דער פרעזידענט, אזוי איז די גאנצע אינטערנעשאנעל ביזי. עס קלייבען זיך צום קאמפף די ווהייט־גודס מייקערס יוניאן, פון וועלכער ס. שאר איז דער ראש המדברים. עס קליי־בען זיך אויפ'ן מלחמה־וועג די ראפער און קימאנא מייקערס, און אלע מיט איין געשריי: א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, א רייז אין ווידזשעס און אלע איבעריגע פאדערונגען, וואס די לײדיעס ווייסט מייקערס יוניאן שטעלט. די טשילדרענס דרעס מייקערס יוניאן פיהרט אויס אלע איהרע פאדערונגען ביי דער אסאסיאיישאן אהן א סטרייק, דאך בלייבען נאך ניט געסעטעלט די אינדעפענדענט און ניט־יוניאן שעפער, און אין די שעפער וועט זיך אנפאנגען דער קאמפף נעקסטען מאנטאג. לעצטען מאנטאג פריה איז פארגעקומען א גרויסע, וואונדערליכע דעמאנ־סטראציע וועלכע עס וועלען קיינמאל ניט פארגעסען די, וועלכע האבען איהר ביינעוואוינט! דעם מאנטאג מוז די דעמאנסטראציע זיין נאך פיעל גרעסער. שלעזינגער, באראף, זיגמאן, זייד־מאן און די גאנצע דזשענעראל סטרייק קאמיטע וועט זיין אין דער פיקעט־ליין.

אודאי, ווען די רעדעל־פיהרער פון דער באסעס אסאסיאיישאן פון דער לײ־דיס ווייסט אינדוסטריע וואלטען געקאנט פאראויסזעהן מיט פיער וואכען צוריק אלעס, וואס איז און האט געמוזט פארקו־מען פון דעם מאמענט, ווען זיי האבען מיט אזא לייכטזיניגקייט ארויסגערופען דעם סטרייק פון זייערע טויזענדער און טויזענדער ארבייטער, קענט איהר וועטען צעהן צו איינס, אז זיי וואלטען עס קיינ־מאל, קיינמאל ניט געטאן. אבער אזוי איז שוין דער נארישער מענש. עס קומט אויף איהם אן א מינוט פון משוגעת, פון ווילדקייט. ער פארגעסט אלע לעסאנס פון דער פארגאנגענהייט, און ער שלעפט אויף זיך אליין צרות. אלמאי ניקאלאי און ווילהעלם! די מאכט מאכט בלינד, משוגע. אזעלכע מענשען הייבען אן ליי־דען פון דעם, וואס מען רופט גרעסען־וואהן. דאס איז אזא איינרייידעניש, אז קיין גרעסערער, קיין שטארקערער פאר מיר איז גאר אויף דער וועלט ניטא. זיי גלויבען, אז די גאנצע וועלט דארף ליגען פאר זיי אין שטויב און לויכטען זיך אין זייערע נארישע פנים'ער. און זיי רופען ארויס דעם קאמפף, וועלכער געדויערט אמאל לענגער, אמאל קירצער, אבער אי־מער־צו מיט א פינסטערען סוף פאר זיי און פאר אלע זייערע נארישע אמביציעס.

מען קען ניט זיין אין כעס אויף דעם סארט ווארייאטען, כאטש זיי פאראור־זאכען אזוי פיעל אומגליקען פאר דער וועלט. זיי זיינען נעביך גייסטיג קראנק. זיי געהערען גיכער אין א האספיטאל פאר גייסטיג־קראנקע, ווי אין פריזאן.

די באסעס פון דער אסאסיאיישן זיי־נען באפאלען געווארען אט פון דער זעל־בער גייסטינער פארפינסטערונג, ווען זיי האבען דערלאזען, אז דינסטאג, דעם 21־טען יאנואר, זאלען זייערע ארבייטער פאר־לאזען זייערע שעפער. זיי האבען עס געטאן, ווייל זיי האבען זיך איינגערעדט, אז, ערשטענס, וועלען זייערע ארבייטער די שעפער ניט פארלאזען. וואס הייסט זיי וועלען ארויסגעהן, ווארפען זייערע דזשאבס, אין מיטען ווינטער, ווען דער יקרות ברענט, און ווען ווענינע פון זיי האבען עפעס אפגעשפארט? צווייטענס, האבען זיי גערעכענט, אז, אויב די ארביי־טער וועלען פארלאזען די שעפער, וועלען זיי באלד צוריקקומען. וואס דען, עס איז עפעס א תכלית ארומצובלאנקע־נען זיך אין די גאסען? דריטענס הא־בען זיי גערעכענט, אז אויב ניט זייערע ארבייטער פון פאר'ן סטרייק, וועלען זיין אנדערע וואס גארען צו קריגען א דזשאב.

אט דאס איז געווען די באסישע אונ־גליקליכע, פאר זיי, איינרייידעניש. און וואס איז איצט געווארען פון אט די אלע האפנונגען? א רואינע! די ארביי־טער זיינען ארויס פון די שעפער, אבער צוריגעקעהרט זיך בעטען ארבייט האבען זיי ניט. קיין אנדערע אויף זייערע פלע־צער זיינען אויך ניטא. א העלפט פון די סטרייקער ארבייטען שוין צוריק, און אויף די באדינגונגען, וועלכע זיי האבען גע־שטעלט, און די גאנצע באסעס־חברותא, וואס האט אויסגעזעהן צו זיין אזוי איי־ניג און פעסט ערשט מיט פיער וואכען צוריק, האלט זיך אין איין צוברעקלען, ווי אן אלטע, פארפוילטע געביידע, און דער קאמפף פון די לײדיעס ווייסט מיי־קערס ווערט מיט יעדען טאג, מיט יעדער שטונדע אלץ שארפער, ענערגישער!

דאס איז דער רעזולטאט פון דעם פיער־וואכיגען קאמפף! און האבען מיר זיי ניט געווארענט? האבען מיר זיי ניט געזאגט, אז זיי וועלען זיך רייסען די האר פון קאפ? עס האט אבער ניט געהאל־פען. אז מענשען זיינען משוגע געווארען אויף דעם געדאנק פון אלמעכטיגקייט, איז דאך ניט שייך. אבער איצט זעהען זיי שוין דאס אליין איין. פיעלע פון זיי הא־בען שוין אוועקגעלייגט זייערע וואפען און זיך אונטערגעגעבען. אבער עס זיינען נאך פארבליבען גענוג עקשנים צווישען די באסעס. און עס שטעלט זיך די פרא־גע, וויפיעל טעג וועט נאך נעהמען, ביז זיי וועלען דערזעהן די ליכט? און מיר אפעלירען צו די סטרייקער איצט: העלפט זיי, די אונגליקליכע באסעס איירע, צו קומען וואס גיכער צו זייער פארשטאנד. זאל אייער רחמנות־געפיהל זיין דאס מאל שטארקער פון אייער צארן, און לאזט ניט די עטליכע מענשען, וואס האבען זיך גאנץ ניש־קשה'דיג ארויפגעארבייט, צו קומען אין דער לאגע צו ווערען צוריק פעדלער מיט עפעל, וואס זיי זיינען אמאל גע־ווען.

און ווי קענט איהר, סטרייקערינס, עס טאן בעסער, ווי ארויסצוקומען נעקסטען מאנטאג אין אייער גאנצער מאכט, ווי־פיעל איהר זיינט נאך פארבליבען, אהום 15-20 טויזענד? אפשר וועלען די בא־סעס דאך איינזעהן, ווי דאס האבען שוין איינגעזעהן הונדערטער פון זייערע חברים, אז יעדע ווייטערע שטונדע פון קאמפף מיינט פשוט רואינע פאר זיי.

זיי, אייערע באסעס, זיינען דאך בלינד; זיי קענען זיך נאך איינריידען, אז ווייל איהר אייער סטרייק אזוי שטיל, אזוי מיושב'דיג, אזוי אהן געפילדער, איז א סימן, אז אייער הארץ איז ניט אין דעם גרויסען קאמפף. זיי קענען דאך ניט פאר־שטעהן, אז אייער שטילער קאמפף קומט נאר פון אייער זיכערהייט אין אייער ענד־ליכען זיעג, פון אייער באוואוסטזיין, אז קיין מאכט קען פון אייך דעם זיעג ניט ארויסרייסען. דאס צו פארשטעהן, דארף מען זיין א שטיקעלע פסיכאלאג. די באסעס אייערע זיינען אבער ניט קיין מענשען פון דעם סארט. טו ניט זיי צו פארשטעהן דורך אייער דעמאנסטראציע נעקסטען מאנטאג אט דעם קלארען גע־דאנק. זאלען זיי איינזעהן, אז קיינמאל, קיינמאל וועט איהר זיך ניט צוריקקעהרען אין זייערע שעפער, ביז זיי וועלען ניט נאכגעבען די גערעכטע, די אונבאדינגטע

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 5 „גערעכטיגקייט"

זייט 1. צו דער ריעזיגער פיקעט־דעמאנ־סטראציע נעקסטען מאנטאג — רעדאקציע. ספעציעלע טעלעגראמע פון קליוולאנד — מ. פערלשטיין.
זייט 2. ביי אונז אין לאנד (די וויכטיגסטע פאסירונגען פון וואך) — הלל ראגאף.
זייט 3. דער געווינס פון פרייער צייט — דזשוליעט סטוארט פאינטץ. קארטון פון מ. לאעב.
זייט 4. א מערקווירדיג שעהנער מיטינג פון קלאוקמאכער — ל. פינקעלשטיין. ביל־דער פונ'ם ווייסטמאכער סטרייק — עליאס ליבערמאן.
זייט 5. אונזער אינטערנעשאנאל איבער'ן לאנד — מאקס ד. דעניש.
זייט 6. עטליכע שעהן פארבראכטע שטונ־דען — יעגטע סערדאצקי. דער מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 7. אברהם לינקאלן — לואיס וו. גאל־דעסמאן. אמאליגע גוטע ווערקציג פון די באסעס, היינטיגע גוטע יוניאן לייט — מ. י. אשפיז.
זייט 8. אינגעבארג (ראמאן — ב. קעלער־מאן.
זייט 9. ראמאן. א פארשפעטיגטע באגרי־סונג — ס. שאר.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. די לעצטע גרויסע סטרייקס אין אמעריקא — א. זעלדין. וואו געהסטו, מיין חבר? (געדיכט) — י. אדלער.
זייט 12. די נויטווענדיגקייט פון וואך־אר־בייט אין קלאוקס־טרייד — מאריס זיג־מאן. גיט מיר צוריק די מלחמה (פע־ליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. די אינטערנאציאנאלע ארבייטער־וועלט — וויליאם מ. פיינענבוים.
זייט 14. צוויי דיכטערינס פון עלענד און נויט — ל. לאקסאן. די וועלט וואלט שעהן געווען... (געדיכט) — יוסף קא־נאפסקע.
זייט 15. דעמאביליזאציע און די ארביי־טער — מ. קאלטשין. מענשען הערצער (ערצעהלונג) — סעמועל דייקסעל.
זייט 16. קורצע שמועסען צווישען רעדאק־טאר און לעזער. דער רעקארד דעפארט־מענט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוני־יאן — נ. מ. מינקאוו.
זייט 17. די לײדיס טיילארס יוניאן לאקאל 80 געווינט א באדייטענדען סטרייק. דער נייער האספיטאל אין בראנזוויל. אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער יוניאן — ס. ליבערטי.
זייט 18. געסעטעלטע פירמען פון ווייסט־מאכער סטרייק. ראמאן (שלום פון ז. 9.)
זייט 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. צווישען די ווייסטמאכער סטרוי־קער — א סטעף רעפארטער. וויכטי־געס און אינטערעסאנטעס אין לאק. 66 — אסיפ וואלינסקי.

קליוולאנדער קלאוק מאכער וועלען שאפען א סטרייק־פאנד

(ספעציעלע טעלעגראמע צו דער „גערעכטיגקייט")

קליוולאנד, דעם 12טען פעברואר. — מאנטאג אוונד, דעם 10טען פעברואר, איז דא אפגעהאלטען געווארען א מאס־מיטינג פון מיטגליעדער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און עס איז באשלאסען גע־ווארען, דאס א טעקס פאר א דזשענעראל סטרייק־פאנד זאל ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען מיטגליעדער פון דער יוניאן. יעדער מאן וועט איינצאהלען פינף דא־לאר און יעדע פרוי דריי דאלאר. אלע פארפליכטען זיך איינצוצאהלען דעם דא־זיגען טעקס אין די נעקסטע פינף וואכען.

מ. פערלשטיין.

א געדענקווירדיגער מאנטאג

פון א סטעף רעפארטער.

איך וויל דא זיין גאנץ אפענהערציג מיט אונזערע לעזער. די פיקעט דעמאנסטראציע לעצטען מאנטאג אין דערפריה, ארום די ווייסט און דרעס שעפער אין ניו יארק, איז ניט געווען אזוי גרויס ווי זי האט געזאלט און געדארפט זיין, כאטש די פיקעט ליין איז געווען א סך, א סך גרעסער ווי אירגענד וועלכען פריהמארגען בעפאר; גרויס גענוג צו מאכען א שטארקען איינדרוק אויף אלע פארבייגעהער. די פיקעט ליין איז דאך געווען גאנץ וואזשנע און איינדרוקספול.

נאך גאנץ פריה, אין דעם גרויען קאלטען פריהמארגען, ווען עס איז אזוי אנגענעהם צו ליגען אין א ווארימער בעט, האט מען שוין געקענט זעהן מארשירען אהין און צוריק אויף די טראטוארען לעבען די ווייסט און דרעס שעפער, וואס זיינען אין סטרייק, טויזענדער מיידלאך און פרויען, ווייסע און שווארצע, יונגע און עלטערע, און אויך א סך מענער. די גאסען פון דער 36טער סטרים ארונטער דאון-טאון, צווישען דער 6טער און מעדיסאן עווענויס, זיינען יענעם פריהמארגען גאנץ פריה באלעבט געווארען. די מוטיגע סטרייקער האבען פון דרויסען באטראכט די הויכע בילדינגס, אין וועלכע עס געפינען זיך די שעפער, וואו זיי פארברענגען די שענסטע און בעסטע יאהרען פון זייער לעבען! איצטער האבען זיי צייט געהאט צו באטראכטען פון דרויסען די ווייסטע לעדערע שעפער, אין וועלכע זיי פארלירען פאר די עטליכע דאלאר, וואס זיי פארדינען, זייער יוגענד, זייער פרישקייט און שעהנקייט, זייער געזונד און לעבען!

און זיי שפאצירען ארום דרייסט, שטאלץ, מיט באגייסטערונג פאר זייער יוניאן. זיי ווייסען גאנץ גוט, דאס ווען ניט זייער יוניאן, וואלט נאך זייער לאגע געווען טויזענד מאל ערגער. אין זייערע אויגען בליסטשעט א הייליגער פייערעל פון ליעבע צו דער ארגאניזאציאן, צו דער יוניאן, וואס זיי שטעהען איצט אויף דער וואך איהר צו פארטיידיגען קעגען דעם שמוציגען אנגריף פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן מיט זייערע משרתים, און פון טיעפען הארצען רייסט זיך ארויס ביי זיי א פלוך פאר זייערע בעלי בתים, וועלכע ווערען רייך און פעט פון דעם ארבייטער'ס שוויים און בלוט, און פארצאפען דעם ארבייטער'ס בלוט יעדעס מאל ווען זייער יוניאן פארלאנגט עטליכע סענט מעהר פאר דער שווערער פראצע!

לעבען א הויכער בילדונג אין דער 23טער סטריט שטעהען עטליכע מיידלאך, סטרייקערינס, און רעדען צווישען זיך. איך געה אונטער און פארציה מיט זיי א קורצען שמועס.

— וואס דענקט איהר — פאנג איך אן — וועגען די טענה פון אייערע באסעס, דאס די יוניאן פארלאנגט פון זיי אז ווען אן 18 יעהריגע מיידעל קומט אריין ארבייטען אין א שאפ, מוז זי שוין דארט זיצע ביז זי ווערט א באביצע פון 60—70 יאהר?

— זאלען די באסעס אזוי לעבען, צו דאס איז אמת! — שרייט אויס איינע.

— וואס דען, רופט זיך אפ א צווייטע אביסעל סארקאסטיש, — עס איז דאך אזא פלעזשור צו זיצען ביי זיי אין די שעפער, אז מען דארף זיך נאך שלאגען פאר דער פריווילעגיע דארט אפצופינסטערען דאס גאנצע לעבען!

— אויב די בעלי בתים אונזערע האבען טעכטער, — מישט זיך אריין א דריטע, — ווינשען מיר זיי, אז זיי זאלען זיין גליקליכער ווי מיר זיינען. מיר ווינשען זיי, — רעדט זי ווייטער, — דאס ווען זיי וועלען דארפען געהן ארבייטען אין א שאפ, ווי מיר, זאלען זיי קריגען אזעלכע פלעצער, וואו זיי וועלען קאנען אפפינסטערען דאס גאנצע לעבען!... מיר אבער ווילען דאס ניט, מיר זיינען זיי דאס מוחל!

— סטרייקערינס פון אזא הויכער אינטעליגענץ, ווי איהר האט דא ארויסגעוויזען — רוף איך זיך אפ — וועלען אייערע נארישע באסעס קיין מאל, קיין מאל ניט באזיעגען.

* * *

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. די פיקעט דעמאנסטראציע מאנטאג גאנץ פריה האט אויך געהאט די ווירקונג, וואס די סטרייקער האבען זיך צוגעוואוינט צום פיקעטען. און דער רעזולטאט איז, דאס דעם נעקסטען פריהמארגען, דינסטאג פריה, איז די פיקעט ליין ארום די ווייסט שעפער געווען פונקט אזוי גרויס, און אפשר נאך גרעסער, ווי מאנטאג אין דער פריה. דאס איז ווירקליך זעהר, זעהר גוט.

די מאססמיטינגען מאנטאג נאכמיטאג.

דעם זעלבען מאנטאג נאכמיטאג, זיינען אין די מעהרסטע האלס וואו די סטרייקער פארזאמלען זיך, אפגעהאלטען געווארען גרויסע, זעהר ענטוזיאסטישע מאססמיטינגען. אויף די מיטינגען האבען גערעדט די פיהרער פון אונזער יוניאן, פון דעם סטרייק און אויך איינגעלאדענע אנגעזעהענע געסט פון דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג.

די מיטינגען זיינען אפגעהאלטען געווארען אין אלע האלס כמעט אין דער זעלבינער צייט און איך האב געקענט באזוכען בלויז צוויי פון זיי, אין בעטהאווען האל און אין מאנהעטען לייסעאום.

און מיין מזל האט מיר דעם מאל גראדע-גוט אונטערגעשפיעלט. אין בעטהאווען האל האב איך געטראפען רעדען פרעזידענט שלעזינגער און אין מאנהעטען לייסעאום גענ. ש. יאנאווסקי, דעם רעדאקטאר פון דיעזער צייטונג, און איך וועל פרובען אייך איבערגעבען כאטש אין קורצען דעם תמצית פון ביידענס גאנץ זאכליכע און אויסגעהאלטענע רעדען.

ברודער שלעזינגער האט באקומען א זעהר ווארימע אויפנאהמע. מען האט איהם פיעל אפלאדירט נאך איידער ער האט אנגעפאנגען רעדען, און נאך מעהר ווען ער האט געענדיגט. ער האט גערעדט אזוי קלאר און דייטליך, דאס אלע אנוועזענדע אין האל האבען גאנץ גענוי פארשטאנען אלעס וואס ער האט געזאגט און זיי האבען זיך דעריבער גאנץ אויפמערקזאם צוגעהערט צו יעדען ווארט וואס ער האט ארויסגעזאגט. ער איז געקומען רעדען ספעציעל אין דעם האל, ווייל דארט געפינט זיך די פיקעט קאמיטע, און פאר זיי ספעציעל האט ער געוואלט קלאר מאכען די ריכטיגע אישום פון דעם סטרייק.

„ווען דער סטרייק האט אויסגעבראכען, — האט ער אנגעפאנגען, — האב איך געדענקט, אז איך וועל יעדען טאג אדרעסירען די סטרייקער אין אלע האלס וואו זיי פארזאמלען זיך. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, דאס איך קאן דאס ליידער ניט טאן, ביי מיין בעסטען ווילען. צו פיהרען א גרויסען סטרייק — רעדט ער ווייטער — איז ניט קיין לייכטע ארבייט. עס איז דא א מאסע ארבייט אין אפיס, וואס מוז געטאן ווערען פונקט אזוי פינקטליך ווי עס דארף געטאן ווערען אייער ארבייט, אין דער פיקעט ליין, און דאס פארשלינגט מיין גאנצע צייט".

ער מאכט דאן א שטארקען אפיעל צו אלע אין האל, צו זיין אויף דער וואך, צו טאן גאנץ געוויסענהאפט זייער פליכט אין דער פיקעט ליין און דאס וועט פיעל העלפען דער סטרייק זאל זיך ניט לאנג פארציהען.

„דאס אבער — זאגט ער — דארף ניט ווערען אויסגעטייטשט, אז מיר זיינען שוין מיעד געווארען פון סטרייק. א, ניין! — שרייט ער אויס — אויב נויטיג וועלען מיר סטרייקען, סטרייקען און סטרייקען! מיר וועלען סטרייקען ביז די בעלי בתים, וועלכע האבען זיך געלאזען פארפיהרען פון זייער, משטיינס געזאגט, לאיער, וועלען קומען צום שכל און אוועקווארפען זייער אידיאטישע שטעלונג אין באצוג דער פראגע פון דיסטשארדזש, וועלכע זיי האבען אזוי נאריש אויפגעבלאזען".

ער גיט דאן א היסטארישען איבערבליק איבער אלע קעמפפע פון די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן אין פריהערדיגע יאהרען און ער ווייזט אן דעם אונטערשיעד פון דעם כאראקטער וואס יעדער קאמפף באזונדער האט געטראגען, און ער קומט אזוי נאך צו די הויפט אישום אין איצטיגען סטרייק. וועגען דעם זאגט ער:

„די ווייסט און דרעס באסעס פון דער אסאסיאיישאן האבען צוויי ברירות. זיי קענען אויסקלייבען איינע פון די צוויי: אדער זיך ארויסשלאגען דעם משוגעת פון קאפ וועגען דער פראגע פון דיסטשארדזש, אדער ארויס פון ביזנעס.

„זיי מעגען וויסען, אז די יוניאן וועט קיינמאל ניט צושטימען, אז באסעס זאלען מעגען דיסטשארדזשען ארבייטער אהן א טרייעל, אהן א „באארד אוו רעוויו".

עס וואלט געווען א פינסטערער טאג פאר דער אינדוסטריע און פאר די צעהנדלינגע טויזענדער מענשען וואס זיינען אפהענגיג פון איהר, ווען די באסעס זאלען קענען „פייערן" ארבייטער ווען זיי וועט זיך נאר פארגלוסטען.

„די אסאסיאיישאן באסעס ווילען מאכען דעם איינדרוק, דורך סטייטמענטס אין די צייטונגען, אז די יוניאן פאדערט פון זיי, אז זיי מוזען האלטען ארבייטער דעם גאנצען לעבען; אז אויב א מיידעל קומט אן ארבייטען אין א שאפ ווען זי איז 16 יאהר אלט, מוז איהר דער באס האלטען ביז זי ווערט 70 יאהר.

„זייערע סטייטמענטס זיינען אזוי אומגעלומפערט, אז זיי רופען ארויס דעם גרעסטען געלעכטער אין גאנץ ניו יארק. עס וואלט געווען אך און וועה צו די ארבייטער, — שרייט ער אויס — ווען זיי וואלטען געדארפט ארבייטען דעם גאנצען לעבען ביי די „דזשענטלמען" פון דער אסאסיאיישאן. (גרויסער אפלאז).

„וואס די יוניאן פאדערט — און פאר דיעזע פאדערונגען וועט זי קעמפפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט — איז: 1) פון דעם ארבייטער, וואס איז דיסטשארדזש געווארען, זאל ניט ווערען צוגענומען דאס רעכט פון אפעלירען צו א „טרייעל באארד", און אין 24 שטונדען זאל די טרייעל באארד ענטשיידען צו די האנדלונג פון דעם באס איז געווען גערעכט.

2) א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, כדי צו האבען רעגולערע באשעפטיגונג.

3) 15 פראצענט א רעיז אויף די ווירדזשעס, כדי צו קענען נאכקומען דעם יקרות.

4) אן אפיסער פון דער יוניאן זאל קענען וועניגסטענס איין מאל אין מאנאט ארויפקומען אין א שאפ צו זעהן, אז די יוניאן סטענדארדס זאלען ווערען אפגעהיט.

„פאר דעם וועלען מיר קעמפפען — רופט ער אויס — ביז וואנען אין אונז וועט זיין א פונק לעבען.

„וואס שנעלער די אסאסיאיישאן באסעס וועלען זיך ארומזעהען וואו זיי זיינען אין דער וועלט, אלץ בעסער וועט פאר זיי זיין. זיי האבען צוויי ברירות: אדער סעטלען מיט דער יוניאן אדער ארויס פון ביזנעס!"

די רעדע איז פון די סטרייקער אויפגענומען געווארען מיט א גרויסער אוואציע.

* * *

ניט מיט ווייניגער בייפאל איז אויפגענומען געווארען גענ. יאנאווסקי'ס רעדע אין מאנהעטען לייסעאום.

יאנאווסקי האט געהאלטען א קורצע, הארציגע, העכסט אגיטאטארישע רעדע, וואס איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען גאנץ זאכליך.

ער האט די סטרייקער ניט געשאנעוועט און זיי אריינגעגעבען א היבשע פארציע מוסר. ער האט זיי געזאגט גאנץ פליין, דאס לויט זיינע בעאבאכטונגען, זיינען זיי ניט גענוג אקטיוו אין דעם סטרייק און ער האט געמאכט א שטארקען אפיעל זיי זאלען זיך מעהר באטייליגען אין דער פיקעט-ליין, ווי זיי האבען דאס געטאן ביז איצט.

ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף דעם, וואס מאנכע פון די סטרייקער איילען זיך אזוי, מען זאל וואס גיכער „אפסעטלען" מיט דער באלעבאס, ביי וועלכען זיי ארבייטען. ער ווייזט אן ווי געפעהרליך עס וואלט געווען, די יוניאן זאל מאכען איבעראיילטע סעטלמענטס, איידער מען איז פאזיטיוו איבערצייגט, דאס אין די שעפער וועט ניט געמאכט ווערען אפילו איין שטאך ארבייט פאר א פירמע וואס איז אין סטרייק. היינט — פרעגט ער — וואס איז סתם אזוי דער געאייל? די סטרייקער האבען זיך אפילו נאך ניט רעכט אויסגערוהט, נאך ריכטיג זיך ניט אויסגעשלאפען און זיי איילען זיך שוין ווידער אנצופאנגען ארבייטען... און ער פאדערט זיי אויף צו האבען אביסעל מעהר אויסדויער און זייער זיג וועט אלץ זיין א גרעסערער.

ער באריהרט דאן דעם פונקט פון סטרייקס און רעוואלוציאנען, אדער סטרייקער און רעוואלוציאנערען.

„ווי קומט עס — פרעגט ער — וואס די זעלבינע ארבייטער, וועלכע זיינען אזוי ענטוזיאסטיש וועגען די רעוואלוציאנען אין אייראפא און אפלאדירען מיט אזא פייערדיגקייט ווען א רעדנער דערמאנט דאס ווארט באלשעוויזם, זיינען אזוי גלייכגילטיג און פארשלאפען צו זייער אייגענעם קאמפף, צו זייער אייגענעם סטרייק? וועל, — שרייט ער אויס — פארשלאפענע סטרייקער וועלען קיינמאל ניט זיין גוטע וואכזאמע רעוואלוציאנערען!"

„א סטרייק — רעדט ער ווייטער — איז א רעוואלוציע! אט די קלענערע און גרעסערע סטרייקס זיינען די פארלויפער פון די גרויסע רעוואלוציאנען, וועלכע זיינען דער שלום-אקט פון דעם גרויסען, אייביג אנגעהענדען ארבייטער-קאמפף פאר מעהר ברויט, פאר מעהר ליכט און פאר מעהר פרייהייט!

„א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, שוועסטער און ברידער, איז א גרויסע רעוואלוציע! און א סטרייק פאר אזא פאדערונג דא, ביי זיך אין דער היים, ווירקט מעהר אויף די מאנופעקטשורער ווי די גרעסטע רעוואלוציאנען אין אייראפא! איהר מעגט רעדען פון רעוואלוציאנען אין אייראפא וויפיעל אייער הארץ גלוסט, און עס ארט זיי ניט. פארלאנגט נור אבער פון זיי מענשליכע באהאנדלונג און א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך און איהר זעהט גלייך ווי זיי פאנגען אן צו טאנצען".

ער אפעלירט דאן נאך אמאל צו די אנוועזענדע, צו זיין לעבעדיגער, ריהרעוודיגער, מעהר אקטיוו, צו זיין אימער גרייט צו געהן אין דער פיקעט ליין, כדי דער גרויסער סטרייק זאל וואס גיכער געווינט ווערען מיט ערפאלג.

ער באקומט א גרויסען אפלאוז, טראץ דעם וואס ער האט זיך ערלויבט דעם עולם אביסעל אויסצו'מוסר'ן.

די סטרייק באוועגונג אין ענגלאנד און איהרע אורזאכען

(שלום פון זייט 13)

א צייטונג פון דארטען, די „טיימז" פון סאן דזשואן, די הויפט שטאדט פון אינזעל זאנט, נאכמאכענדיג די קאפיטאליסטישע פרעסע פון דער גאנצער וועלט, דאס „די אורזאכע פון דעם צוזאמענשטויס ווערט צוגעשריבען צו דער פארשפרייטונג פון געוויסער פאליטישער פראפאגאנדא", — נעמליך: „באלשעוויזם". אבער די אורזאכע פון צוזאמענשטויס, ווי מיר לעזען עס מיט איין פאראגראף העכער, איז די אורזאכע דערפון געווען די צופיעל ארבייטער פאר די צו ווייניגע דזשאבס.

* * *

די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין סויטה אמעריקא ווערט פארטגעזעצט. אין עקוואדאר זיינען געווען אויסברוכען און מאשין ביקסען זיינען אויפגעשטעלט געווארען אויף די דעכער פון די הייזער אין דער שטאדט גייעקאלי, די הויפטשטאדט פון יענער רעפובליק.

די סטרייקס אין ארגענטינע זיינען פארטגעזעצט געווארען וואכען לאנג נאכדעם ווי די קאפיטאליסטישע פרעסע האט זיי „געסעטעלט." דורך דער צייט זיינען די פארטס אין בוענאס איירעס געווען אפגעשטעלט. דעם 9טען מארטש דארף זיך אנפאנגען אין יענער רעפובליק א דזשענעראל סטרייק. אויסברוכען קומען אויך פאר אין טשילי, ארגענטינא, אורוגוויי און באליוויא.

* * *

דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס אין אייראפא, נעהט שוין איצט פיליייכט אן. סעמואל גאמפערס איז געווען שטארק געגען דעם קאנגרעס, וועהרענד פרעזידענט ווילסאן, לויט טעלעגראמען אין דער פרעסע, האט מיט איהם פארבראכט שטונדען, צו איבערצייגען גאמפערס'ען, דאס ער דארף זיך טרעפען מיט די סאציאליסטען פון דער וועלט, אין בערען.

פון אנפאנג, ווי עס מעלדען טעלעגראמען, האבען די בעלגיער ניט געוואלט באגעגענען די דייטשען. אבער ווי עס שיינט, איז אפילו עמיל וואנדערוועלדע, וועלכער איז א דעלעגאט צום פריערען קאנגרעס אין פאריז, איבערגעוואונען געווארען און אויב דער קאנגרעס וועט זיך קאנען צוזאמענקומען, וועלען זיך דארט צוזאמענטרעפען דעלעגאטען פון דער גאנצער וועלט, פון די אליאירטע לענדער, דייטשען, און נייטראלע, ווידער אויפצובויען דעם אינטערנאציאנאל.